1887—1904

# אַלֶע װֶערק
פון
# ש. פרוג

ערשטער טהייל

אויסגאבע פון דער רעדאקציע „דער פריינד“

ס.-פעטערבורג

שנת תרס״ד לפ״ק.

Собраніе сочиненій

# С. Г. ФРУГА

Часть I.

*Изданіе редакціи „Дэръ Фрайндъ“*


С.-Петербургъ,
*Типографія газ. „Дэръ Фрайндъ“, Вознесенскій просп., 53.*
1904.

Дозволено цензурою С.-Петербургъ, 25-го августа 1903 г.


ש. פרוג

# ליעדער פון דעם יודישען זשארגאן.

## פּראָלאָג.

ט־ס־ס־ס!... שאט!... איהר הערט?

דאָס קליינינקע זילבערנע גלעקעלע קלינגט און קלינגט צווישען די פייכטע, גרינע בלעטער...

דאָס זינגט און וויינט, זיפצט און לאַכט אַרייניגקע, הייליגע נשמהלע, וואָס שוועבט און פליהט אַרום אין דער העלער, פרישער אָוועגד־לופט...

דאָס רייניגקע, הייליגע נשמהלע שוועבט איבער די פעלדער און גערטנער, בערג און טהאָלען...

הויבט־אויף און בוינט ווידער אוים גלייך און שטאָלץ די איינגעבוינגענע זאַנגען און די צווייגען פון די יונגינקע בוימעלעך...

בעשפריצט מיט טוי די פערטריקענטע און פערשטויבטע בלעטער פון די גרויסע, אַלטע עפּעל און איילבערט־בוימער...

ציהט־צונויף און פערמאַכט די קלענינקע געקרייזעלטע קעפּעלעך פון די רויזען...

„— שלאָפט־איין, שלאָפט־איין, מיינע ליעבע קינדערלעך — זינגט דאָס רייניגקע, הייליגע נשמהלע —

„— שלאָפט־איין!... מאָרגען, אַז די זונן וועט אויפגעהן, וועל איך ווידער קומען, וועל אויפמאַכען אייערע פערשלאָפענע אויגעלעך, וועל אָבוואַשען אייערע קעפּעלעך מיט דעם פרישען זילבערנעם טוי...

„— און איהר וועט זיך ווידער באָדען אין דעם העלען זונען־שיין, איהר וועט זיך ווידער וואַרעמען אין די גאָלדענע שטראַהלען..."

דאָס זילבערנע גלעקעלע קלינגט און קלינגט... זומער־

פוינעלעך מיט רויטינקע, בלויענקע, גאָלדענע און זילבערנע קוויטעלעך אויף די דינינקע זיידענע און סאַמעטענע פלינגעלעך פליהען און פלאַטערען אין דער לופט...

דאָס רײנינקע, הײליגע נשמהלע שוועבט און קומט־צו צו מײן פענסטער...

„— אַ טער, ליעבער אָחוענד דיר, מײן קראַנקער, מײן טרויעריגער, פערקלאָגטער, פעריאָמערטער יודישער מחבר!“ — הערט זיך מיר אַ ליעבע, אַ זיסע שטימע:

„— אַ גרוס דיר פון דעם באַרג „כרמל“, פון טהאָל „שרון“!—

און אַ גאַנצער הויפען װײַסינקע ליליען און רויטינקע רויזען שיטען זיך־אויס אויף מײן שרײב־טיש...

איך נעהם אַראָב פון דער װאַנד מײן פידעל—די אַלטע, הײליגע אַרפע, װאָס איז אַמאָל געהאַנגען אויף די װערבעס בײ'ם ברעג טײך אין בבל...

מײנע בלײכע, דאַרע פינגער הויבען אָן צו ציטערען אויף איהרע אָנגעצױגענע גאָלדענע סטרונעס,— און אַ ליעד אַ זיסעס, ליעבעס ליעד, קלינגט און גיסט זיך אין דער בלויער, קיהלער אָװענד־לופט:

* *

*

און אַ קראַנץ פון העלע שטערען,
אויסגעצירט אין הימעל־פראַכט,
אויף די װעלדער, אויף די טהאָלען
שוועבט די שענע, בלויע נאַכט;

* *

*

פערעל שיטען זיך און פאַלען
אויף דאָס גרינע גראָז אַראָב
פון די לאַנגע שוואַרצע לאָקען,
פון איהר שענעם, שטאָלצען קאָפּ.

פערעל שיטען זיך און גלענצען,
בלומען פאַלען אָהן אַ צאָהל
אויף די גערטנער, אויף די פעלדער
און אויף יעדען באַרג און טהאָל...

„פערעל . . . בלומען . . . “

אַךְ, חֲלוֹמוֹת... חֲלוֹמוֹת!

די מוזע, די אײביג־יונגע און אײביג־שײנע מוזע, מיט די לאַנגע ברוינע לאָקען, מיט די בליהענדע ראָזאָווע בעקעלעך, מיט די פרישע רויטינקע ליפּעלעך. וועלכע עס קיסען נאָר מַלְאָכִים, די שײנע, געטליך־שײנע בַּת־מַלְכָּה מיט אַ זיעבען־סטרונענע אַרפע אין אײן האַנד און מיט אַ לאָרבער־קרענצעל אין דער אַנדערער, די קינצליכע זינגערין און שפּילערין, דאָס חײַסינקע, אונשולדיגע, ליעבע טײַבעלע... וואו איז זי? וואו איז זי?...

חֲלוֹמוֹת!... חֲלוֹמוֹת!...

* *

*

בלאַס ווי די וואַנד, מיט בלויע, פערטריקענטע ליפּען, מיט קראַנקע, קורץ־זיכטיגע אויגען, מיט געלע, אָבגעבליאַקעוועטע באַקען, צײַנגעבויגען דעם רוקען און אָנגעשפּאַרט מיט בײדע דאַרע אײַנגעשרומפּענע הענד אויף אַ שטעקען, שטעהט פאַר מיר אַ זְקֵנָה, אַ דאַרע, אַ קוואַרע, פערחוּשכט, פעריאָמערט, אָבגעריסען, אָבגעשליסען... זי כאַפּט זיך אָן מיט בײדע הענד בײַ'ם האַרצען, פערגעהט זיך אין אַ לאַנגען, טיעפען שרעקליכען הוסט און הוסטענדיג סטאַרעט זי זיך עפּעס אויסצורײדען...

איך קוק זיך אײַן אין איהר בלאַסען, אײַנגעקנײטשטען פָּנִים, הער זיך אײַן אין איהר הײזעריגען קול און קען אָבער קײן אײנציגעס וואָרט ניט פערשטעהן...

און איהרע בְּגָדִים!!....

אַנ'אַלטע, צעריסענע, צובּיסענע, פערשמאָדערטע וואַטובקע; אײן צרבעל אַ געלער, דער אַנדערער אַ בלויער; אײן פּאָלע אַ ווײַסע, פערקאַפּעט מיט הבדלה־וואַקס, מיט טשאָלענט־יוך און מיט נאָך עפּעס... די צַנדערע פּאָלע אַ שוואַרצע פון אויבען ביז אַראָב בעמאָלט מיט פּיפּערנאָטערס, וויזעלטהירען, קאַפּהענער, מויל־אײזלען, מָגֵן־דָוִד'לעך, לְכָבוֹד'לעך, לְפּ"ק'לעך און יְרוֹ־יָאִיר'ס — אויסגעקרײַזעלטע און אויסגעקינסטעלטע — אַ חִיוֹת! אויף דער פּלײצע אויסגעדרוקט מיט רש"י־כְּתַב אַ שְׁפְּרוּךְ פון אַ'נ־עַין הָרָע:

„א"ש"ט"ר"ב"ו — דאָ שפּראַך דער מַלְאָךְ:
וואוהין ווילסט דו אַהין געהן? —

— צו פְּלוֹנִי בֶּן פְּלוֹנִי, װיל עֶסעֶן זײַן לײַב
און טרינקען זײַן בלוט..." וכו'.

אויף איין פוס אַ חֲלִיצָה-שיכעל, אויף דעם אַנדערען אַ װײַסע יום-כּיפּור-זאָק; אויף׳ן קאָפּ...

נאָר גענוג!...

װײַסט איהר, װער דאָס איז?

װעה צו אונז! װעה צו אונזערע יאָהרען!

דאָס איז זי, אונזער ליעבע, טײַערע, יודישע זשאַרגאָן-מוזע!...

אַלץ שײַנט און גלענצט, און לײַכט אויף איהר,
עס קלינגט און זינגט, און בליצט!...
אַ גוטען אָװענד, באָבעניו!
פון װאַנען קומט איהר איצט?

— פון װאַנען?... חְהעֶ-חְהעֶ-חְהעֶ!... אַ שְׁאֵלָה! — פון מִזְרָח-װאַנד, נְשָׁמָה מײַנע, פון מִזְרָח-װאַנד!...

געשװאומען אויף אַלע זיעבען יַמִים;
געשפּיעלט זיך מיט׳ן לִוְיָתָן;
געפאָהרען רײַטענדיג אויף׳ן שור-הַבָּר;
געװעזען אויף יענער זײַט סַמְבַּטְיוֹן, בײַ די רויטע יודעלעך;
געגעסען באָקסערען מיט מילגראַמען;
געקוקט װי דער הימעל שפּאַלט זיך;
געװאָהר-געװאָרען די לִוְיָתָנ׳טע אין דעם יַם-הַמֶּלַח (ניש׳ט-קְשֵׁה, זי זאַלצט זיך, װעט ניט קאַליע װערען)...
און אָט, נאַ, קוק, איך האָב דיר געבראַכט מַתָּנוֹת:
זעהסט? —
אָט איז אַ שטיקעל קראָפּיװע, װאָס װאַקסט נעבען דעם כֹּתֶל-הַמַּעֲרָבִי;
אָט איז אַ הויפען ערד פון דער מוטער-רָחֵל׳ס קֶבֶר;
אָט איז אַנ׳איי, אויסגעקאָכט אין די הײַסע קװעלען פון טְבֶרְיָה;
אָט איז אַ שטיקעל פּאָדקאָװע פון בִּלְעָם׳ס אייזעל...

... נאָר, בְּקִיצוּר, גענוג פון דײַנעטװעגען... הא? װאָס? יאָ, יאָ, איך װײס, כ׳װײס: דו װילסט נאָך עפּעס: גרינס. װילסט דו—אַ גרעזעלע, אַ בלעטעלע, אַ בלומעלע... אוי, דו נאַר, דו נאַר!... נו נאַ דיר, נאַ... אָט האָסטו — אַ גריניקע, אַ פרי-

שינקע, אַ שפּאַנעל־נײַע הושענא'לע!... נעהם, בעהאלט, ס'װעט צו נוץ קומען...

— נו, ביסטו צופריעדען מיט מיר?...

„— איך... באַבעניו... איהר װײסט דאָך..."

— נו, גוט, גוט... בקיצור... נו... און איצט נעהם זיך אַקאָרשט צו דער אַרבײט...

„— גוט, באַבעניו, גיט... אַט באַלד..."

## א.

אַ יוד איז געשטאָרבען — „ישׂראליק דער לאַנגער" —
געשטאָרבען, צו קבורה געקומען,
ער ליעגט זיך אין קבר און חזר'ט: „— ישׂראליק...
ישׂראליק... אַזוי איז מײַן נאָמען".

„דער מלאך־הדומה װעט קומען צופליהען
מען זאָגט — אַ בעל־כעסן, אַ מורא!
נאָר װאָס? אַז מען דאַרף נאָר דעם נאָמען געדענקען,
איז נים אַזאַ שרעקליכע תורה..."

און דאָ, װי ער ליעגט זיך און דרעמעלט גאַנץ רוהיג,
דערהערט זיך איהם עפּעס פון אויבען
אַ מין קלאַפּערײַ, קלינגערײַ, עפּעס טרעשטשעט
אַזוי װי צעבראָכענע שויבען...

און דאָ טאַקע הערט ער דעם מלאך־דומ'ס שטימע:
„רשע! מה שמך?... „איװאַלטיע" —
טהוט ענטפערען רוהיג ישׂראליק דעם מלאך —
„ישׂראליק דער לאַנגער, פון האַלטיע".

„— מה שמך?" פרעגט װידער דער מלאך. „ישׂראליק!
איך זאָג דאָך איך, פּאַני... מײַן נאָמען —
ישׂראליק... אַזוי טאַקע הײס איך, ישׂראליק,
קאַטאָרי... װאָס... װעלכער... געקומען

„פון האַלטיע... אַ יודישעס שטעדטעל... איהר װײסט דאָך..."
„— מה שמך? מה שמך? ענה לי!"
שרײַט װידער דער מלאך פון אויבען מיט כעס:
„הוי, רשע! מה שמך?!..." „— נו מילא..."

בְּקיצור, וואָס ליאַרעמט ער דאָרט? - טראַכט ישׂראל׳יק
כ׳פערשטעהע גאָר ניט, חלעבען... אַ חידוש!
מיר דאַכט זיך - אַ מלאך . . . אַ יודישער מלאך,
און, זעה נאָר! -- פערשטעהט ניט קיין יודיש!..."

"-איי, פאַני... רב מלאך!..." פרובט ווידער ישׂראל׳יק
נאָר דאַ האָט איהם עפּעס געגיבען
אַ שלײַדער, אַ שמיץ אין דער הויך, - אין איין רגע
איז ער אין חלשות געבליעבען...

* *
*

בעקומען איז צו זיך ישׂראל׳יק דער לאַנגער
גאַנץ ווײַט שוין פון דעם בית-הקברות
ער קוקט זיך אַרום... גוואַלד! וואו איז ער, וואו איז ער?
וואָס זענען דאָס נאָך פאַר אַ צרות?!...

ער איז אויפ׳ן הימעל, ער זיצט אויף אַ וואָלקען;
אַרום איהם פון אַלע פיער זײַטען,
ווי אַדלער אים פעלד פליהען הונדערט מלאכים -
זיי פיהרען... וואָס זאָל עס בעדײַטען? -

זיי פיהרען, זיי פיהרען און ברענגען און שטעלען
אַוועק נעבען איהם עפּעס זקנים
מיט גרויסע שפּאַקולען, מיט ביכער, מיט פּענעם...
וואָס איז דאָס?... ער קען ניט קיין איינעם.

"-אָט דער איז אַ דײַטש דאַכט מיר... יאָ, נאָר וואָס וויל ער?
-ע, הערט, רב קאַרטאָפעל! וואָס דאַרפט איהר?...
ער פרעגט עפּעס... ח׳מעו! אַ מין צונג! אַ בעל-דברן!
עס רעדט מיט אַ ניגון פון מפטיר...

"-און אָט איז אַן׳-ענגלענדער... האַ? וואָס, רב קרוב?
ער טענה׳ט... אַ, ווער דיר דערוואָרגען!
אַ לשון אַ ביסעל!... נו, באַלבע דיר, באַלבע,
מעגסט רײדען פון הײַנט און ביז מאָרגען!..."

נאָך איהם גיעהט אַ גרעק, נאָך דעם גרעק גיעהט אַ שפּאַניער
אַ טערק, אַ ציגײַנער, אַ טאַטער,
און יעדערער פרעגט אויף זײַן אייגענעם לשון...
נו, לשונות, אַך, גאַטעניו, פאַטער!

עס געהען פראַנצויזען, אַראַבען... שלימזל'ן
ער זאָגט זיי, ער שרייט זיי אויף יודיש:
"וואָס ווילט איהר, רבותים?!" – זיי הערען און קוקען
אויף איהם ווי אויף עפּעס אַ חידוש,

צולעגען די ביכער און בלעטערן, זוכען,
זיי שמועס'ן און גיעבן זיך עצות,
זיי הערען זיך-צו צו זיין לשון און קוקען
און קנייטשען אויף איהם מיט די פּליידצעס...

און דאָרטען, פון ווייטענס, זעהט אונזער ישׂראליק
שטעהט איינער, אַ גרויער אַן-אַלטער,
אַרומגעחאַפּט און צוגעטולעט צום הערצען
צוויי לוחותפון מירמעלשטיין האַלט ער.

עס ציהען זיך גאָלדענע שטראַהלען און גלענצען,
און שיינען אַראָב פון זיין שטערען,
און שטראָמען-ווייז גיסען זיך איהם פון די אויגען
די הייסע, די ביטערע טרעהרען...

---

## ב.

איהר זעהט אָט דאָרט דעם אָרימאַן?
זיין אַלטער, גרויער קאָפּ געבויגען,
די ליפּען בלאַה, דין באַקען געל,
און טרעהרען טריפען פון די אויגען.

דאָרט אויף אַ שטיין, ביי'ם גרויסען וועג,
זעצט ער זיך צו, מאַכט אויף דאָס זעקעל...
אַך, ווי פיעל מינים ברויט איז דאָרט –
פון יעדען, יעדען סאָרט אַ ברעקעל.

פערדאָרט, פערשימעלט זענען זיי,
בעדעקט מיט שטויב, אַרומגעביסען...
עס איז איהם אָבער, נעבּיך, ליעב –
אַבי חאַטש עפּעס צו געניסען.

אַ לעפעל וואַרעמס, אַ געקעכטס
צו געבען איהם וואָלט זיין אַ יושר...
איהר זעהט דעם אַלטען אָרימאַן?
ער איז אַמאָל געווען אַנ'עושר.

אמאָל, אַמאָל, פֿיעל צײַט צוריק —
ער האָט די טעג נאָך ניט פֿערגעסען —
ער האָט געלעבט צו לײַטען גלײַך,
קײַן פֿרעמדע שטיקלעך ניט גענעסען.

בײַ איהם אין הויז פֿון אַלערלײַ
מַאֲכָלים איז געװען ניט װעניג;
א טיש איז דאָרט געדעקט געװען
חאָטש מאַך אַ מאָהלצײַט פֿאַר אַ קעניג.

נאָר מיט אַמאָל (װי שרעקליך-גרױס,
װי שטאַרק איז, גאָט, געװען דײַן צאָרען!)
זײַן גאַנץ פֿערמעגען איז גערױבט,
זײַן הױז איז אָבגעברענט געװאָרען;

פֿון אַלץ געבליבען אױף דער װעלט
איז איהם די אײנציגע נֶחָמָה:
זײַן אײגען, אײגען שטיקעל ברױט
צו אונטערהאַלטען די נְשָׁמָה.

און דאָס אױך, נעביך, האָט ער ניט
געקענט בעהיטען און בעשאָנען:
איהם איז געבליבען אױף דער װעלט
בײַ פֿרעמדע לײַט אין שְׁכֵנוֹת װאָהנען.

אין פֿרעמדע לענדער, פֿרעמדע שטעדט,
פֿאַר יעדען װינקעל צאָהלען שְׂכִירוֹת..
און איבערשלעפּענדיג זיך אָפּט
אין נײַע שטעדט, אין נײַע דִירוֹת.

האָט שטיקלעך-װײַז און ביסלעך-װײַז
ער אױך דאָס לעצטע אָנגעװאָרען —
זײַן ליעבעם אײגען שטיקעל ברױט,
דאָס לעצטע שטיקעל ברױט פֿערלאָרען...

צום גרױסען אונגליק האָבען איהם
שױן ניט געהאָלפֿען קײנע עֵצוֹת...
און מיט אַ שטעקען אין דער האַנד
און מיט אַ זעקעל אױף די פּלײצעם

דאָט אָנגעהויבען ער צו גערן
אין היץ, אין קעלט, אין אֵימת־מָות
פון שטאָדט צו שטאָדט, פון שטוב צו שטוב
און קלייבען שטיקלעך־חיים נְדָבות...

וואָס קען מען אויסבייסען פון זיי?
שטופּ זיי אין טאָפּ, קאָך היינט, קאָך מאָרגען...
דער מאָכל שטעלט זיך אָב אין האַלדז,
מען ווערט פון איהם שיער ניט דערוואָרגען...

דו שטאַרקער גאָט! דו ניבסט דער וועלט
אַ ליכט, אַ טהוי, אַ שנעע, אַ רעגען —
קעהר־אום דעם אַלטען אָרימאַן.
וואָטש וואָס עס איז פון זיין פערמעגען! —

זיין הויז איז חָרוב... גיב־זשע־אָב
איהם וואָטש די איינציגע נְחָמָה:
זיין זיסעם אייגען שטיקעל ברויט
צו אונטערהאַלטען די נְשָׁמָה!..

* *
*

# עפּילאָג.

„נעגונ!...

אין דעם קליינעם, בלעכענעם לעמפּעל נעהען שוין אויס די לעצטע כּוחות. עס הויבט שוין אָן צו טשאַדען און מיט יעדער רֶגַע ברענט עס אַלץ פינסטערער און פינסטערער.

די פעדער הויבט שוין אויך אָן צו קריצען מיט די ציינער און שאָקלען זיך, נעהענדיג איבער'ן פּאַפּיר, אַזוי ווי שִׂמְחָה דער סבאָרשציק — ניט פאַר צייך נעדאַכט — ארויסגעהענדיג פון עלקאָ דער פוילישערם קעלער.

און די אַלטעצקע שטעהט אָנגעשפּארט אויפ'ן שטעקען..
איהר קאָפּ, וועלכער זעהט זיך קוים אַרויס פון אונטער דעם גרויסען געלבליך־גר.נעם שלייער, בויגט זיך אַלץ ניעדריגער און ניעדריגער אַראָב צו דער ערד...

זי שטעהט, און יעדער אֵבר ציטערט ביי איהר ווי אין אַ־קַדַחַת, און קאַלטע, שווערע טרעהרען קייקלען זיך איינע נאָך

דער אַנדערער איבער איהרע אײנגעקנײטשטע, פערחוישכטע באַקען...

זי שטעהט טיעף, טיעף פערקלערט און איהר אַלטע הײזעריגע שטימע הערט זיך מיר אין דער שטילער, פינסטערער נאַכט:

„ווער בין איך? וואָס בין איך,
„איך, אַלטע יתומה?
„וואוהין און פון וואַנען
„ציהט זיך מײן וועג.

„דער שווערער, דער לאַנגער,
„וואָס האָט ניט קײן אָנפאַנג
„האָט ניט קײן ברעג?

„ווער זײט איהר געוועזען,
„מײן פאָטער, מײן מוטער?
„וואו איז מײן געבורטס-אָרט,
„וואו ס'איז אַמאָל

„מײן וויעגעל געשטאַנען —
„מײן קינדהײט פערגאַנגען —
„די קינדהײט, וואָס פרײדען
„ברײנגט אָהן אַ צאָהל

„ווער בין איך? וואָס בין איך?...

דאָס לעמפּעל נעהט אויס און ווערט פערלאָשען... איך לעג אַוועק מײן פעדער, איך זעץ זיך-צו צום פענסטער, און דורך דער קאַלטער פינסטערניש, וועלכע וועהט אויף מיר פון דרויסען, הויב איך אָן אײנצוקוקען זיך אין דעם הויכען, בלויען הימעל...

און דאָרט, טיעף, טיעף אין דעם הויכען בלויען הימעל שטעהט זיך מיר דער גרויער, אַלטער מאַן מיט די צווײ שטײנערנע לוחות, צוגעטילעט צום האַרצען...

עס ציהען זיך גאָלדענע שטראַהלען און גלאַנצען
און שײנען אַראָב פון זײן שטערען,
און שטראָמען-ווײַס גיסען זיך איהם פון די אויגען
די הײסע, די ביטערע טרעהרען...

# מַיין לִיעד.

אִיךְ בִּין אַ חַזָן אָהן אַ עַמוּד
כִּמְעַט שׁוֹין פִינְף אוּן צוואַנצִיג יאָהר.
דאָךְ קלִינגעֶן מַיינעֶ תְּפִלוֹת תָּמִיד
אוּן כ'האָבּ דעֶרצוּ אַ שֶׁענעֶם כאָר.

אַ גרויסעֶן כאָר פוּן אַלעֶ סאָרטעֶן
פוּן אַלעֶ שְׁטִימעֶן אויף דעֶר וועֶלט:
מִילִיאָנעֶן פויגעֶלִיךְ אִין גאָרטעֶן,
מִילִיאָנעֶן קוויֶיטעֶלִיךְ אִין פעֶלד.

דעֶר ווַיינשטאָק אִיז מִיט מִיר מִתְפַּלֵל
אויף טַל-וּמָטָר אִין דעֶר צַייט,
דִי וועֶלדעֶר זאָגעֶן מִיט מִיר הַלֵל;
עֶס קלִינגט אוּן זִינגט פוּן יעֶדעֶר זַייט.

דעֶר שְׁטוּרם העֶלפט מִיר בּלאָזעֶן תְּקִיעוֹת —
עֶר האָט אַ שׁוֹפָר נאָר אַ פּראַכט —
אוּן העֶרעֶן מַמָשׁ אִיז אַ חִיוּת
זַיין בּלאָזעֶן אִין אַ אֵיין אָסיעֶן-נאַכט;

מִיר זִינגט דִי זוּן מְכַלְכֵּל-חַיִים,
הַשַׁעֲנוֹת שׁלאָגט דעֶר ווִינד בּיַי'ם טַייךְ...
אוּן מִיט אַ נִיגוּן גאָר אַ נַייעֶם
ווִיל אִיךְ דִי לִיעדעֶר זִינגעֶן אַייךְ.

מַיין האַרץ אִיז אָבּעֶר ווִי אִין רִינגעֶן
געֶפּאַסט, אוּן ווַיינעֶן צִיהט עֶס מִיךְ;
מִיט וואָס אִיךְ הויבּ נִיט אָן צוּ זִינגעֶן, —
מִיט „מִן-הַמֵצַר" עֶנדִיג אִיךְ...

# ציון־ליעדער.

## פּראָלאָג.

ציה־אָן זיעבען פאַרבען פון הימלישען שײַן,
ציה־אָן זיעבען ליכטיגע שטראַהלען,
זײַ זאָלען װי גאָלדענע סטרונעס מיר זײַן
און לײַכטען, און זינגען, און שאַלען!...
מאַי־גלעקעליך קלינגען אין פעלד און אין טהאָל...
די טײַבעליך װאָרקען און פליהען,
צו הערען דעם זיסען און טהײַערען קול,
די הײליגע ליעדער פון ציון.
עס ציהען זיך ליעבליך די רויז און דער זאַנג
אין פעלד און אין גאָרטען—צו הערען
די ליעדער, אין װעלכע עס זענען פון לאַנג
צונויפגעמישט פּערעל און טרעהרען,
די ליעדער, װאָס שלאָגען אַרוים, װי אַ קװאַל,
פון האַרצען און זידען, און בריהען—
די ליעדער מיט האָניג, די ליעדער מיט גאַל,
די ליעדער, די ליעדער פון ציון!...

---

I.

## קָרְבָּנוֹת.

אַט שטעהט אַ יוד, אַ פרומער יוד,
ס'איז פּשוט אַ רַחֲמָנוּת,
װײַ איצט, אין גָלוּת, לײַענט ער
דעם „סֵדֶר הַקָרְבָּנוֹת"...

אַי, אַי! װי שען דאָס איז געװען,
☞ בִּשְׁעַת דער מִזְבֵּחַ
פלעגט ברענען דאָרטען און עס פלעגט
פון װײַרעך געהן אַ רֵיחַ!...

אָט פֿיהרען קנעכט אַ פֿעטען אָקס,
וואָס ווערט אַ „עולה" ווערען...
די הערנער אויסגעגילדט; אַ קראַנץ
פֿון רויזען אויפֿ'ן שטערען...

אָט פֿיהרט מען יונגע שעפּסעליך;
אָט טראָגט מען פֿריכט פֿון גאָרטען
מיט טויבען, בוימאייל, זעמעל־מעהל...
קרבנות — אַלע סאָרטען.

דער כהן־גדול בענשט דאָס פֿאָלק;
די לוים זאָגען שירה...
די פֿידעל הויבט דעם ניגון אָן,
עס רופֿט זיך אָב די לירע;

די צימבלען זינגען צוקער־ווים,
די טאַצען האַסטיג קלאַפּען;
עס הודעט־ברומט דער קעסעל־פּויק, —
דעם אָטהעם ניט צו חאַפּען...

אוי, וועה איז אונז! און דאָס איז אַלץ
פֿערפֿאַלען!...

---

ליעבע ברידער!
ס'איז עפּיס נאָך געווען, וואָס איצט
מיר האָבען שוין ניט ווידער:

קרבנות — אָקסען, ציגען, בעק?
ניין! אַנדערע קרבנות
האָט אונזער לאַנד געבראַכט אַמאָל,
געאָפּפֿערט אָהן רחמנות:

גבורים זענען דאָס געווען —,
וואָס האָבען בלוט און לעבען
פֿאַר זייער גאָט, פֿאַר זייער פֿאָלק
מיט פֿרייד אַוועק־געגעבען...

אויף די קרבנות וויין און קלאָג,
מיין פֿאָלק, מיט הייסע טרעהרען —,
פֿון זיי דער אָנדענק זאָל אין דיר
ניט אויסגעלאָשען ווערען!...

ער זאל בעפלינעלען דיין גייסט,
ער זאל איהם ברענען, בריהען,
דו זאלסט געדענקען ביז'ן טוידט
דיין פאטערלאנד, דיין ציון!...

II.

## וואס מאכט די מאמע?

וואס הערט זיך, ברודער, אין דער היים?
וואס מאכט די אלטע מאמע?...
אך, ניט פערגעס זי, ניט פערשעם, —
זי איז קיין מאדנע דאמע:
זי איז פון יענער אלטער וועלט,
ווען מענשען פלעגען גלויבען,
אז נור א עכטער, שטארקער העלד
דארף זיין ביים פאלק ערהויבען.
נור דער, וואס ווייסט דעם עולם'ס שמערץ,
דעם ביטערען און שווערען,
און טראגט זיין יאך, און פיהלט זיין הערץ
און וויינט מיט זיינע טרעהרען,
און פיהלט זיך גליקליך, פריש און גוט
ווען גאט בעשערט פערגניסען
דעם לעצטען הייסען טראפען בלוט,
דעם טוידט פאר איהם געניסען...
די אלטע מאמע האט אמאל
געהאט אזוינע ריזען,
וואס האבען שטארקייט אהן א צאהל
דער גאנצער וועלט בעוויזען.
זי פלעגט זיי קושען יעדע וואונד,
בעוואשען זי מיט טרעהרען...
וואס מאכט די אלטיצקע אצונד?
וואס לאזט זי עפיס הערען?..

III.

## דער מאַמעס קלאָג.

אין שטויב און אין שמוץ
פערלאָרען איהר גוטס,
פערלאָרען איהר לעצטע נחמה...
פערטרוקענט, פערבליהט
און קוים וואָס עס גליהט,
עס האלט זיך אין איהר די נשמה...

זי ליגט נעבען וועג...
עס ציהען זיך טעג,
עס געהען חדשים און יאָהרען.
זי טראַכט אָהן אַ שיעור:
„—וואָס איז דאָס מיט דיר,
מיין זוהן, מיין בן-יחיד, געוואָרען?

אויב גוט איז דיר דאָרט,
דערמאָהן זיך דאָך פאָרט,
ווי מיר איז בעשערט זיך צו מיהען.
דערמאָהן זיך, ווי לאַנג
ליגט עלענד און קראַנק
די אַלטע אַלמנה פון ציון!...

און אויב דיר איז שווער,
טאָ קום-זשע אַהער,
קום, קינד מיינס, אַהיים, צו דיין מאַמען!
צוזאַמען אי פרייד
געניסען, אי לייד,
און לעבען און שטאַרבען צוזאַמען!..."

IV.

## אָהן אַ ענטפער.

בנים, גבירים! הערט דעם רוף,
געהט ברייננגט איהר די נחמה:
מיט רייכקייט שטאַרקען איהר דעם גוף,
מיט פרומקייט די נשמה...

ניטאָ קיין ענטפער . . . פוסט און שטום...
דער רבֿ האָט אַלע מעלות,
וואָס מען בעדאַרף, איז גוט און פרום
און זיצט און פּסקנט שאלות.

געשעפטען טויזענד האָט דער גבֿיר
אויף אַלע העכסטע גראַדען:
אַ פאַבריקאַנט און אַ באַנקיר
און נעהמט דערצו פּאָדריאַדען.

דער ערשטער האָט צו טהון מיט גאָט:
דער צווייטער—מיט'ן פּריץ...
אָך, ביידע האָבען זיי חלאָפּאָט
געגוג אין חוץ־לאָרץ!

– – – – – – – – – –

*

* *

אַ תחתּן זיך זיין מיט דער „גאָלדענער פאָהן",
און האָבען גרויס כּבוד ביי קהל,
דערלעבען אוראייניקליך, בויען אַ קלויז
און שטאַרבען אין ארץ־ישׂראל –

אַט דאָס פלעגט זיך ווינשען דער עהרליכסטער יוד
און גלויבען, אַז אמת צופרידען
איז ארץ־ישׂראל, וואָס איהר איז בעשערט
צו זיין אַ בית־עלמין פאַר יודען...

---

V.

# אייניקליך.

איהר הערט פון דערווייטעס אַ וויינענדע שטימע?
דאָס קלאָגען זיך, עלענד און אָרים,
די חורבות פון ציון; דאָס זיפצען און וויינען
די אַלטע צובראָכענע קבֿרים,

דאָס וויינען די הייליגע אַלטע מצבות –
פערשוואַרצט און פערפינסטערט געוואָרען;
דאָס וויינט אונזער מאַמע, וואָס איז ביי די קינדער
אויף אייביג אַרויס פון זכּרון...

* * *

ערקלערט דאס מיר, פריינד מיינע טהייערע,
איך קען דאס אליין ניט פערשטעהען;
ס'איז ממש דאך גאר א פערדרעהעניש,
וואס איז דאס מיט יודען געשעהען?

דאס בעסטע, דאס פיינסטע, דאס טהייערסטע,
פיעל מעהר פון דער גרעסטער רוחה.
פלעגט זיין ביי אונז יחוס: אי, גאטעניו,
דער ווארצעל, דער שטאם, די משפחה!...

א קליינינקייט עפיס—א איניקעל!
א צווייגעלע פון עץ-החיים,
רב נחומ'צעס אדער רב דוד'לס
א לעבעדיג שטיקעל שיריים!...

און קיינער זאל גאר ניט דערמאהנען זיך
אויף דעם, אז מיר האבען פארצייטען
אויך זיידעס געהאט, ניט צו שעמען זיך
מיט זיי ניט פאר גאט, ניט פאר לייטען.

משה רבנו און דוד המלך
און גדעון, און שמשון, און דבורה,
יענע גבורים, וואס האבען געווארפען
אויף אונזערע שונאים א מורא;

יענע גבורים, וואס וואלטען אודאי
געוויינט מיט די בלוטיגע טרעהרען,
ווען האטש א הונדערט-טהייל וואלטען זיי וויסען,
וואס יודען אמאל וועלען ווערען:

אויסגעדארט, אויסגעקווארט וואהנען אין שכנות,
אין פרעמדע געדונגענע דירות,
דארט וואו געטאגט—ניט גענעכטיגט ביי לייטען
און צאהלען זיי אייביגע שכירות...

---

VI.

## דער עגל.

מיר האט זיך געחלומ'ט: איך בין אין א מדבר
געשטאנען. א שטילע און ליכטיגע נאכט
האט רוהיג געשוועבט אויף די זאמדען און סקעליעס,
געציערט זיי אין הימלישען פראכט.

און איך האָב דערהערט פון דער ווייטענס א שטימע.
א הייליגען, געטליכען קול:
„די זעהסט די פערברענטע, צוואָרפענע שטיינער?
אָט דאָ איז דער „עגל געשטאנען אמאָל,

„דער עגל, וואָס יודעליך האָבען פארצייטען
געמאַכט און וואָס משה האָט דעמאָלט פערברענט,
פערברענט און צושאָטען דעם אש אינ'ם מדבר
אליין מיט די אייגענע הענד.

„עס איז פון דעם עגל קיין זכר געבליבען,
נאָר איהם איז געוועזען בעשערט
צו אויפשטעהען ווידער און ווידער בעהערשען
מיט קראַפט אייער זינדיגע ערד...

„ער לעבט נאָך, ער לעבט נאָך, דער גאָלדענער אָבגאָט
ער שטעהט נאָך און פונקעלט און בליצט,
נאָר ניט אינ'ם מדבר אַזוי ווי פארצייטען —
ער איז צו אייך נאָהענטער איצט:

„ער שטעהט צווישען אייך אינ'ם ביטערען גלות;
ער איז אייער ליכט אין די פינסטערע טעג;
ער איז אומעטום וואו איהר קעהרט זיך און ווענדט זיך,
אָט וואו נור א סטעזשקע און וואו נור א וועג.

„א טריט ניט צו טהון אָהן דעם גאָלדענעם יתן;
ער איז אייער האַרר, אייער פאָלקס-בעל-הבית...
מע גלעט איהם דעם רוקען, מע קוקט אין די אויגען,
מע שטופט איהם דעם הדם גלייך אונטער דער נאָז,

„מע גיט איהם אָב כבוד פון אלע פיער זייטען
מע בענשט זיך מיט איהם, מע בערימט זיך מיט איהם
רבנים, דיינים בעשעגען זיין נאָמען
און בוקען זיך, קניהען פאַר איהם...

„רבנים, דיינים, וואָס ווייסען, פערשטעהען,
ווי טיעף איז די חרפה, ווי גרויס איז די זינד
צו האַלטען ביים עגל אין קנעכטשאַפט דעם עולם,
דאָס קראַנקע און עלענדע קינד...

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

VII.

# „ביז משיח וועט קומען״.

יהי מונח עד שיבא אליהו.
(פון גמרא).

איהר געדענקט? אינ'ם תלמוד ניט זעלטן קומט פאר
א דין־תורה, א גאנצער פראצעס
וועגען געלד אדער חפצים, — מע קלערט און מע רעדט
און מע ארבייט א גאנצען מעת־לעת:
איינער זאגט: „עס איז ראובנ'ס!״ דער צווייטער זאגט: „ניין,
עס קומט שמעונ'ען, לוי'...״ א כלל
יעדער תנא דערווייט, אז גור ער איז גערעכט.
וואס־זשע זאגען אויף דעם די חז״ל? —
„לאז עס ליעגען ביז וואנען ס'וועט קומען צו געהן
אליהו־הנביא, און ער
וועט אודאי שוין פסקנ'ען ריכטיג דעם דין,
אלץ באשיידען—וואס, וועמען און ווער״...

---

יודען־לומדים, רבנים! שוין צוויי טויזענד יאהר,
אז מע ארבייט, מע טראכט און מען קלערט
וואס צו טהון מיט דעם ארימען יודישען פאלק,
אויף וואס טויג עס און וואס איז זיין ווערט?
וואס־זשע, ברידער, זאגט איהר? — קורץ און גוט: „מילא וואס,
לאז עס ליעגען און ווארטען מיט איך,
ביז משיח וועט קומען צו געהן אויף דער וועלט
און דערלייזען אונז אלעמען גלייך״...
גאר ניט שלעכט, חלעבען, האט איהר געמאכט דעם פסק־דין
ובפרט אז דערביי איז פאראן
א גמרא, אזוי ווי עס פאסט פאר א רב...
וואס־זשע דארף מען א בעסערען פלאן? —
אונזער למדן וועט זיצען און קוועטשען די באנק,
עולם־הבא זיך אנגרייטען שען,
און דער גראבער עם־הארץ לאז ליעגען פערשטומט
ביז משיח וועט קומען צו געהן...
מיט'ן גביר וועט מען שטעכען די אויגען אונז... גוט!
געלד אפילו דעם ממזר מאכט ריין...
און דער קבצן לאז ליעגען ניין איילען אין דר'ערד
ביז משיח וועט קומען צו געהן...

לאָז עֶר לִיעגֶען און יעֶדעֶרעֶר זאָל מִיט די פִּים
טרעֶטעֶן אִיהם, גלײַך ווי זאַמד און ווי שטײַן ;
לאָז עֶר לִיעגֶען און פִיהלֶען דעֶם בִּיטעֶרְן יאָך
בִּיז מָשִׁיחַ וועֶט קוּמ׳ן צוּ געֶהן...
לאָז עֶר לִיעגֶען אִין בּלאָטעֶ, אִין טרויעֶר, אִין שאַנד
און אַ גליקליכעֶ רֶגַע ניט זעֶהן ;
לאָז עֶר לִיעגֶען און לִיעגֶען אִין קרעֶנק און אִין לײַד
בִּיז מָשִׁיחַ וועֶט קוּמעֶן צוּ געֶהן...

---

יודעֶן־לוּמְדִים, בַּבָּנִים! אײַנס בּעֶרלאַנג איך פוּן אײַך
אִינ׳ם נאָמעֶן פוּן גאָט אונזעֶר האַרר:
אִיהר בּעֶטראַכט זיך נאָר רוּהִיג, בּעֶקלעֶרט, וואָס אויף אײַך
די חַזַ״ל וואָלט׳ן זאָגעֶן דעֶרפאַר?!...

---

VIII.

# שְׁטֵעה אויף.

נײַן, לִיעבּעֶר בּרוּדעֶר, אָרִימאַן!
שְׁטעֶה אויף! שְׁטעֶה אויף! עֶס אִיז פאַרהאַן
א גאָט א שׁטאַרקעֶר, לִיעבּעֶר,
וואָס מאַכט: אִין לעֶבּעֶן אַלעֶ גלײַך,
פוּן טרויעֶר־פרײד, פוּן אָרִים — רײַך,
פוּן שלאָפּסטעֶן קינד — אַ גִבּוֹר...

נִיט פרעֶג בּײַ׳ם רַב, נִיט פרעֶג בּײַ׳ם גְבִיר;
די אַלטעֶ צָרוֹת וועֶלעֶן דיר
דעֶם רעֶכטעֶן וועֶג בּעֶוואַײַזעֶן.
שְׁטעֶה אויף! שְׁטעֶה אויף! וואַש אָב דעֶם שטויב
וואָס פלעֶגט דיך מאַכעֶן בּלִינד און טויב;
זײַ שטײַף און האַרט ווי אײַזעֶן!

געֶנוּג, געֶנוּג צוּ קנעֶטעֶן לײם...
שְׁטעֶה אויף! די מאַמעֶ רוּפט אַהײם!...
זאָלסט ווי אַ אָדלעֶר פלִיהעֶן!
אַ וועֶג, אַ נײַעֶר הויבּט זיך אָן;
הויבּ אויף דײַן גרויסעֶ אַלטעֶ פאָהן,
די פאָהן, די פאָהן פוּן צִיוֹן!...

---

## IX.

# שולַמִית.

שולַמִית זינגט,
שולַמִית זינגט,
אין אַלטען אֵיילבּערט־גאַרטען...
א יוּנגער קוֹל,
א ליעבּער קוֹל,
צוּגיסט זיך זיס פון דאָרטען:
זי זינגט, זי רופט:
„דו, העלע לופט,
דו, הייסער, טיעפער הימעל,
וואַכט אויף פון שלאָף!
זאָל זיין א סוף
צו אייער אַלטען דרימעל.
צינד־אָן, דו, נאַכט,
אין הימעל־פּראַכט
דיין שטילען, בּלויען פייער...
איהר הערט? איהר זעהט?
מיין חתן גיהט,
מיין ליעבּער, גוטער, טרייער...
ווי מיד איז ער!
ווי בּיטער, שווער
איז איהם דער וועג געוועזען!
געקרענקט, געדאַרט,
און אַלץ געוואַרט
ווען גאָט וועט איהם דערלייזען.
שטעה אויף־זשע היינט,
מיין טרייסט, מיין פריינד!
ווער פריש און פרעהליך ווידער,
פערגעס דיין לייד,
וועק־אויף דיין פרייד,
גלייך־אויס די קראַנקע גליעדער;
קום, קום צו מיר,
איך וועל מיט דיר
מיין קראַפט און האָפנונג טהיילען.
דו זאָלסט קיין טרעהר
ניט וויסען מעהר,
דעם לעצטען קומער היילען!"...

שולמית זינגט ! . . .
ווי זילבער קלינגט
איהר ליעד—און רויזען בליהען . . .
שולמית זינגט ,
שולמית זינגט ,
דאס נייע ליעד פון ציון ! . . .

---

# די תפלה.

„ברך עלינו יי אלהינו את השנה
הזאת ואת כל מיני תבואתה לטובה".

איהר געדענקט, ווי שטיל און ערנסט,
אהן געוויין און קלאג,
בעטען מיר דעם בורא־עולם
דריי מאל יעדען טאג:

„בענש, גאט, אונז דאס יאהר מיט פרוכט און מיט אויבסען,
פון שטורם און האגעל בעוואהר;
גיב טהוי און גיב רעגען די פעלדער און גערטנער
בעשער א געראטענעם יאהר!" . . .

אוי, א ביטערער געלעכטער!
וואס איז דאס געשעהען?
גערטנער יודישע און פעלדער —,
האט איהר זיי געזעהען?

---

זעקס־זיבען קרומע, איינגע געסלעך —
מיט שטויב און בלאטע פול;
א מארק, דריי קרעמלעך, א בית־עלמן,
א מרחץ און א שול,

צוויי אלטע, דארע, קוארע בוימלעך,
פון וועלכע גאנץ געשווינד
די ציגען עסען אב די בלעטלעך,
די צווייגען ברעכט דער ווינד;

עס זעהט דער מענש זיין גאנצען לעבען
קיין גרעזעלע, קיין זאנג, —
דארט שטעהט דער חזן ביי דעם עמוד
און דאווענט מיט געזאנג:

"בענש, גאט, אונז דאס יאהר מיט פרוכט און מיט אויבסען,
פון שטורם און האגעל בעוואהר;
גיב טהוי און גיב רעגען די פעלדער און גערטנער
באשער א גערעטענעם יאהר!"...

א מלמד זיצט אין חדר.
שרעקליך איז דער הוסט,
וועלכער רייסט זיך פון זיין דארע
אויסגעקרע-קטע ברוסט;

ווי א שטיין, אי הארט, אי טרוקען,
ביטער ווי דער טוידט
איז פון וויגעל ביז'ן קבר
איהם דאס שטיקעל ברויט

און אין איינגשאפט, קראנקהייט, הונגער
שמערצען אהן א צאל
בעט ער אויך דעם בורא־עולם
יעדען טאג דריי מאל:

"גיב אונז, גאט, א גוטען זומער,
גרינעס, פרישעס גראז,
טהוי און רעגען, פרוכט און אויבסען,
תבואות אהן א מאס"...

אט איז א פאקטאר אין אכסניה,
א משרת פאר דער גאנצער וועלט;
ניטא פאר איהם קיין שלאף, קיין אברוה,
קיין טאג און נאכט, קיין היץ און קעלט;

ער געהט און לויפט וואוהין מע יאגט איהם;
ער איז צו אלץ געוואוינט פון לאנג:
פארקויפען, קויפען, טראגען, שלעפען;
און אפט בעקומט ער פאר א דאנק

א זידלעריי, א גראבע קללה,
און, אז עס קומט אריין אין קאפ
דעם פריץ נאך א דריי-פיער כוסות,
פליהט אויך א גוטער, הייסער קלאפ...

דעם גאַנצען טאָג , פאַרשמאַכט , פאַרחלשט ,
לויפט אוים ער צוואַנציג מאָל די שטאָדט ;
פאַרנאַכט שטעלט ער זיך מנחה דאַווענען
און בעט דעם ליעבען, גרויסען גאָט

אויף טהוי און רעגען פאַר די פעלדער ,
אויף זיסע פרוכט, אויף גרינע גראָז,
אויף גאַרבען פול מיט שווערע זאַנגען ,
אויף ווייץ און קאָרען אָהן א מאָס . . .

---

אָט געהט אַן־אַלטער יוד א שניידער .
געלערענט האָט ער זיך ניט פיעל .
נאָר ער איז קלאָר אין דער מלאכה ,
שניידט־צו א.ן נייהט ווי יעדער וויל

פון דאָרף צו דאָרף מיט שער און נאָדעל
געהט ער אַרום די גאַנצע וואָך ,
איז גרייט און פלייסיג צו דער אַרבייט
ווי נאָר א ריס, ווי נאָר א לאָך .

א גילדען נעהמען אויב ס'איז מעגליך
איז גוט אַוודאי ; נאָר , פאַר נויט ,
נוצט אויך א ביסעל מעהל מיט גרויפען ,
קאַרטאָפליעס , היררזש , א לאַבען ברויט ;

אַבי די זינדיגע נשמה
צו אונטערהאַלטען, קינד און ווייב
ניט לאָזען הונגערען—און טראָגען
א שטיקעל העמד חאָטש אויפ'ן לייב .

און, אייביג וואַרטענדיג און האָפען
פון פרעמדע הענד דאָס שטיקעל ברויט
צו שחרית, מנחה און צו מעריב
איז ער מתפלל ביז'ן טוידט

אויף טהוי, אויף וואַרעמקייט און רעגען
פאַר פרעמדען גאָרטען, פרעמדע פעלד .
פון וועלכע נאָר צו קלייבען ברעקלעך
איז ער געבאָרען אויף דער וועלט...

---

אַט געהט אַ בעטלער. אין אַ שטעטיל,
וואו ס'איז פון עק ביז עק
אויך ביי די פיינע בעלי־בתים
אַ אָרעמקייט — אַ שרעק,

דאָרט געהט ער בעטלען אין די הייזער,
דאָרט קלייבט ער שטיקלעך ברויט.
וואָס אפשר נאָר אַ הונד פון הונגער
וואָלט עסען זיי פאַר נויט.

אויף וואָס קאָן ער אין לעבען האָפען?
נאָר הער זיך צו, בעטראַכט —
אויך ער, דער בעטלער, איז מתפלל
פריה'מאָרגען און פאַרנאַכט

אויף טהוי און רעגען פאַר די פעלדער,
אויף פרישע, גרינע גראָז,
אויף גאַרבען פול מיט שווערע זאַנגען,
אויף קערנער אָהן אַ מאָס...

---

יאַ, ליעבער גאָט, דו, שטאַרקער גאָט!
געשטראָפט מיט גרויסע לייד און צאָרען —
אין נויט און טרויער, שאַנד און שפּאָט
אַ בעטלער איז דיין פאָלק געוואָרען...

דערבאַרעם זיך! גיב אויף דער וועלט
איהם חאָטש אַ שטיקעל גליק דערזעהען:
גיב איהם אַן אייגען, אייגען פעלד
אַליין צו אַקערען און זייען.

גיב איהם אַ וואַלד, אַ גאָרטען; גיב
איהם זיינע אַלטע לייד פערגעסען —
ער זאָל דערפיהלען ווי ס'איז ליעב
אַן אייגען שטיקעל ברויט צו עסען.

און צו דער אַרבייט פריש און גרייט —
זיין אַלטעס, קראַנקעס הערץ דערקוויקען —
זאָל ער מיט האָפונג און מיט פרייד
צו דיר די ליעבע תפלה שיקען:

בענש אונז, גאט, דאס יאהר מיט פרוכט און מיט אויבסט
פון שטורם און האגעל בעוואהר;
גיב טהוי און גיב רעגען אויף אונזערע פעלדער
גיב אונז א גערא̈טענעס יאהר!"

## דריי חברים.

מיר זענען געווען דריי חברים, דריי פריינד
אזעלכע וואס זענען ניטא שוין מעהר היינט:

אליקום דער רויטער און נחמן קלאנעט
און איך, איער איצטיגער בידנער פאעט.

אינאיינעם געוואקסען, געלערענט אינאיינעם
די הייליגע תורה, דעם גלויבען דעם ריינעם,

אינאיינעם געדאווענט, אינאיינעם געשטופט,
אינאיינעם געטאהעמט דיזעלביגע לופט,

געגלויבט, אז מיר וועלען זיך אייביג ניט שיידען
פון איצט ביז איה"ש דארט, אין גן־עדן.

און הערט, וואס עס האט זיך מיט אונז געפאסירט
מיר האבען אימדרייען אין וואלד געשפאצירט

מיט דריי שרעקליך־שארפע און שפיציגע מעסער—
ביים מלאך המות אודאי ניט גרעסער.

איהר מיינט אפשר גזלנען, — גאט איז מיט אייך! —
הושענא'ס צו אנשניידען דארט נעבען טייך.

די שטראהלען פון מערב־זייט האבען שוין קאלטע,
בעלייכטעט א ווערבע א קרומע, אנ'אלטע,

און דארטען דערזעהען מיר—זיצט אויף א שטיין
אליהו הנביא אליין.

*

* *

און מיט א קול א פריינדליכען און שטילען
האט ער געזאגט אונז: — ליעבע קינדער, הערט,
איך וועל אייך זאגען וואס מיט גאטעס ווילען
איז אויף דער וועלט אין לעבען אייך בעשערט:

„אֶליקום׳ס קול װעט װי אַ דונער ברומען,
און מענער, װײַבער, קינדער, גרױס און קלײַן,
איהם הערענדיג, זיך בױגען װי די בלומען
אין שטורעם און צוגעהען פון געװײַן.

„דו, נחמן, װעסט זײַן װײַט פון אַלע שמערצען;
װי נאָר מע װעט דײַן קול דערהערען, דאָרט
װעט װערען גרינג בײַ יעדען אױפן הערצען,
װעסט ברײַנגען פרײַד און ליכט אין יעדען אָרט״.

און איך? — „מײַן קינד, פיעל טרױער און פיעל פרײַדען,
פיעל גליק און אומגליק דיר דײַן מזל טראָגט:
דיר איז בעשערט װאָס זײ אינאײנעם בײדען״—
האָט אֵליָהו מיר געזאָגט.

---

פערגאַנגען זענען טעג, חדשים, יאָהרען —
אֶליקום איז אין פױלען לאַנג אַװעק:
אַ בעל-תוקע איז ער דאָרט געװאָרען,
און פון זײַן קול נעהמט ממש אַן אַ שרעק...

אַ כלי-זמר איז געװאָרען נחמן — שפּיעלען
אױף חתונ׳עס געהט ער פון אָרט צו אָרט,
און הערענדיג זײַן פּיעדעל, מענשען פיהלען
אין הארצען יוגענד, פרײַד און טאַנצען דאָרט...

און איך, רבותים? װעה צו מײַנע יאָהרען—
דער נביא האָט פערשטאַנען װאָס ער רעדט:
אַ יודישער פּאָעט בין איך געװאָרען.
און װאָס בעדײַט בײַ יודען אַ פּאָעט?

אַ בעל-תוקע מיט אַ כלי-זמר, ברידער!
בלאָז שופר ביז די כוחות געהען אױס,
שפּיעל, פּיעדעלע, בלאָז שופר. בלאָז און װידער
שפּיעל, שפּיעל ביז די נשמה װעט אַרױס...

---

שלאָף און רוה — אַלץ פעריאָג,
און אין פרײַד און אין פּלאָג
שפּיעל, בלאָז נאָר אַ טאָג נאָך אַ טאָג!...
און איך לאַך, און איך קרעכץ,
און איך זינג, און פון שמערץ
צוגעהט זיך, צורײַסט זיך מײַן הערץ...

---

# דער גבור*)

די גריעקען דערצעהלען א מעשה:
א מענש איז געווען אויף דער וועלט;
איהם גובר זיין האט נים קיין כח געהאט
דער גרעסטער און שרעקליכסטער העלד.

די ערד איז געוועזען זיין מוטער;
אין איהר איז געלעגען זיין קראפט;
ווי מיעד זאל נים ווערען זיין קערפער פון שטרייט,
דערשראקען זיין הערץ און פערשלאפט;

ווי שרעקליך עס זאל זיך נים גיסען
דאס בלוט פון זיין אפענער וואונד—
זיך צוריהרען האט ער געדארפט צו דער ערד
און פלעגט ווערען וויעדער געזונד...

*

* *

מיין פאלק! דו ביסט אויך אויסגעשטאנען
פיעל אומגליקען, טרויער און שרעק;
אפט האבען מיט פרייד דיינע שונאים געמיינט
אז אט וועט שו־ קומען דיין עק.

דיין מוטער איז אבער דער הימעל,
דער הימעל געווען אויף דער וועלט,
זיך צוריהרען פלעגסטו נאר דארפען צו איהם—
און באלד ווערען וויעדער א העלד.

יא, שטארק איז אין דיר דיין נשמה,
אין איהר ליעגט די הימלישע קראפט.
בעטר. כש אבער ווי איז געווארען אצונד
דיין קערפער פערדארט און פערשלאפט.

ניין, פליהען לאז אייביג צום הימעל
דיין ריינער געדאנק, נאר דערביי
דיין קערפער פערבונדען לאז זיין מיט דער רד,
זאלסט ליעבען זי ערנסט, געטריי.

---

*) אנטעאוס, איינער פון די ענקים (ריזען) פון דער גריכישער מיטהאלאגיע. זיין פאטער איז געווען דער שר של ים, „פאסידאן", און זיין מוטער—די געטין פון דער ערד, „געיא".

בּעַרבײַט מיט מיה און מיט האָפנונג —
דײַן גאָרטען, דײַן װײַנשטאָק, דײַן פעלד,
און דעמאָלט, מײַן פאָלק, װעסט זײַן אויף דער
װעלט
מיט גוף און נְשָׁמָה אַהעלד...

---

## משה רַבֵּינוּ'ס קֶבֶר.

ולא ידע איש את קבורתו
עד היום הזה.

(לכבוד ר' מענדעלי מוכר ספרים).

יעדעס מאָל, װען איך פיהל אַז עס געהען מיר אויס
אַלע כּוחות פון טראַכטען און קלערען
װי דאָס לעבען איז ביטער, דער אומגליק איז גרויס
און קײַן מיטעל געהאָלפען צו װערען,

---

דאַמאָלס פליהען צו דיר אויס דער פינסטערער װעלט
אויס דעם גָלות דעם שװערען און לאַנגען,
משה, געטליכער מענש, אונזער קרוין, אונזער העלד,
מײַנע ביטערע, טיפע געדאַנקען.

---

אוי, װי זיס װאָלט געװען אונז אין טרויער און שמערץ
אויף דײַן קֶבֶר צו קניהען, — דעם שװערען,
גרויסען יאָך פון דעם קראַנקען, צובראָכענעם הערץ
אויסצוגיסען אין הײליגע טרעהרען.

---

אָבער װעה איז אונז, װעה! אונזער נָבִיא און העלד
הערט ניט מעהר אונזער װײנען און קלאָגען,
האָט קײַן אײנציגען טרײסט אונז געלאָזט אויף דער װעלט
האָט אויף אײביג זײַן קֶבֶר פערבאָרגען!...

* * *

און אַ קול, אַ קול פון הימעל
הער איך קלינגען זיס און רײַן:
— ניט קײַן קֶבֶר. פול מיט שימעל,
ניט קײַן קאַלטען, טויטען שטײן,

נײַן, אַ קװאַל, אַ רײנעם, זיסען,
אונ אַ שטאַרקען װי אַ טײַך
האָט ער אײביג, אײביג פליסען
אויף דער װעלט געלאָזט פאַר אײך.

אויף די ברעגען װאַקסען, בליהען
בוימער, בלומען פריש און רײן;
פאַר זײַן הײליג װאַסער קניהען
קנעכט און קעניג, גרויס און קלײן.

אינ'ם קלײנעם, אײנגען שפּיגעל,
אינ'ם גרויסען, רײַכען זאַל
קװיקט און פרישט זײַן װאַסער: ביבעל
הײסט דער ליעבער, זיסער קװאַל.

טרויער, אונמאַכט, אימת-מות —
אַלץ פערטרײַבט ער װי דער װינד.
גײה צו איהם אויף קבר אבות,
זוך אין איהם דײַן טרײסט, מײַן קינד!״

---

## הײס און קאַלט.

### (אַ ליעד'ל).

נו, —מזל-טוב, רחל'ע, מזל-טוב דיר —
אַ קינד, אַ בן-זכר געבאָרען!...
דאָס פּיצעלע קװיטשעט און שרײַט אָהן אַ שיעור...
װאָס איז דאָס. דו, קלײנער, װאָס איז דאָס מיט דיר?
דו ציטערסט? דערפראָרען געװאָרען?
אַך, דאָרט אויפ'ן הימעל, װאו דו ביסט געװען,
איז ליכטיג און פרעהליך, און װאַרעם, און שען,
און דאָ... הערט זיך צו-בנאמנות:
דאָס פּיצעלע רעדט דאָך, עס שרײַט דאָך: „געװאַלד!״
אוי, מאַמע! װי פינסטער איז דאָ און װי קאַלט!...
אוי, װעה! האָב רחמנות!״...

* *
*

דאָס רעדעלע דרעהט זיך
אַרום אָהן אַנ'עק;
אַ טאָג קומט צוקריכען,
אַ יאָהר פליהט אַװעק...

---

— „גוט מארגען אייך, רבי!“ — „גוט מארגען! א נו!
אט זעץ זיך אקארשט נאר אניעדער
און נעהם זיך צו׳ם חומש... נו, לעבעדיג!... דו!
מיט תשק, מיט אברים, מיט גליעדער!...
דו שוויינסט?!... נו, טא לעג־זשע זיך! ליעג... אט אזוי...
איינס!... צוויי!!“... „—רבי! רביניו! אוי!...“
„—ליעג, ליעג! דו, כל־בוניק!... ס׳וועט קאסטען דיר טייער!...
איך ארבייט, איך קנעל, איך בעגים זיך מיט שוויים,
און ער... טא, אט נא־זשע דיר! פיהל־זשע און חיים...
הא? וואראם?“... „הײם! רביניו, רביניו, הײם!
עס ברינהט ווי א פייער!...“

* *
*

א טאג קומט צוקריעכען,
א יאהר פליהט אוועק;
אלץ האט זיך זיין אנפאנג,
אלץ האט זיך זיין עק...

═══

און נאך אמאל—מזל־טוב! — מזל־טוב אייך!
שפיעלט כלי־זמר׳לעך! הויבט זיך אויף פליענעל!
דעם חתן איז פשוט... „דער קרומער ניט גלייך“:
די כלה—א דימאנט. א שפיעגעל!
סע וואליעט!... וואַרט אוים, ליעבע פריינד, זייט ניט פויל—
דער דימאנט האט נעגעל, דער שפיעגעל—א מויל...
— נו, מאנעלע! ווארעם? עס קוועלט די נשמה?
„—אוי, ברידער, בחורים׳לעך! איילט זיך ניט! — קאלט!
איך פריהר ווי אום שבת ביי דער נאכט אין א וואלד...
איך ציטער, איך צאפעל... אוי, ברידערלעך, גוואלד!
איך פריהר, פון נחמה!“

* *
*

די וועלט איז א חדר
פאר קליין און פאר גרוים!
סע קוועטשט זיך, סע שטופט זיך —
סע לערנט זיך אוים...

═══

א סוחר געווארען... נו, גיכער, רב יוד! —
אין האץ איז א מארק און אין קלאץ—א יריד...
עס הודיעט, עס קאכט ווי אין גיהנום!
איהר זעהט—קיין עין־הרע! — סע לויפט! —

פעל, אקסען, זאלץ, קארן, פלאקס, פאצירקעס, לעדער!
מע פליהט ווי אויף פליגעל, מע פאהרט ווי אויף רעדער,
מע האנדעלט, מע וואנדעלט, מע קויפט, מע פערקויפט...
דאס סוחר'ל יאגט זיך נאך דעם און נאך יענעם,
עס ציטערט, עס צאפעלט, בעגיעסט זיך מיט שווייס...
אוי, סוחרים'לעך, יודעלעך, פערדיג, הייס!
עס ברענט ווי אין גיהנום!

* *
*

דאס וועלטעלע דרעהט זיך —
א מארק, א יריד!
עס הודיעט, עס פלאקערט,
עס ברענט און עס זידט...

═══

ברענט, ברענט, — איהר וועט אבגעקיהלט ווערען, רב־יוד!...
איהר איילט זיך נאך סחורה? — נאך אייזען, נאך ברעטער,
נאך זייד און נאך סאמעט—איהר פלאקערט, איהר זידט!
פערגעסט נאר ניט—זייט אזוי גוט—פון יריד
א שטיקעלע לייוואנד צו ברייננגען, רב־פעטער...
עס קלאפען די פושקעס... עס ארבייט די וואג:
פיער ברעטער, צוויי שערבלעך—און אוים מיט אנ'עק!
געקומען צופאהרען פון לעצטען יריד'ל...
נו, גיבער, שמשים! פערשיט שוין, בעהאלט!...
אוי, יודעלעך! קאלט איז דארט—זאג איך איך—קאלט!!...

— — — — — — — — — — — — — — —

געפעלט איך מיין ליעד'ל?...

═══

# די נאטור.

ליכטיג שיינט דער אווענד־שטערן;
שאטענס ליעגען אויף די פעלדער;
פייכטע קיהלקייט וועהט און גיסט זיך
פון די גערטנער, פון די וועלדער.

און די גרויסע, אלטע בוימער
שאקלען מיט די גרינע בלעטער,
און מיר דאכט זיך, אז זיי רוישען:
„—זעה, ווי פריש איז דא דאס וועטער!“

טראָפּענס טהוי, ווי פּערעל, גלענצען
אין די לעצטע אָווענד־שטראַהלען,
אין די פייכטע גרינע טהאָלען
שלאָגען פרישע, קאַלטע קוואַלען...

קום אַריין אין וואַלד! מיר וועלען
דיך ערפרישען און ערקרעפטען,
ווי מיט ווייכע, גרינע פאָדעם
דיך בעשפּינען און בעהעפטען...

מיט אַ שטילען, זיסען דרימעל
וועלען מיר דיין הערץ בעוועהען,
מיט אַ ליעבען, זיסען חלום
דיך ערקוויקען און ערפרעהען...

און פון וואַלד, מיט זיסע פרישקייט
אנגעטרונקען, אנגעזויגען,
געה איך צו דעם גרויסען אַבגרונד,
וועלכער ליעגט פאַר מיינע אויגען.

ליכטיג שיינען, לייכטען גלענצען
אין דעם רויטען, פורפּער־העלען
לעצטען אַבשיין פון די שטראַהלען
די בעגאָלדטע, בלויע וועלען.

אויף די בלויע שטילע וועלען,
וועלכע גלענצען ווי אַ שפּיעגעל,
שוועבט אַ זעגעל, שוועבט און פלאַטערט
ווי אַ גרויסער, ווייסער פליעגעל.

אויף די שטילע, בלויע וועלען
שווימט אַ שיפעלע אַ קליינע,
און פון שיפעל הער איך שטימען,
יונגע שטימען, זיסע, ריינע...

יונגע, זיסע שטימען זינגען
פון די שטורעמס, פון די ווינדען,
פון די שיפערס, וועלכע שטרייטען
מיט די גרויסע, בייזע אינדען,

װעלכע שװימען אויף דעם אָבגרונד
װײַט, אין יענע שענע, פרײַע
לענדער. װאו די זון שײַנט אײביג,
װאו עס לעבען גוטע, טרײַע.

ליבע מענשען, גלײַך װי אײנע,
גרויסע, גליקליכע משפּחה, —
און װי שטאַרק איז זײער פרײַנדשאַפט,
זײער פרידען און הצלחה...

„נו־זשע, ברידער! — אין דעם זעגעל
בלאָזט דער װינד!...נו, גיכער, גיכער!..
אונזער שיפעלע װעט פליהען
אויף די אינדען, װי אַ װיכאַר...

װאַלקענס שװעבען אויף דעם אָבגרונד:
שװער אין שטורם איז דאָס שװימען,
נאָר—פאָראויס, מיט האָפנונג, ברידער!...
זינגען פרישע, יונגע שטימען.

יונגע, זיסע שטימען זינגען,
און איך זינג מיט זײ צוזאַמען;
טיעף אין הארצען פיהל איך פלימען
נײַע קרעפטען, נײַע פלאַמען:

נײַע האָפנונג טריפט, װי טראָפּענס
קאַלטע װאַסער אויף דעם גומען
פון דעם קראַנקען...אַך, אַ דאַנק אײך,
בוימער, זאַנגען, גראָז און בלומען.

פרײַע פויגעל, בלויע װעלען,
פונ׳ם טיעפען, הײסען הערצען,
צװישען אײך האָב איך פערגעסען
מײַנע אַלטע, גרויסע שמערצען!...

---

# נאַכט לידער.

## I.

### א.

דאָקטוירים זאָגען — איך בין קראַנק,
אַ ווילדע קרענק האָט מיך געטראָפֿען:
אַ וועלט מיט יודען ליעגט און שלאָפֿט —
און איך נאָר איינער קען ניט שלאָפֿען...

דאָקטוירים זאָגען — איך בין קראַנק,
און שרעקליך זענען מיינע שמערצען:
אַ וועלט מיט יודען זיצט און שווייגט —
איך איינער רייס זיך אויפ'ן הערצען,

שריי „חי וקים!", זיפֿץ און וויין
און זינג נאָר טרויעריגע לידער...
אַך, לאָזט מיך וויינען אָהן אַ ברעג!
אַך, לאָזט מיך זיפֿצען, מיינע ברידער!

איהר ווייסט אויף וואָס איך וויין? הערט אוים:
איך האָב אַ ביכעלע געלעזען;
דאָרט איז בעשריבען, אַז אַמאָל
איז אויף דער וועלט אַ פֿאָלק געוועזען, —

אַ גרויסעס פֿאָלק, אַ שטאַרקעס פֿאָלק,
האָט פֿיעל געהאַט אי שטעדט, אי פֿעלדער
פֿיעל דערפֿער, גערטנער, שעפֿסען, פֿיה,
פֿיעל טיעפֿע טייכען, גרינע וועלדער;

פֿיעל העלדען האָט געהאַלטען לאַנג
דאָס פֿאָלק אין פּחד און אין מורא:
פֿיעל פֿעלקער האָבען ביי דעם פֿאָלק
געלערענט וויסענשאַפֿט און תּורה,

און איצט...
יאָ, אמת! — איך בין קראַנק —
אַ ווילדע קרענק האָט מיך געטראָפֿען:
אַ וועלט מיט יודען ליעגט און שלאָפֿט —
און איך נאָר איינער קען ניט שלאָפֿען!...

### ב.

דער עולם שלאָפֿט! — דער גענעצט נאָך
אין יענער חראָפּעט שוין בשלום...
ווער קלאַפּט צו מיר? — אַ, דאָס איז ער.
מיַין אַלטער חבֿר — דער בעל־חלום.

איך בין מיט איהם שוין לאַנג בעקאַנט
און קען פֿון איהם ניט פּטור ווערען...
ער קומט צו מיר, ער נעהמט מיך מיט,
צינדט אָן זיַין קליינינקען לאַנטערען —

„— קום, ברודער! — זאָגט ער — קום מיט מיר;
דער זייגער האָט ערשט צוועלף געשלאָגען —
עס איז נאָך לאַנג, עס איז נאָך וויַיט,
ביז עס וועט אָנהויבען צו טאָגען...

קום, ברודער, קום, פֿאַר דיר איז דאָך
ניטאָ קיין שלאָף, ניטאָ קיין פֿריעדען
טאָ האָב האַטש נחת קוקענדיג,
ווי זיס און רוהיג שלאָפֿען יודען;

„קום, ברודער, קום־זשע!...“
— און איך געה.
ווי פֿינסטער איז פֿון אַלע זיַיטען!
עס בילען נאָר די יאַטקע־הינד
און זשאַבעס קוואַקען פֿון דער־וויַיטען...

קיין מענשען־שטימע הער איך ניט,
קיין אײנציג ליכט זעה איך ניט ברענען...
נו, שטעל זיך אָב — אַט זענען זיי —
בעקאַנטע בילדער, אַלטע סצענען;

---

### ג.

אַט שלאָפֿט אַ יוד — אַ פֿיַינער יוד,
ר׳ אַבֿרהם־שלום קאָנטעמירער;
ער איז אַ גרויסער בעל־הבית
און איז דער גרעסטער שטעדטיל־פֿיהרער.

מען זאָגט: „דער קאַראַס (אַ מין פֿיש)
האָט האָלד אין שמאַנד געפּרעגעלט ווערען“.
— אַט ווי דאָס פֿישעלע — אין שמאַנד,
האָט האָלט דער „כּבֿוד“ זעהר גערען

צו קאָכען זיך, צו פרעגלען זיך

בײַ אַבְרָם־שָׁלוֹם׳ען אין הערצען...

אָך, וויפיעל מַרְתָּה טראָגט אויף זיך

און וויפיעל האָט ער, נעביך, שמערצען!

ער מוז דאָך זײַן — פערשטעהט איהר מיך?

ר׳ אַבְרָם־שָׁלוֹם קאָנטעמירער,

צי וויל, צי ניין, עס העלפט דאָך ניט —

ער מוז דאָך זײַן דער שטעדטיל־פיהרער;

ער מוז דער גַבַּאי זײַן אין שוּהל;

ער מוז זיך, נעביך, נעהמען שִׁשִׁי;

ער מוז דאָך סטאַרען זיך צו זײַן

אַגַבַּאי אויך אין חֶבְרָה־קַדִּישָׁא,

און גאָר ניט ווילענדיג האָט ער

נעמוזט דאָך פאַר הוֹשַׁעְנָא־רַבָּה

געהן מיט אַ... יענץ... ווי רופט מען עס?...

אויף צַלְאֵל־בּער, דעם אַלטען גַבַּאי...

הײַנט וויפיעל האָט איהם אָבגעקאָסט —

עס איז דאָך גאָר ניט צו בעשרײַבען —

עס זאָל בײַ זײַ נאָך אויף דרײַ יאָהר

די טאַקסע פאַר זײַן שוואָגער בלײַבען...

אָך, זעהט ווי, נעביך, מאַט איז ער!

ער שלאָפט און זעהט אַ זיסען חָלוֹם —

ער זעהט... אָך, וועקט ניט, וועקט איהם ניט, —

אַ גוטע נאַכט, ר׳ אַבְרָם־שָׁלוֹם!...

ד.

אַט שלאָפט אַ דאַמע... שטעהט, וואַרט אויס:

איהר קענט דעם סוֹחֵר אֱלִי־חָנָה,

וואָס פיהרט פערקויפען ווינד מיט רויך

און האַלט אַ קרעטשמע אויף דער לְבָנָה?...

איהר קענט איהם טרעפען יעדען טאָג

פון צעהן ביז צווײַ, ביז דרײַ דעם ווײַגער

אין דער אופראַווע... אַט דאָס איז

זײַן טאָכטער... איהר פערשטעהט — אַ שטײַנער

דעם סטאַנאָוואָי'ס מאַדאַם אַליין,
די ערשטע דאַמע אין דעם שטעדטיל
איז גוט מיט איהר: אַט דאָ ניט לאַנג
האָט זי איהר צוגעשיקט אַ צעטעל

און איינגעלאַדען זי צום באַל
צום מאַסקאַראַד אין דער „סאָבראַניע״
איהר הערט? פערשטעהט איהר וואָס בעטייט,
וואָס הייסט אַזוי אַ מין קאָמפּאַניע?...

האַ? וואָס? איהר זאָגט: ס'איז ניט קיבּאַי
זיך נאָך אַזוינע קענטשאַפט יאָגען?
„ס'איז דאָ וואָס בעסערס״—זאָגט איהר—נו?
גוט, נו? וואָס נאָך האָט איהר צו זאָגען?

„—די קינדער יאָגען זיך אַרום—
אַ ביסען וואָו ניט איז צו חאַפּען;
דער טאַטע לויפט פון גאַס צו גאַס—
אַ גמילות־חסד צו דערטאַפּען;

„די מאַמע האָט דאָס לעצטע קלייד
אַוועקגעטראָגען אין משכּנות...״
— נו, מילא וואָס? נו, וואָס־זשע איז?
עט, לאָזט צו רוה—ס'איז אָהן סכּנות...

שלאָפט, שלאָפט, מאַמזעל! אַ גוטע נאַכט!...
דאָס וואָס האָט איך געוואָלט זיין, חלעבען,
וועט אויסגעהן צו דעם טאַטע'נס קאָפּ
און צו דער מאַמע'ס לייב און לעבען...

---

ה.

אַט איז אַ פּאַלאַץ... אַה, ווי שען,
ווי פּרעכטיג: ביימער און סאַמעט
זייד, לעדער, בּראָנזע, צעדער־האָלץ...
דאָ וואָהנט אַ יודישער מלמד.

איהר לאַכט, רבותי?... ניין, וואַרט אויס—
ס'איז גאַר ניטאָ דאָ וואָס צו לאַכען;
אַט וואַרט נאָר אויס—איך וועל אייך באַלד
דעם חשבון גאַנץ פּאַדראָבּנע מאַכען:

פון סאַמעד איז די יאַרמאָלקע —
זי גלענצט און שײַנט פון װײַטענס ;
די טײַטעל איז געמאַכט פון בײן ;
דער גאַרטעל איז פון זײַדענס ;

פון בראָנזע איז דער הענגלײַכטער ;
דער קאַנטשיק איז פון לעדער ;
דאָס בענקעלע—דאָס בענקעלע
איז אויסגעשניצט פון צעדער...

א װאָזשנע בעל-הבתישקײַט ! — ,
עס, טרינק און שלאָף און לעב אין פריעדען,
װער ברײט און לאַנג, קלויב נחת, קלויב...
אָה, לעבען זאָלען טאַקע יודען ! —

א לעהרער בײַ אַנ׳אַנדער פאָלק—
חאָטש זאָל ער װערען אויסגעצויגען —
װעט דאָך אַ הונדערט-טהײל פון דעם
ניט זעהען אײביג אין די אויגען...

װאָס זעהט מען דאָרט בײַ איהם אין שטוב ?
א פּוסטקע! װאָס איז דאָרט צו זעהען! —
פאָרטרעטליך הענגען אויף די װענט
און לאַנגע בענק מיט טישען שטעהען ;

מען הערט קײן קול ניט פון א קינד,
מען הערט קײן קול ניט פון דער װײַטען..
און דאָ, בײַ אונז ? — עס זינגט, עס קלינגט,
עס קאָכט און זידט פון אַלע זײַטען :

די היהנער שמועס׳ן װעגען הירזש ;
דער האָהן שטודירט חזנות;
דער גאָנער דרשנ׳ט אויפ׳ן קול,
דער קאַטשער העלפט איהם מיט בוונות ;

דער רביצינס מוזיניקעל
פּרובט איבערשרײַען בײדע...
דאָס קעלביל טהוט זיך איהר׳ס... עס שמעקט
מיט ריחות פון גן-עדן !...

און מאכט דאָ טהוט געהן אַ קול
אַ ווידערקול פערהאַפט דעם אָטהעם
—„נו! נו! מיט חשק! לעבעדיג! —
„וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים!"...

די נאכט איז שטיל. דאָס פינסטערניש
מיט יעדער רגע ווערט אַלץ גרעסער...
איהר זעהט דעם פּלאַץ, דעם דוואָרעץ —
דאָ שלאָפט אַ יודישער פּראָפעסאָר.

ער שלאָפט. צוקאָפּענס ליעגט ביי איהם
אַ בינדעל גוטע, וויכע צָרות...
ער זעהט אין שלאָף—איהם חלום׳ט זיך —
ער שטעהט און שלאָגט כַּפָּרוֹת:

ער נעהמט דעם האָהן — „אַ נו, זאָגט ער —
אָט זאָג נאָר מיר, כָּל־ב׳ניק,
וואָס פאַר אַ סֵדֶר גּעהט איצט? הא?
דו שווייגסט, יִמַּח־שְׁמוֹ׳ניק!

„דו שווייגסט? טאָ נאַ־זשע דיר!... אָט, נאָ!
טאָ ווער־זשע די כַּפָּרָה!"...
דער רֶבִּי שלאָפט, און שלאָפט ניט פראָסט —
ער ליעגט זיך ווי אַ שְׂרֵרָה...

פון ביידע זייטען שטעהען וואַך
גַּבְרִיאֵל און מִיכָאֵל,
פון פאָרענט איז אוּרִיאֵל דאָ,
פון הינטען שטעהט רְפָאֵל...

אַ גוטע נאַכט אייך, רֶבִּינְיוּ! —
זאָל גאָט מיך פאַר די רייד ניט שטראָפען —
אַ וועלט מיט יודען שלאָפט נאָך... אייך
האָט גאָט אַליין געהייסען שלאָפען...

---

ו.

אַ וועלט מיט יודען ליעגט און שלאָפט.
דער זייגער האָט ערשט צוועלף געשלאָגען.
עס איז נאָך לאַנג, עס איז נאָך ווייט
ביז עס וועט אָנהויבען צו טאָגען.

איך גײ אוּן גײ... די נאַכט איז שטיל
אוּן פֿינסטער איז פֿון אַלע זײַטען..
עס בילען נאָר די יאַטקע־הינד
אוּן הענער קרעהען פֿון דער װײַטען..

א גאַנצער חיל שלאָפֿט אין קלױז —
די אָרעם־בחורים, פּרושים;
עס הוּשעט דאָרט א חראַפּעריַי
מיט אַלע ל״ב פּירושים...

דער שטאָדט־באָק בלאָנזשעט אױפ׳ן מאַרק
נדבות קלױבענדיג אױף שבּת...
אין מקוה טאַנצען אױף די טרעפּ
א כּשר־טאַנץ אַמנין זשאַבעס...

קײן מענשען־שטימע הער איך ניט;
קײן אײנציג ליכט זעה איך ניט ברענען;
דער װעג איז אָבער מיר בעקאַנט —
בעקאַנטע בילדער, אַלטע סצענען!...

די נאַכט איז פֿינסטער, שטיל אוּן קאַלט
דער זײגער האָט ערשט צװעלף געשלאָגען...
אָך, װיפֿיעל דאַרף מען װאַרטען נאָך
ביז עס װעט אָנהױבען צו טאָגען?!...

---

II.

## עפּילאָג.

איך האָב דאָס פּעקעל צוגעמאַכט —
איך האָב געענדיגט מײַנע ליעדער.
נו, זאָגט־זשע מיר — איך בעט אײך — זאָגט...
פֿאַר װאָס־זשע שװײַגט איהר, ברידער?

איך װאַרט ניט לאַנג — עס הױבט זיך אױף
א ייד פֿון מזרח־װאַנד, אַן־אַלטער,
א הױכער, שענער, גרױער ייד.
איך זעה: אין האַנד מײַן ביכעל האַלט ער.

און מיט דעם פינגער ווייזענדיג
אויף מיינע ליעדער, פרעגט דער זקן:
„— את דאס איז אייערס? . . . וועהער גוט . . .
מעהר האט איהר נאר ניט וואס צו זאגען?"

(ער נעהמט ארויס די פושקע) „—הא?
(ער טהוט א שמעק) „איז הייסט עס . . ." (ישמש,
מאכט צו די טהיר!") „האט איהר דאס אלץ
געשריעבען ערנסט, טאקע ממש? . . .

„און דאס איז נאר? און דאס איז אלץ
וואס יודען האבען? איהר זענט ערב?
האט גוט געקוקט מסתמא? . . . נו,
און איהר . . . און איהר אליין, רב־קרוב?

„איהר האט דאך עפעס אויך א צעך
מיט הויכבעריהמטע בעלי־מלאכות,
טא ווייזט־זשע, אקארשט, ווייזט ארויס,
וואו זענען אייערע הצלחות?

„אז אלע שלאפען, מוז דאך ווער
איך אויף דער וואך ביי יודען שטעהען;
נו האט איהר אפשר פארט ביי אונז
אנ'אויפגעשטאנענעם געזעהען?"

רבותים! — ענטפער איך — עס וואלט
שוין זיין געניג: אלץ ביז א ברעקעל
האב איך פאר אייך ארויסגעלעגט
וואס איז ביי מיר געוועזען אין פעקעל . . .

נאר ווארט . . . כדי צו יוצא זיין,
איהר זאלט פון מיר צופריעדען בלייבען,
וועל איך ניט זשאלעווען קיין טינט
און וועל אייך נאך א ליעדעל שרייבען:

מיין באבעניו פלעגט זאגען אפט
(געוועזען א גרויסע צנועה):
„ניט שרעקליך איז א קראנקהייט, ווען
ס'איז דא דערצו א רפואה".

ניט שרעקליך איז די נאכט — זאג איך —
ס'וועט אנהויבען צו טאגען ,
די שטראהלען וועלען פון דער וועלט
די פינסטערניש פעריאגען . . .

איצט איז נאך נאכט . . . עס טאגט נאך ניט . . .
נאר . . . שאט ! מיר דאכט — איך הער פון ווייטען
עס ריהרט זיך עפּעס דארט אין גאס . . .
וואס זאל די זאך בעדייטען ? . . .

ווער איילט זיך דאס צו אויפשטעהען ,
פאר אלע שלאפענדע צו זארגען ? . . .
קומט , ברידער , זעהען ווער איז ער
און זאגען איהם : „גוט מארגען !"

איהר זעהט ? — אט הויבט זיך אויף פון שלאף
א מענשעלע א קליינער ;
ווי דאר און קוואר איז ער , ווי בלייך !
אין גאנצען הויט און ביינער .

א שענערען , א פרישערען
פון איהם איז מען מקבר . . .
און ווייסט איהר ווער איז דער פארשוין ?
דאס איז א יודישער מחבר .

ער הויבט זיך אויף , ער קרעכצט און הוסט ,
ער טאפט און זוכט . . . נאר גאט צו דאנקען —
אלץ וואס איהם פעהלט געפינט ער באלד —
מען דארף גאר בעסערס ניט פערלאנגען .

דאס ליכטעל האבען ביי דער נאכט
די מייז צוגריזעט און צובראכען ;
פון גרויסע װארעמקייט אין שטוב —
די שוועבעלעך פערנעצט , צוקראכען . . .

ער מוז נאך טאפּען ארום זיך ,
ער מוז נאך אין דער פינסטער קריכען . .
ער איז נאך צו דער „רויטער קוה"*)
און צו דעם באד-קעסעל געגליכען ;

---

*) פרה אדומה .

ער מוז פערברענט ווערען אויף אש
און יידען מוז אין בעם און אין שמערץ ער —
מטהר זיין די טמאי קעפ
און בשר'ן די חמצ'דיגע הערצער . . .

עס זאל אין טינטער ביז א סוף
ניט אויסגעטריקענט ווערען ,
מישט ער דאס ביסעל שווארצע טינט
מיט ביטערע און הייסע טרעהרען . . .

אך , ס'איז צפנים נאך צו פריה
ביי יודען פאר א ליטעראטאר –
ער חאפט נאך , נעביך , זעהר אפט
אי צאהנוועהטאג , אי קאטער . . .

דער שטאדט-באק לעבט שוין אב זיין וועלט
נאר קהל איז דאך א בעל-צדקה –
נעהמט דעם כחבר אויף זיין ארט
און גיט איהם איבער די חזקה . . .

אך , זאגט מיר , מענשען , וואס בעדייט ,
וואס האט געוואלט דער בורא זאגען
מיט דעם בעשעפעניש ? . . . מיין קאפ
קען דאס גאר פשוט ניט פערטראגען :

ער שרייבט דאך , דאכט זיך , מיט א פען ,
ער רעדט מיט יודען פשוט יודיש ,
און יודען קוקען פארט אויף איהם
נאך אלץ ווי אויף א ווילדען חידוש .

מען טאפט די נאז ביי איהם , די צונג ,
מען טרייבט קאטאוועסליך צום לאכען :
"—דו הערסט ? . . . ער בריט . . . חהע! דו הערסט ?"
"—ע . . . בקיצור , חמע! . . . ס'איז פוסטע זאכען!"

מיין ברודער ! שלעכט איז דיר , איך ווייס ;
נאר גאה און טראג דעם יאך דעם שווערען ,
שטעה שטאלץ און קרעפטיג אויף דיין ארט :
עס מוז , עס וועט דאך ליכטיג ווערען !

נים שרעקליך איז די פינסטערניש —
ס'וועט אנהויבען צו טאגען
די שטראהלען וועלען פון דער וועלט
די שווארצע נאכט פעריאגען,

עס וועלען אויפוואכען פון שלאף
גאר נייע לייט מיט נייע מוחות;
זיי וועלען ברייינגען אויף דער וועלט
פיעל נייע, פרישע, שטארקע כוחות;

פיעל העלע שטראהלען, גרויסע ליכט
וועט דאמאלס ווערען אנגעצונדען;
דער שלאפער וועט בעקומען קראפט
און ליכטיג ווערען וועט דעם בלינדען.

דאס מוז זיין, ברודער!... אבער איצט,
דערווייל — איז גאט צו דאנקען, חלעבען,
פאר יעדען שטראהל, פאר יעדען פונק,
וואס צינדט זיך אן אין אונזער לעבען!...

## „שלח־מנות".

(א פורים־ליעדעל).

גוט יום־טוב, יודען! מזל־טוב!...
א שמחה, א נחמה:
מיר האבען היינט אין המן'ען
דערזעהען א נקמה!...

עקריצט פאר חרפה מיט די ציינער
האט זרש די מרשעת —
א סוף געהאט א ביטערען,
געלאפעט זיך פאר בעס!...

און אסתר — הא?... אין פעריל, גאלד
אין פאלאץ זיך געזעסען,
פלאדען, פיש מיט ראזינקעס,
מאן מיט ניס געגעסען...

און מָרְדְּכַי. מָרְדְּכַי ... נאָטעניו !
א יענעראל געוואָרען,
אין אֲחַשְׁוֵרוֹש'ס מונדיר
רייטענדיג געפאָהרען! . . .

און אלע שׂוֹנְאִים אונזערע
(אויף אייך געזאָגט, טְרֵפָנִיאַקעס
און אֶפִּיקוֹרְסִים היינטיגע!)
אַי, קלעפּ געכאַפּט, אַי, מַכּוֹת !

* *
*

נאָר שטעהט, רַבּוֹתַי, וואַרט נאָר אוים:
די מַעֲשֶׂה איז געוועזען
דריטהאלבען טויזענד יאָהר צוריק . . .
איך האָב פון דעם געלעזען

ניט ווענינ, ברידער! און איהר ווייסט?
דאָס אלץ איז אֱמֶת טאַקע,
און הָמָן האָט אָנֲבָאִי דאָרט
געהאַט א גרויסע מַכָּה.

מיט אלע זיינע בָּנִים'ליך —
צו דאַנקען גאָט דעם ליעבען . .
עס זענען אָבער דאָרט פון איהם
פּלעמעניקעס געבליבען,

און מְחוּתָּנִים אלערליי,
און פָּשׁוּט גוטע-ברידער —
און אין א צייט אַרום איז דאָרט
אוי, שלעכט געוואָרען ווידער! . . .

ניט איין מאָל האָט מען יודען דאָרט
געבראָכען יעדען אֵבֶר . . .
און מָרְדְּכַי איז שוין ניט געוועזען,
און אֶסְתֵּר — אויך אין קֶבֶר! . . .

* *
*

נאָר שאַ, גענוג! וואָס טהו איך דאָס?
גענוג חוץ דעם יִסוּרִים.
היינט איז א מִצְוָה פרעהליך זיין —
היינט איז ביי אונז דאָך פּוּרִים!

גענוג געקרעכצט, גענוג געוויינט
מיין אומעטיגע פידעל!...
איך נעהם די טאַצען מיט'ן פויק,
איך זינג א פורים-ליעדעל.

שושנת-יעקב! יודעליך!
טאַנצט, זינגט און מאַכט א כוסה
און סיבּף טאקע נאָך איינע,
און אדרבּא — א גרויסע!...

די גראַגערס רוישען ארום מיר,
די המן־קלאַפּערס ברומען...
שטעהט־אויף, נעהמט צו א ליעבען גאַסט,
א אורח איז געקומען:

* *
*

איך לויף, איך פליה פון שטוב צו שטוב,
איך יאָג זיך ווי א יעגער —
איך בין דער יודישער קוריער,
דער שלח־מנות־טרעגער!

דער שלח־מנות־טרעגער געהט...
אי, מאַנדליך! המן-טאַשען!
אי, טייגליך, פלאָדען, קיכעליך!
עס ציהט, עס ווילט זיך נאַשען

דאָס איז דאָך אָבער שוין פון לאַנג
קיין חדוש נים ביי יודען —
בּבן איז האָב איך עפּים ניים,
וואָס איהר ווערט זיין צופרידען:

פון צוקער־לעקעך, נים און מאָן,
פאַר אייך אויף שלח־מנות,
פיגורען אויסגעגאָסענע
גאָר קונציג, בּנאמנות —

אי מענשליך, אי בּהמות־ליך —
אי דינעקע, אי גראָבע,
נאָר יעדעס ווי עס דאַרף צו זיין...
צום בייספּיעל אויף א פּראָבע:

* *
*

אָט איז פון לעקעך-טײַג געמאַכט
(אַ נײַס פון אַלע נײַסען!)
אַ גביר, װאָס פאַר'ן אָרימאַן
איז „זיס" און „לאָזט זיך בײַסען"...

ער מאַכט זיך ניט ניטװיסענדיג
פון דעם עולם'ס צרות,
ער גאַרט ניט נאָך אַ חניפה'לע,
דאַרף כּבוד אויף כּפּרות...

אָט איז אַ יודישע „מאַדאַם",
און קוק ‥, אַריסטאָקראַטקעס;
זי קרימט זיך ניט דערהערענדיג
פון קוגעל, טשאָלענט, לאַטקעס!

אָט איז אַ יודישע „מאַמזעל",
װאָס, אַז מע רעדט אויף יודיש,
װעט זי ניט קוקען װילד אויף איך,
װי עפּיס אויף אַ חדוש.

און קריכט אין קלוב ניט אויסגעפּוצט,
אַ נחת איז איהר באַבע! —
צו הערען דאָרט אַ סקאָצעל-קומט:
„זשידאָװקאַ, ברוך הבּא!"...

* *
*

אָט זענען צװײ „דאָקטוירימליך"
אין אַ יודיש שטעדטיל —
ניט זידלען זיך, ניט שלאָגען זיך
בײַ דעם קראַנקענס בעטיל!...

אָט איז אַ יודעל, װעלכער װעט
בײַ'ם קבצן פאַר אַ קאָפּקע
די הויט נים שינדען, כאָטש ער האלט
בזוקא די „קאָראָבקע"!...

פון צוקער-גלאָז[*] „אַ װאָכערניק"
פאַר אָרימע אַלמנות
װאָס אז עם טריפט אַ הײסע טרער
„צוגעהט" ער-פאַר בּחמנות!?!...

---

[*]) לעדעניע.

אַט זענען צווײ „מְחַבְּרִים׳ליך״,
א אַלטער און אַ יונגער, —
דער קונץ אין זײ איז, ווײסט איהר וואָס? —
זײ שטאַרבען נִיט פאר הונגער!!

* *
*

אַט נאָט איך „אַ מְלַמֵּד׳יל״ —
איהר נעהמט אַקאָרשט דאָס שטיקל
פון האָניג־לעקעך אויסגעטאָקט,
אַ צאַצקע, אַן׳אַנטיקל:

נִיט קײן טשאַחאָטקע האָט ער נִיט
און איז נִיט קײן האָרבאַטע,
זאַאיקעט זיך נִיט, איז נִיט בלינד,
נִיט קרום און נִיט פאַנפאַטע!!...

א צעהנדלינג הָמָן־טעשליך־קוקט,
זײ בליהען ווי די רויזען, —
אַ מִנְיָן „תַּלְמוּד־תּוֹרָה׳נִיקֶעס״!
אין שטיוועל און אין הויזען!...

* *
*

און אַט—ווער ווײל? אַ זעלטעניש!
שרײַט העבער, יודען, העבער!
אַ „תַּלְמוּד־תּוֹרָה״ מִיט אַ דאַך!
און מִיט אַ דאַך אָהן לעבער!??!...

אַט איז אַ פלאָדערדיל—אַי, אַי!
דער בעסטער און דער שענסטער, —
אַ וואונדער־פאַלאַץ, אַ דוואָרעץ:
אַ „הֶקְדֵּשׁ״, און מִיט פענסטער!!!...

אַט איז פון מאַנדלען און פון נִיס
אַ „שׁוּל״ געמאַכט,—אַ חַיוֹת:
חאָטש צאָהל אַ רענדיל פאַר אַ פאַטש
אַ יודען פאַר עֲלִיוֹת!?!...

אָט איז אַ „באָד“ אַ קונציגע, —
אַ גרויסע און אַ ריינע:
אין מִקְוָה אויף די טרעפּ ניטאָ
אַ זשאַבע חאַטש־בּי איינע! ? !...

* *

*

אָט איז אַ מענשעלע געמאַכט.
וואָס איז ער? איז די שְׁאֵלָה, —
אַ גולם, גאָר אַ פָּשׁוּטער,
נאָר ער האָט אַ מַעֲלָה:

ער קריכט ניט ווערען וואו ניט איז
אַ היינטיגער „ראַבּינע“,
וואָס ווייסט אויף לָשׁוֹן־קוֹדֶשׁ נור
אַ „שֶׁקֶל“ און אַ „דינר“...

אָט איז אַ „אַנטיציוניסט“, —
פון צוקער אויסגעגאָסען, —
אַ „קאָווגער“ דְוְקא און־איהר הערט? —
ער שרייבּט ניט קיין דאָנאָסען !?!...

* *
*

און נאָך פיגורען האָב איך־אַלץ
אַרויסגעחאַפּט פון לעבען,
אויכגעגאָסען, אויסגעמאָקט
גאָר ניט נאַריש, חלעבען;

זיי ערגיץ קויפען קען מען ניט,
חאָטש פאָהרט אויף צעהן יְרִידען;
זיי ברייננט דער יודישער פּאָעט
איך שְׁלַח־מָנוֹת, יודען!...

נעהט כ'בעט איך, נעהמט, איך שענק זיי איך,
אָט די פיגורען מיינע.
און ווייסט איהר, וואָס איך וויל פאַר זיי?
אַ נאַרישקייט, — דְהַיְינוּ:

אַז ווען איך וועל איה"ש
אויף פּוּרים קומען ווידער,
זאָל איך זיי לעבעדיגע שוין
ביי איך דערזעהען, ברידער!...

קיין אסתר'ס האבען מיר שוין ניט
אין מרדכי'ס היינט בעגעהרען
נור צו בעקומען א „מונדיר"
און „אחשתרנים" הערען...

ביז איז מוזען מיר אליין
זיך העלפען זיין צופריעדען...
א פורים אייך א פרעהליכען!
א גוטען יום-טוב, יודען!...

## צום נייעם יאהר—1889

רבונו של עולם! מיט האפנונג און פורכט,
געקניעט און דעם נאקען געבויגען,
מהוט שטעהען דיין ארעמער, עלענדער קנעכט
פאר דיינע לייטועליגע אויגען.

רבונו של עולם! פארנעהם פון דער הויך
מיין ביטערן קלאג און מיין ברומען;
מהו נויגען דיין אויער צו מיר, ווייל איך בין
צו דיר אין א שליחות געקומען:

געשיקט האט מיך, גאטעניו-פאטער, צו דיר
דיין זוהן, דיין בן-יחיד, ישראליק,
מיט וועלכען דו לערנסט שוין צוויי טויזענד יאהר
פירושים אויף סדרה בלק...

„—נעה! — האט ער געזאגט-נעה! דו ביסט דאך ביי אונז
א שארפער בעל-דברן, א דיכטער;
דו שרייסט דאך, אז מיר אלע שלאפען פערשוועכט,
דו איינער ביסט וואך און ביסט ניכטער:

„—טא געה-זשע און ברייננ אונז צום נייעם יאהר איצט.
אוי, גאטעניו! גיעב מיר זכרון!
איך האב דיר אזוי פיעל בקשות געבראכט,
אז איך בין צוטומעלט געווארען.

עם קלאפט ווי אין קעסעל-פויק. דונערט און בליצט,
עם ציטערט די ערד ווי פון פיבער,
עם בלאזען די שופרות, עם פאלען די ווענד —
מיר דאכט זיך—די וועלט קעהרט זיך איבער...

און וואס איז דאס, ווייסט איהר? — סך-הכל, הקול
קול יעקב—א קרעכץ פון א חלוש...
דאס מענה'ן מיט גאט, מיט דעם הארר פון דער וועלט,
דריטהאלבען מנינים אין פאלעש.

עס הערען זיך קולות ארום און ארום —
זיי קענען א טויטען דערשרעקען;
רב' ברוך בעט דאס, און רב' זבח בעט יענץ --
עס הודיעט פון אלע פיער עקען...

רבונו של עולם! דו זעהסט דאך מיין הארץ —
איך דיען דיר מיט יראה און אהבה;
טא שטראף-זשע מיך נים פאר די זינדיגע רייד:
א, האסטו א פאלק א ציקאווע!

רב' איצען איז קאלט, און רב' פיצען איז הייס;
היינט וואו איז רב' שמערל, רב' יואליק?
„גוט, ברייננ!"—און אנ'עק, יעדער יוד האט ביי גאט
דאך איינגעלעגט פשוט א חלק.

ווי הייסט? — יעדער יוד שאבט נאר אב פון זיין גוף
דאס ביסעלע גשמיות-שימעל —
א בן-מלך זיצט דאך פערבארגען אין איהם,
ער האלט אנ'ארענדע אין הימעל.

ער בעט—נאר אום איידעלקייט, מחמת עס איז...
פערשטעהט איהר? — עס פאסט ניט באונם...
אין תוך אבער—קומט טאקע, קומט איהם פון גאט —
ער האט מיט איהם אלטע חשבונות...

היינט פרעגט זיך א קשיא: פאר וואס-זשע זאל גאט
פאר יודישע-קינדער ניט מאכען
א מופת, א נס, עס זאל ווערען ביי זיי
אט האטש-בי די דאזיגע זאכען:

למשל: א טייכעל מיט ראזינקע-וויין
אויף פסחדיגע ארבע-כוסות;
א גארטען מיט כרפס, מיט מרור א וואלד,
א גאנצע פאבריק מיט חרסת.

א סאַושעלקע װאַסער, אין װעלכע (אַנשטאָט
די טְמֵא און טְרֵפָה'נע זשאַבעס)
עס־זאָלען אַרומשװימען קאַרפּען און העכט,
און טאַקע געפילטע — אויף שַׁבָּת...

דערצו נאָך — אַ ברונען מיט דריי־פּראָבנע יַיִשׁ,
בְּכִּיוּן אויף קִידוּשׁ צו מאַכען,
אַ פעלד מיט געװירץ אויף הַבְדָלָה.. װאָס איז?
דאָס זענען דאָך יודישע זאַכען.

קרויט, בוראַקעס װאַקסען דאָך װאו נאָר אַ דאָרף,
פאַר װאָס־זשע זאָל דאַרפען, אַנ'ערך,
אַ יוד נאָך אַ לוּלָב זיך שלעפען — איך װײַס! —
אין בויבריק, אין גושן... אַ דֶרֶך!

אין װאַלד—פּיצעריצעס מיט װײַנפערלעך—כ'װײַס!
װער דאַרף דאָס? עס טויג אויף כַּפָּרוֹת!
און קריגען אַנ'אֶתרוֹג—איז, געה נאָר אַקאָרשט—
הוֹצָאוֹת, אַ טִרְחָה, אַ צָרוֹת!...

אַ מִצְוָה טהאָן? אָך, װעלכער יוד זאָגט זיך אָב?
פריטײַ איז דאָס פאָרט ניט קײַן יוֹשֶׁר:
טהוט מִצוֹת װי באָב און בײַ יודען בלײַבט פאָרט
אויף טויזענד־קַבְּצָנִים איין עוֹשֶׁר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אוי האָסטו אַ פאָלק!...
נאָר שטראָף מיך ניט—, טיעף איינגעבויגען
טהוט שטעהען דײַן אָרעמער, עלענדער קנעכט
פאַר דײַנע לײַטזעליגע אויגען.

איך בעט ניט קײַן נִסִים. פערלאַנג ניט פון דיר
קײַן מוֹפְתִים פון דײַן יַד־הַחֲזָקָה,
איך װײַס דאָך—אין סאַדעגור איז שוין פון לאַנג
געבליעבען אויף דעם די חֲזָקָה...

נײַן, זאָל זיך דײַן װעלטעלע געהן װי עס געהט;
מע דאַרף זיך נאָך נִסִים ניט יאָגען:
דו, גאָט, ביסט גערעכט און דײַן מִשְׁפָּט איז רעכט, —
איך װעל דיר קײַן דֵעוֹת ניט זאָגען.

איינם בעט איך בײַ דיר, בארעמהאַר ציגער גאָט!—
מהו זעלינען אונז מיט דײַן פריעדען;
בעשיץ און בעהיט שוין פון שאַנד און פון שפּאָט
דײַן עלענדעס ביסעלע יודען;

געָנוג שוין, רבונו של עולם, גענוג
מיט יעקב'ן שלאָגען בכּפּרות . . .
אוי, גאָטעניו! נחת א ביסעלע מעהר,
א ביסעלע װעניגער צרות! . . .

---

# אַ בלעטעל װדוי.

## (1890)

װי פויל און װי שלעפּעריג קריכען די טעג,
װי גיך אָבער פליהען די יאָהרען!
װײַט, װײַט איז נאָך ביז צו דעם עק פון מײַן װעג,
און זעהט, װי איך בין שוין פערחושכט געװאָרען!
געבויגען דער רוקען און גרוי איז דאָס האָר,
פערטריקענט די באַקען, אין קנײַטשען דער שטערען,
די אויגען פערטונקעלט פון ביטערע טרעהרען . . .
אַך, ברידער! — מיר געהט ערשט דער דרײַסיגסטער יאָהר! ..

„בן שלשים לכּח!" — נו טאַקע, װי דען?
איהר װייסט דאָך, דאָס זאָגט די גמרא...
טאָ נעהמט־זשע, זײַט מוחל, איך בעט אײַך, א פּען,
און רעכענט נאָר, אוים, קײן עין־הרע,
אַ קימאַלן, װי פיעל דאַרף זײַן איבעראַל
בײַ יודען גבורים? — א שרעק בנאמנות!
אין לוצין, אין פּינסק, אין בערדיטשעװ—הכלל
אַ פאָלק פון גבורים—אַנ'אימה, סכּנות!

אַ פאָלק פון גבורים! און װי נאָר אַ יוד —
אַ גלית הפּלשתי, אַ שמשון הגבור!
עס קאָכט װי אַ קעסעל, עס ברומט און עס זידט,
עס ציטערט די ערד אונטער איהם װי פון פיעבער.
מע אַרבײַט, מע הוליעט, מע טרינקט און מע עסט,
מע באָדט זיך אין שפּע; און װאו נאָר אַ הײַזעל,
און װאו נאָר אַ מנין, און װאו נאָר אַ קלײַזעל —
אַ לאַנגער פון לײַבען, פון אדלערס אַ נעסט!

אַךְ, לייבען און אָדלערס! איך בין אויך אַמאָל
אַנ'אָדלער געוועזען: מיט ליכטיגע אויגען,
מיט קראַפט און מיט האָפנונג אויף בערג און אויף טהאָל
אויף טייכען און פעלדער געשוועבט און געפלויגען;
מיר האָבען די שטערען פון הימעל געגריסט,
די וואָלקענס צופיסען געשפרייט זיך,
די וועלדער געזונגען, די טייכען געפליסט —
געזונגען, געשיינט און געפרעהט זיך,

די וועלדער און פעלדער אַרום און אַרום,
די וואָלקענס און שטערען, די טייכען און קוואַלען,
דאָס גריניגקע בלאַט און די ראָזאָווע בלום —
בעשפריצט מיט דעם טהוי און בעשיינט מיט די שטראַהלען —
דער זילבערנער שניי און דער גאָלדענער זאַנג,
די ערד און דער הימעל פון אונטען און אויבען —
אַלץ, אַלץ האָט געזונגען פון האָפנונג און גלויבען,
און זיס איז געוועזען זייער ליעבעס געזאַנג!

די גאַנצע נאַטור איז מיין רבי געווען:
זי האָט מיך געלערענט אי זינגען, אי שפּיעלען,
זי האָט מיך געלערענט אי דענקען, אי פיהלען,
זי האָט מיר געצייגט וואָס איז מיאוס און וואָס שען,
דאָס הארץ זאָל זיין פריש און דער קאָפּ זאָל זיין ניכטער
צו אַלץ זאָל איך האָבען אַ וואָג און אַ מאָס...
און איך בין געוואָרען, צו מזל, אַ... וואָס?
אַ דיכטער, רבותים, אַ יודישער דיכטער!

איהר ווייסט וואָס דאָס איז? וואָס דאָס האָט פאַר אַ ווערטה?
פון וואַנען דאָס נעהמט זיך?... אַךְ, לאָזט מיך צופריעדען!
פערשאָלטען איז דער, וועמען גאָט האָט בעשערט
צו זיין אַ משורר... ביי יודען!
אַ משורר — אַ כלי־זמר, אַ בדחן איז ער:
אַ גראַם און אַ ווערטעל, אַ ליעדעל, אַ ניגון,
אַ דרעה זיך אַהין און אַקרים זיך אַהער —
דער עולם זאָל האָבען פון איהם פערגניגען.

און וועה איז צו איהם, אויב עס זיצט אין זיין ברוסט
אַ לעבעדיג האַרץ, פול מיט ליעבע און צאָרען,
וואָס לאָזט איהם ניט מאַכען צו שפּאָס און צו לוסט
די אַרפע, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען

ער זאָל אויף איהר שפּיעלען דאָס הײליגע ליעד
פון האָפנונג און ליעבע, ער זאָל מיט זײן שפּיעלען
ערוועקען די גוטע און רײנע געפיהלען
פון טרײהײט און ערהליכקײט, פרײנדשאַפט און פריעד.

יאָ, וועה איז צו איהם! — ער וועט זײן ווי דער קול,
וואָס שרײט אין דעם מדבּר צו שטײנער און בײנער:
עס וועלען איהם הערען דער באַרג און דער טהאָל,
דער וואַלד און דאָס פעלד... אָבער מענשען — ניט אײנער!
א יוד וועט זיך נעהמען דאָס בערדעל אין האַנד,
וועט שטעהען דעם קאָפּ אויף א זײט אָנגעבויגען,
וועט הערען מיט אויהערען, קוקען מיט אויגען
און טאַקע פערשטעהען . . . אַזוי ווי די וואַנד! . . .

אַך, זאָגט מיר, ערקלערט דאָס מיר ריכטיג און גוט,
וואָס איז דאָס מיט יודען געוואָרען? —
אַזוי פיעל געליטען אין שרעק און אין צאָרען,
אַזוי פיעל פערגאָסען אי טרעהרען, אי בלוט;
א טאָג געהט ניט פאַר, וואָס ער זאָל ניט צוקראַצען,
צושטעכען א מכּה אָט וואו נאָר א גליעד;
עס שיטען זיך צרות ווי באָב — און א יוד? —
א יוד דאַרף א כּלי־זמר מיט פויקען און טאַצען,

א בּדחן מיט גראַמען און ווערטלעך; אָט דאָס
פערשטעהט ער, אויף דעם איז ער, זעהט איהר, א מבין;
עס וואַקסט אין איהם פּשוט דאָס האַרץ ווי אויף הײוען,
ער טרינקט פון דעם יחת און פרײד אָהן א מאָס;
א פּשטל, א ווערטעל, א ניגון, א ליעדעל,
א מעשה, א חידה, א גראַם און א שפּיעל . . .
פאַר וואָס־זשע זינגסט דו אַזוי טרויעריג, שטיל,
מײן, פיעדעל, מײן אַלטע, צובראָכענע פיעדעל?

וואָס וױינען און זיפצען די סטרונעס אַזוי?
עס גיסט זיך א קלאָג פון אנ'אָבל:
„פיעל יאָהרען צוריק אויף די טײכען פון בבל,
אין אײזערנע קײטען, אויף שטײנער און שטרוי
איז עלענד געלעגען די טאָכטער פון ציון,
די וויסטע אלמנה” . . . „נו, זינג־זשע מיר הײנט
די ליעדער פון ציון”! . . . האָט צו איהר געשריען
דער פרעהליכער, גליקליכער פײנד.

„נײן, איך װעל נישט זינגען די טײַערע ליעדער,
די ליעדער פון ציון, פון הײליגען לאנד
פאר יענעם. בײַ װעלכען אין בלוט איז די האנד...
זײַט שטאלץ, מײַנע קינדער, זײַט שטאלץ, מײַנע ברידער!
בעהאלט זײ, די טײַערע ליעדער, פערשליסט,
בעגראבט זײ אין אײער פערקומערטען הערצען,
הילט אײַן זײ אין אײערע לײַדען און שמערצען,
בעדעקט זײ מיט ליעבע, מיט טרעהרען בעגיסט!"

איך זעה זי אין רוים צװישען בערען און לײבען,
װאס רײַסען אויף שטיקער איהר עלענדע ברוסט...
איך זעה זי אין שפאניען: צו שפאט און צו לוסט
איהר רײַכטהום, איהר נאמען, איהר כבוד, איהר לעבען...
איך זעה זי אין פינסטערע װעלדער אלײן,
אויף טײַכען און ימים פון אלע פיער זײַטען, —
און זיכער און שטאלץ, הויך און קרעפטיג, און רײן
טהוט פליהען צו מיר איהר צװאה פון װײַטען:

"— זײַט שטאלץ, מײַנע קינדער! זײַט ערענסט! בעשענט
דעם הײליגען נאמען, מיט װעלכען פארצײַטען
איהר האט געשטאלצירט אי פאר גאט, אי פאר לײַטען!
היט אב און בעשיצט אײער עהרע; בעקרײַנט
דעם ליעבען און טײַערען נאמען פון ציון...
זײַט שטאלץ, מײַנע קינדער!..."
את דאס איז, רב יוד,
פון אנפאנג געװעזען דאס אײנציגע ליעד,
צו װעלכעם מײַן הארץ פלעגט זיך רײַסען און ציהען.

דאס הײליגע ליעד זינג איך, ברידער, אויך איצט —
עס טריפט פון מײַן הארצען מיט בלוט און מיט טרעהרען!
עס לויכט מיר אין לעבען, עס פינקעלט און בליצט,
אזוי װי בײַ נאכט אין דער פינסטער די שטערען.
מיט פיעל שװערע, זומפיגע, פינסטערע טעג
האט גאט מיך געטהון אין מײַן לעבען בעשטראפען;
פיעל דערנער בעגעגענט האב איך אויף מײַן װעג,
פיעל גריבער, פיעל שטײנער געטראפען.

נאר אײנס איז מײַן טרײסט: זאל עס זײַן נאך גאנץ װײַט
און לאנג נאך צו װארטען —, איך האף אבער, ברידער,
איך גלויב: עס װעט קומען א ליכטיגע צײַט
פאר מײַנע פערװײנטע, פעריאמערטע ליעדער;

עס וועט זיך געפינען אנ'ערנסטעס הערץ –
א לעזער, וואס וועט צו מיר זאגען:
„ווישׁ אב דיינע טרעהרען און טהו אב דיין שמערץ:
דיין ליעד אין מיין הארצען וועל איביג איך טראגען!"

## ליעד דער ארבייט.

פאר איך, מיינע ארימע ברידער און שוועסטער,
וואס זענען צוזייט און צושפרייט אויף דער וועלט
וואס קריכען און בלאנדזשען אויף טויזענדער וועגען,
אין רעגען, אין שטורם, אין היץ און אין קעלט.

פאר דיך, אוי, דו איביגער קרעכצער און זיפצער,
פערשווארצטער, פערקלאגטער, פעריאמערטער יוד,
טהוט שאלען און זינגען און הילכען און קלינגען
מיין פרישעס, מיין לעבעדיג־פרעהליכעס ליעד,

אין טויזענדער שטראמען גיעסט זיך דאס לעבען
און קומט פארט צום אלטען, צום איביגען ברעג...
די וועלט איז פאר איינעם א בליהענדער גארטען,
פאר טויזענד – א שווערער, א זומפיגער וועג.

א, לויב און געזאנג דער מיה און דער ארבייט!
זינגט, גריסט זיי פון הארצען, ליעבענד און היים!
געזונד זאלען זיין די הענד מיט מאזאליעס,
דער שטערען, פון וועלכען עס גיעסט זיך דער שוויים!

געבענשט זאלען זיין די ווערקשטאט, דאס שפינדעל,
דער האמער, די זאגע, דער סערפ און די זעג!
די וועלט איז פאר איינעם א בליהענדער גארטען,
פאר טויזענד – א שווערער און זומפיגער וועג.

געשמאק זענען, ברידער, דעם שבֿרה'ס מאכלים!
געשמאקער פון אלעם – דאס שטיקעלע ברויט,
וואס ציהט זיך פון איגענער, עהרליכער ארבייט
מיט שוויים און מיט מיה, אבי נאר אהן נויט.

געשמאק איז דעם שבֿרה'ס שלאף אין זיין צימער,
אויף ווייכענקע קיסעלעך, ווייס ווי דער שניי;
געשמאקער – א שלומער פאר נאכט, נאך דער ארבייט
אין פעלד, אויף א קאפיצע פרישׁ נקעס היי.

פיעל ליכטיגער שיינט די זון נאך ארעגען;
די װארעמקייט — ליעבער און זיסער נאך קעלט;
נאר די, װעלכע האבען דאס אונגליק געגאסען,
פערשטעהען װאס גליקליך־זיין הייסט אויף דער װעלט.

די פייל איז פון שטאהל, דער האמער — פון אייזען,
גאנץ איינפאך געמאכט און ניט איבריג שען,
מיט זיי אבער מאכט מען דאס שװערד און דעם פאנצער,
און טאקע די הייליגע קרוינען אליין.

דער סערפ איז פון שטאהל, די סאכע—פון אייזען;
קיין ציערונג קיין גרויסע זענען זיי ניט;
אין זיי אבער ליעגט אונזער קראפט, אונזער לעבען,
אהן זיי איז אונמעגליך איין איינציגער טריט.

טא לויבט-זשע און זינגט דער מיה און דער ארבייט!
זינגט, גריסט זיי פון הארצען, ליעבענד און הייס!
געזונד זאלען זיין די הענד מיט מאזאליים,
דער שטערען, פון װעלכען עס גיעסט זיך דער שװייס!

---

# לכבוד התורה.

## I.

װי א כלה, װי א בת־מלכה, אנגעטהון אין איהרע בעסטע, שענסטע קליידער, האט געשיינט די יונגע, אונשולדיגע װעלט, פינף טויזענד זעקס הונדערט ניין און פערציג יאהר צוריק.

ניט נאר דער װאונדער־שענער גארטען — דער גן־עדן, װאו עס האט פון אנפאנג געװאהנט דאס ערשטע פאר־פאלק, נאר אויך די גאנצע גרויסע װעלט האט געבליהט און געדופטעט װי א פרישער בלומען־שטאק, בעלייכטעט פון דער גאלדענער זון, בעשפריצט מיט פרישען, זילבערנעם טהוי.

קיין איי־ציגער זיפץ האט זיך ניט געהערט אין דער לופט; קיין איינציגע טרעהר איז נאך ניט געפאלען אויף דער פרישער, בליהענדער, גליקליכער ערד.

אונטער די גריגע איילבערט־און ציטראנען־בוימער זענען געלעגען און געװארעמט זיך קעגען דער זון די גרויסע, פורכט־בארע לייבען און לעמפערטען, און נעבען זיי האבען זיך רוהיג געפיטערט הירשען און אינדען, פיה און שעפסען.

אויף די צווײַגען פון די הויכע, שטאָלצע צעדערן זענען זיך רוהיג געזעסען אין זייערע נעסטען. איינער נעבען דעם אַנדערן, דער גרויסער, שטאַרקער אָדלער און דאָס שוואַכע, קליינינקע טײַבעלע.

די בייזע שלאַנג און דאָס שלאַפע, אָרימע הייזעלע האָבען געטרונקען פון איין קוואַל און איינס נעבען דעם אַנדערען האָבען זיך געלעגט אָבּרוהען.

די גאַנצע, גרויסע וועלט, מיט איהרע וועלדער און פעלדער, בערג און טהאָלען, שטראָמען, טײַכען און אָבּגרונדען, האָט געזונגען די גרויסע, הייליגע שירה — איהר ערשטעס, ענגעס מאָרגען-ליעד...

עס איז געווען דער זיעבּענטער טאָג — דער ערשטער שבּת אויף דער וועלט...

אין זעקס טעג האָט דער בּוֹרא בּעשאַפען די וועלט — די ערד מיט איהרע פעלדער, טײַכען, בּערג, וועלדער, טהאָלען און אָבּגרונדען...

— האָט איהר געלעזען דאָס בּיבעלע, אין וועלכען עס איז בּעשריעבען, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען?

— נו, פערשטעהט זיך! אַ שאַלה!... וועלכער יוד האָט ניט געלייענט דאָס בּיבעלע? —

דאָס בּיבעל, אין וועלכען בּעשריבּען עס איז
שוין לאַנג, פון די גאַנץ אַלטע יאָהרען
די אַלטע געשיכטע פון דעם, ווי אַזוי
די וועלט איז געבאָרען געוואָרען...

יעדער יודיש-קינד האָט געלייענט די געשיכטע און יעדע וואָך, יעדען זיבּענטען טאָג, לייענט מען דאָס ליעבּע, הייליגע בּיבעלע...

יאָהרען פליהען, יאָהרען שוועבּען...
ווי אַ שטראָם פון בּארג אין פעלד,
פליעסט די צייט דורך אונזער וועלט,
שווינקט אַראָבּ אין אונזער לעבּען

קראַפּט און יונגענד, גליק און נויט,
יאָמער, הערשאַפט און פערמעגען...
אַלע סטעזשקעס, אַלע וועגען
פירען, ברענגען גלייך צום טויט...

פיעל פיעל, פון דעם, וואָס איז פאַרגעקומען אויף דער וועלט, איז שוין פערגעסען געוואָרען, אָבער דער חוק פון דעם ליעבען שבת-קודש לעבט נאָך ביז איצט ביי יעדען יודען און דערמאָהנט אונז אויף מעשה-בראשית — אויף דעם זיעבענטען טאָג, אין וועלכען דער אויבערשטער האָט געטהון רוהען און קלויבען נחת, קוקענדיג אויף דאָס, וואָס עס טהוט זיך דאָרט, אונטען, אויף זיין ליעבען וועלטיל...

און יעדען פרייטאָג זיצט דער בורא-עולם און קוקט אַראָב פון אויבען אויף די וועלט, וואו זיין פאָלק-ישראל פראַוועט דעם ליעבען, הייליגען שבת...

אַך, וואָס פאַר אַ נחת עס איז צו קוקען! —

מען קעהרט, מען וואַשט, מען רויסט, מען פילט די פיש מען פערדוקט דעם טשאָלענט, מען איז מקבל-שבת, מען עסט, אָב די ערשטע סעודה, מען שלאָפט זיך אויס, מען טרינקט אָב שבת'דיגען טהיי, מען געהט אַוועק אין שוהל, מען דאַווענט אָב שחרית, מען נעהמט אויס, מען רופט אויף כהן און מען הויבט אָן צו...

צו שלאָגען זיך איבער עליות!!!...

---

## II.

די שטילע, פינסטערע נאַכט האָט איבערגעצויגען איבער דאָס לאַנד מצרים איהר דונקעל-בלויען שלייער, און אַ זיסער, געשמאַקער שלאָף הערשט איבער אַלע גאַסען, אין אַלע הייזער.

די גרויסע טעמפּעלען מיט די מירמעל-שטיינענע, זילבערנע און גאָלדענע אָבגעטער, די שענע פּאַלאַצען מיט די גערטנער און בלומענשטאָקען, די צוויי גרויסע פעסטונגען, פיתום און רעמסס, וואו יעדער שטיין, יעדער ציגעל איז בעגאָסען מיט יודישען שווייס און יודישע טרעהרען, דער טייך נילוס, וואו עס שווימען אַרום טויזענדער קליינינקע יודישע נפשות'לעך, דערשטיקטע, דערטרונקענע, און אויך דאָס לאַנד גשן, וואו

טויזענדער יודישע מוטערס בעגיסען מיט הייסע ביטערע טרעה-רען די פוסטע װיעגעלעך פון זייערע אונשולדיג-געטויטע קינדער — דאס גאנצע לאנד איז בעדעקט מיט פינסטערניש, און א טיעפער שלאף הערשט איבער אלע גאסען.

קיין איינציגע שטימע הערט זיך ניט אין דער שטילער נאכט, קיין איינציגען מענשען זעהט מען ניט אין דער פינסטער...

עס שלאפט דער הערר אין גרויסען פאלאץ,
אין זייד און סאמעט איינגעהילט;
עס שלאפט דער קנעכט—געלעגט צו קאפענס
א זאק, מיט הארטע שטרוי געפילט;

דער יונג זעהט אין שלאף זיין יוגענד,
זיין אלטעס גליק, זיין פרייד און מאכט...
און ליעבענד גיסט אי רוה, אי קרעפטען
אין יעדעם הארץ די שטילע נאכט...

שטיל און רוהיג איז אין אלע גאסען... נאר װאס גלענצט עס און שיינט דארט פון װייטען? א געריש פון פליגעל טהוט זיך הערען אין דער לופט... א גייסט, א געטליכער גייסט שװעבט און הויבט אן ארונטערלאזען זיך פון אויבען... זיינע ברייטע, װייסע פליגלען גלענצען אין דער פינסטער... דאס לאנגע שניי-װייסע קלייד פלאטערט אין דער לופט... פון זיינע לאנגע גאלדענע לאקען, פון זיין ליכטיגען שטערען, פון זיינע אויגען — פון זיין גאנצען אונשטערבליכען קערפער ציהען זיך העלע, ליכטיגע שטראהלען, בעשיינען און בעלייכטען ארום איהם די פינסטערניש...

נידעריגער און נידעריגער שװעבט דער געטליכער גייסט און אם ענדע לאזט ער זיך אראב אויף דער הויפט-שטאדט פון לאנד מצרים...

שטיל, לאנגזאם לאזען זיך אראב און לעגען זיך צונויף אונטער זיינע אקסלען די ברייטע, װייסע פליגלען, און שטיל און רוהיג הויבט ער אן געהן דורך די גאסען, פון הויז צו הויז, פון איין פאלאץ צום אנדערן...

ביי יעדען טויער, ביי יעדער טהיר שטעלט ער זיך אב אויף איין אויגענבליק, הויבט אויף זיין רעכטע האנד און מיט א פייערדיגען שװערד, פון װעלכען עס טריפען טראפענס בלוט, ריהרט ער זיך-צו צו די טויערען...

און דאָרט, וואו ער ריהרט זיך צו מיט דעם פײַערדיגען שווערד, בלײַבט אַ גרויסער דונקעל־רויטער פלעק...

שרעקליך זענען די פלעקען פון דעם שווערד! — דאָס זענען סימנים פאַר דעם מלאך־המות, וועלכער געהט טריט בײַ טריט נאָך דעם געטליכען גײַסט מיט די גרויסע, ווײַסע פליגלען: טויזענדער זינדיגע נפשות פאַלען טויט איינער נאָך דעם אנדערן — דאָס זענען די בכורי־מצרים...

— האָט איהר געלעזען דאָס אַלטע הײַליגע ביכעלע, אין וועלכען עס איז בעשריבען די מעשה פון יציאת־מצרים?

— נו, פערשטעהט זיך! ווער האָט דאָס ניט געלעזען? ווער האָט ניט געלײַענט

די געשיכטע, ווי אַזוי
אין די אַלטע יאָהרען
האָט געאַרבעט אונזער פאָלק
און פערשוואַרצט געוואָרען,

און ווי וואונדערליך דערנאָך,
פול מיט פרישעם, נײַעם
גליק און קראַפט, איז עס אַרויס
פון דעם לאַנד־מצרים...

דרײַ טויזענד יאָהר זענען שוין פערגאַנגען זינט דאָס האָט פּאַסירט, — און ביז יעצט איז נאָך געבליבען דעם זכר פון דעם גרויסען נס.

מען וואַשט, מען שמירט, מען רוימט, מען פוצט, מען שײַערט, מען כשר׳ט, מען רעדעלט און מען באַקט מצה, מען געהט אין שוהל, מען דאַווענט אָב שחרית, מען נעהמט אַרוים די רײַניגקײַט, מען שטעלט זיך אָב אויף קריאה־לפסח און מען הויבט אָן צו...

צו שלאָגען זיך איבער עליות!!!...

III.

אָפטמאָל, זיצענדיג אָווענד־צײַט איינער אַלײן אין מײַן צימער, דערמאָהן איך מיך אויף די אַלטע פערגאַנגענע יאָהרען, און פערשידענע ערינערונגען און בילדער פון מײַן קינדהײַט שטעהען אויף פאַר מײַנע אויגען און יעדעס ביצעלע זעהט

אויס אזוי דײַטליך, אַזוי קלאָר, גלײַך ווי דאָס וואָלט געווען מיט עטליכע טעג צוריק.

אַלע דרײַ שוהל-הויפען אין אונזער שטעדטעלע ליעגען פאַר מיר אויסגעשפרייט ווי אַ טישטוך; יעדע באַנק, יעדער שטענדער שטעהען פאַר מײַנע אויגען ווי לעבעדיגע; ובפרט אין אונזער שוהל, דאָס הייסט אין דער שוהל, וואוהין איך פלעג מיט מײַן טאַטען ע"ה געהן דאַווענען, איז מיר בעקאַנט יעדעס ווינקעלע, טאַקע ווי דער פסוק זאָגט: „ממזרח שמש עד מבואו" — פון מזרח-וואַנד ביז דעם האַנד-פאַס אין פאָרהויז. אויף פיעל גוטע גליקליכע שטונדען ערינערט מיך יעדעס ווינקעלע פון דעם אַלטען ליעבען שוהלכעל:

אָט דאָ — דערמאָהן איך מיך, בין איך געשטאַנען בעת עס האָט געזאָגט ר' הלל פאַריצער ע"ה... איך געדענק... אַך, וואָס פאַר אַ חיות איז מיר געגאַנגען איבער אַלע אברים. זיט וואָס פאַר אַ פערגעניגען האָב איך, אַ פופצעהן-יעהריגער חײַסער-חברה'ניק, געשלונגען יעדעס וואָרט, יעדען זיפץ און יעדען קרעכץ, וואָס האָבען געטהון אַרויסגעהן פון זײַנע זיסע, באמת זיסע, מחיה'דיגע לעפצען...

און אָט דאָ, נעבען ר' מרדכי אהרנ'ס שטענדער, בין איך געשטאַנען, לײַענען-צײַט, ווען מען האָט מיך צום ערשטען מאָל אויפגערופען מפטיר... אָ, ווי פיעל טיעפע וויט-ראָסטען זענען דאַמאָלס געזעסען אָט אין דעם קלײַנעם מענ-שעלע! איך בין מיר געשטאַנען און גאַנץ רוהיג געשמועסט מיט ר' מרדכי אהרנ'ס בן-יחיד'ל וועגען אליה דעם שוחט'ס — אונזער בײַדענס בר-שונא — און אַז דער בעל קורא האָט אויס-גערופען מײַן כשר'ן נאָמען, האָב איך מיך אַ קעהר געטהון צו דער בימה מיט אַזאַ בין קוק, גלײַך ווי אייִנער זאָגט: „האַ? וואָס? מיך? נו, בקיצור, כ'וועל אייך טהון די טובה"... און וויסען האָב איך געוואוסט גאַנץ גוט, אַז מיט מײַן הײַנטיגען מפטיר וועל איך די גרעסטע נקמה האָבען אין אליה דעם שוחט'ס און אין אַלע אַנדערע מײַנע שונאים...

הײַנט טאַקע די בימה אַליין — די בימה, אויף וועלכער איך, דער איצטיגער עלענדער זשאַרגאָן-מחבר'ל, בין ניט אייִנמאָל און ניט צוויי מאָל געשטאַנען און געשײַנט ווי די ליכטיגע זון, לײַענענדיג פאַר אַנ'שלם יודען אַ גאַנצע סדרה

און טאַקע כְּדָבָעי, מיט אַלע שַׁלְשֶׁלֶת׳ן, אויסגעקרײַזעלטע און אויסגעפלאָכטענע — אַ חיות!...

אַך, טהײַערע, ליעבע גליקליכע טעג!

איינס נאָר איז מיר קָשֶׁה: פאַר וואָס צְפֶּעס קומט אויס, אַז יעדעס מאָל, ווען איך שטעל מיר פאַר אין מײַנע געדאַנקען אונזער שׁוּהל, שטעהט אויף פאַר מיר דער זִכָּרוֹן אָדער פון אַ פינסטערע קַלָּה, אָדער פון אַ הײַסען, פײַער׳דיגען פאַטש מיט אַ הוּדיעריי פון אַנ׳איבערגעקעהרטען שטענדער, פון אַנ׳אָראָבגעוואָרפענעם לײַכטער, אַנ׳אויסגעזעצטע שׁויב מיט אַ קלינגערײַ און אַ קלאַפּערײַ, און יעדעס מאָל, סײַ שַׁבָּת, סײַ יום־טוב דַוְקָא בְּשַׁעַת לײַענען—בְּשַׁעַת לײַענען

די הײַליגע תּוֹרָה, דאָס איינציגען שאַץ,
וואָס איז אונז געבליעבען פון אונזער פערמעגען,
די תּוֹרָה׳לע, וועלכע פון לאַנד און צו לאַנד
מיר האָבען געטראָגען אין ווינד און אין רעגען,
אין שטורם, אין האַגעל, אין היץ און אין קעלט, —
דער איינציגער אונזערער טרייסט אויף דער וועלט.

סֻכּוֹת — שטעל איך מיר פאַר — סֻכּוֹת אַ פאַר טויזענד יאָהר צוּריק:

דער לעצטער גאַרב איז שׁוין אָראָבגעפיהרט פון פעלד; דאָס לעצטע הענגעל ווײַנטרויבען איז שׁוין אָראָבגענומען געוואָרען און אַרײַנגעבראַכט אין קעלטער; פון די הויכע בערג פון אֶפְרַיִם ציהען זיך לאַנגע קאַראַוואַנען פון קעמלען און מוילאייזלען אָנגעלאָדען מיט גאַרבען און מיט פֵּירוֹת; דורך דעם מִדְבָּר עֵין־גֶדִי, פון גִלְעָד, פון דעם לאַנד דָן און פון אַלע עקען, פון אַלע זײַטען געהען די עוֹלֵי־רֶגֶל, שטאָדט און דאָרפס־לײַט, זְקֵנִים און קינדער, בַּחוּרִים און בְּתוּלוֹת, מיט געזאַנג און מיט פרייד, צום באַרג צִיוֹן, צום בֵּית־הַמִקְדָשׁ...

און דאָרט, אויף דעם באַרג צִיוֹן, אין דעם גרויסען פּרעכטיגען בעמפעל קניהען טויזענדער און צעהן־טויזענדער פרײַע און גליקליכע יודישע קינדער, הערענדיג דאָס זיסע געזאַנג פון לְוִיִּם און די שטימען פון די הײַליגע כְּלֵי זֶמֶר...

דאָרט, אויף דעם הײַליגען באַרג, שטעהט דער כֹּהֵן־גָדוֹל פאַר דעם מִזְבֵּחַ, אויף וועלכען עס זענען געבראַכט געוואָרען זיעבעציג אָכסען, זיעבעציג קָרְבָּנוֹת מְכַפֵּר צו זײַן אויף די זינד

נִיט נאָר פון דעם פאָלק יִשְׂרָאֵל, נאָר אויך פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. „—דו, גרויסער גאָט! דו, שטאַרקער גאָט!“ — איז מִתְפַּלֵל דער כֹּהֵן־גָדוֹל:

„הער צו די תְּפִלָּה פון דיין קנעכט,
וואָס שטעהט פאַר דיר, דעם קאָפּ געבויגען!
וועק אויף דאָס קאַלטע, טויטע האַרץ,
מאַך אויף די דונקלע, בלינדע אויגען

„פון יענע פעלקער אויף דער וועלט,
וואָס בלאָנדזשען אויף די קרומע וועגען...
ווי אויף די בלום דעם מאָרגען־טהוי,
ווי אויף דעם זאַנג דעם פרישען רעגען,

„פערגים אויף זייער דונקלען זין
דיין בארימהערציגקייט פון אויבען,
בעלייכט זיי מיט דיין שיין און מאַכט,
ערקוויק זיי מיט דעם ריינען גלויבען;

„און ווי די אָבגרונדען בעדעקט
דער טיעפער יַם פון אַלע עקען,
זאָל גלויבען, וואַרהייט, וויסענשאַפט
פון עק ביז עק די וועלט בעדעקען!“...

הייגט — שְׁבוּעוֹת? דער ליעבער גרינער יום־טוֹב, וועלכען עס פייערט די גאַנצע נאַטור, אָנטהועענדיג זיך אין די בעסטע, שענסטע קליידער, — דער יום־טוֹב, וועלכער ערינערט אונז אויף דעם גרעסטען און גליקליכסטען טאָג, וואָס איז פערשריבען אין אונזער געשיכטע — אויף דעם טאָג מַתַּן תּוֹרָה! שְׁבוּעוֹת... נאָר, צוריק רייידענדיג—מיט וואָס איז, זאָגט מיר, רַבּוֹתַי, שְׁבוּעוֹת ערגער פון סֻכּוֹת אָדער פון פֶּסַח, פון ראש־הַשָּׁנָה, פון יום־כִּפּוּר, און פון אַלע אַנדערע יָמִים־טוֹבִים? יודע־לעך זענען דאָ אויף גאָט'ס וועלט, קיין עַיִן־הָרָע, ווי באָב, אַ תּוֹרָה איז דאָ אַיין־איינציגע, עֲלִיּוֹת איז סַךְ הַכֹּל ניט מעהר פון זיעבען, אַ נְשָׁמָה האָט יעדערער, אַ יודיש האַרץ וויל, אַ האַנד איז דאָ, אַ באַק איז גלאַט און ווייך און וואַרעם, — איז בְּכֵן, פערשטעהט זיך שוין מִמֵּילָא, צו עס מוז נוֹלָד ווערען אַזאַ מין זאַך, וואָס איז אי גלאַט, אי ווייך, אי וואַרעם... הייגט אַ פּאַטש איז דאָך געגליכען צו אַ צוואַנג: „צְבַת בִּצְבַת עֲשׂוּיָה“—

אין פאטש מאכט דעם אנדערן. חוץ פעטש זענען דאָ אויף דער וועלט קְלָלוֹת, זידלערײַ, מי־שֶׁבֵּירַך׳ס, הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת און אַנדערע „פַּרְפְּרָאוֹת״, וואָס פאסן אויך גאנץ גוט צום ענין... אַ קלײַנינקײַט אַ ביסעל! איז בכן שיטען זיך לִכְבוֹד הַתּוֹרָה אַזעלכע פערל, וואָס עס איז אַ קוויקעניש צו קוקען און צו הערען... —

— „מַאַין בָּאַתְ? — שרײַט נַחְמָן קלעק צו בערל לעמעשקע! אַטקודאַווֹאַ? אַ? דו קַבְּצָנ־יוֹהִע. שלעפער! דיר ששי? דיר? אַ פאַטשעמו? וואָס? האָסט אײַנגעלעגט אַ חֵלֶק? גענוג דיר אַ פאַיאָק צו מִנְחָה, אָדער טאַקע נאָר אַ פּראָסטען פּאָניעדיעלניק, בײַ די סאַפאָזשניקעס אין שוּהל... אַראָב פון דער בִּימָה דאָלאָי!״...

און וואָס זאָגט בערל לעמעשקע?

בערל לעמעשקע זאָגט נאָר ניט, אָדער כִּמְעַט נאָר ניט, נאָר בײַ איהם איז דער לָשׁוֹן אַרײַן אין די יָדַיִם, איז... נו פערשטעהט איהר דאָך... שלאָגט מען זיך פֶּסַח צו טַל, שְׁמִינִי־עֲצֶרֶת צו גֶשֶׁם, שִׂמְחַת־תּוֹרָה צו הַקָּפוֹת, שָׁבוּעוֹת צו אַקְדָמוּת, און שַׁבָּת־הַגָּדוֹל אָדער שַׁבָּת־שִׁירָה חַ־פֶען אויך אמאָל עטליכע נוטע בַּעֲלֵי־הַבַּיִת׳ישע פעטש... הײַנט וואו איז אַ מאָנטאָג און אַ דאָנערשטאָג—וואָס איז? וואָכעדיגע קלעפּ זענען אויך ניט קײן שפּענדלעך... אַ כְּלָל:

מ׳ שלאָגט זיך,
מ׳ פּלאָגט זיך,
מ׳ רײַסט זיך,
מ׳ בײַסט זיך,

ווי פויגעלעך פליהען
אין פאות, אין בערד,
עס קלינגען די שויבען,
עס ציטערט די ערד;

מ׳איז מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת
מיט קְלָלוֹת, חאָראָבעס —
די פעטערס, די מוהמעס,
די זיידעס, די באָבעס,

עס פלאַמען די אויגען,
עס טרעשטשען די ק״פ,
עס גיסען זיך בְּרָכוֹת,
עס שיטען זיך קלעפּ...

מ׳ בײַסט זיך,
מ׳ רײַסט זיך,
מ׳ פּלאָגט זיך,
מ׳ שלאָגט זיך,

עס פליִהען די שטענדערס,
די לײַכטער, די בענק,
עס שיטען זיך קללות
און חרמות און קרענק;

עס שיטען זיך, גיסען זיך
חרמות און קללות
פון אָרון צום עמוד,
פון עמוד אין פּאָלעש.

פון פּאָלעש אין שוהל-הויף,
פון שוהל-הויף אין גאַס...
דאָס שטעדטעלע הודיעט
און ברומט ווי אַ פאַס...

און אַט דאָס אַלץ — לכבוד התורה!!!...

# פּאַנטאַזיע.

דער מענש איז אַ סוחר,
די וועלט אַ יריד;
מ׳האַנדעלט, מ׳וואַנדעלט
מ׳קאָכט און מ׳זידט,
ס׳איז ממש גאָר רעכט
אַ כפּרה צו ווערען,
אַבי צו בעקומען
דעם רוח וואָס מעהר..
אָך נײַן, ניט קײן רוח,
איך וויל, איך בעגעהר —
גיט אָב מיר צוריק
דעם קרן, דעם קרן!...

איך האָב אין דעם האַנדעל
דאָך אײנגעלײגט אַלץ,
דאָס טהײַערסטע גוטס אויף דער וועלט:
מײַן קינדהײַט, מײַן יוגענד,

מײַן זין און מײַן האַרץ
האָב איך אין סכּנות געשטעלט,
געיאָגט זיך נאָך רוח —
נאָך כּבוד, נאָך יחוס,
געאַרבײַט, געקאָכט אָהן אַ שיעור . . .
אָך, ברידערלעך, לאָזט מיך
אַרויס שוין פון שותּפות —
צו שווער איז דער האַנדעל פאַר מיר! —

צו גרויס איז דער קרן,
צו קלײַן איז דער רוח . . .
נעהמט, נעהמט אײַך אין גאַנצען
די פרײַד און דאָס גליק,
אי יחוס, אי כּבוד,
אי חכמה, אי גבורה.
מיר גיט נאָר מײַן יוגענד,
מײַן יוגענד צוריק!

אָך, גיט מיר צוריק
די גאָלדענע יאָהרען,
וואָס זענען פערגאַנגען
אויף אײביג פאַר מיר,
אָך, עפענט מיר אויף
דעם טויער פון גלויבען,
פון קראַפט און פון האָפנונג
די גאָלדענע טהיר! . . .

איהר קוקט אויף מיר, ברידער,
איהר זיפצט, איהר באַדויערט
מײַן אָרימען לעבען,
מײַן נאַרישען זין . . .
אָך, אָרעמע מענשען,
אָך, נאַרישע מענשען,
איהר ווײסט ניט,
פערשטעהט ניט,
ווי גליקליך איך בין! —
ווי גליקליך איך בין
ווען, פרײַ ווי אַן אָדלער,
צושפּרײט זײַנע פליגעל

מײן גײסט און ער פליהט<br>
עהין, װאו עס שײנען<br>
די אײביגע שטערען<br>
װאו אײביגע װונדער<br>
דופטעט און בליהט,<br>
װאו אונזערע פרײדען<br>
און אונזערע לײדען<br>
געפינען זיך ניט!...

---

## דער ספאדעק.

(א ליעדעל)

„לאמיר בעהאלטען<br>
א ספאדעק אנ׳אלטען<br>
בחדרי חדרים אויף לאנג,<br>
ס׳ זאל אונזערע טעכטער<br>
ניט זײן צום געלעכטער<br>
דער כשרער יודישער גאנג״...

(א אלט פאלקס-ליעדעל.

טיצלעך, פאנטאפעל מיט װײסינקע זעקעליך,<br>
בעקעשעס לאנג ביז דער ערד,<br>
פאות געקרײזעלטע, פאות צופלאטערטע,<br>
לאנגע צובארשטענע בערד.

שטרײמעליך סויבלענע, ליעטניקעס, יארמעלקעס,<br>
גארטלען פון אטלעס און זײד...<br>
װאו איז די אלטע אויף אײביג פערגאנגענע,<br>
װילדע און נארישע צײט?...

יודען אין פראקען, אין װײסינקע האלזטיכלעך...<br>
א בודואר און א זאל...<br>
יודישע װײבער פערפוצטע, געקינצעלטע<br>
נאך דעם פאריזער זשורנאל —

און מיט דיפלאמען, מעדאליען געפילדעטע<br>
גאר אנ׳אנטיק יונגע-לײט...<br>
װאו איז די אלטע, אויף אײביג פערגאנגענע,<br>
װילדע און נארישע צײט?...

וואו אָבער בּיסט-דו, דאָס הײסעס און ערנסטעס,
ליעבּענדעס יודישעס הערץ?
וואו איז דער טיעפער, מיט טרעהרען בּעגאָסענער
אֱמֶתע׳ר יודישער קרעכץ?

וואו איז א בּרודער, א פּראָסטער, אלטמאָדישער?
זאָגט מיר, בּעחײַוּ, קלוגע לײט —
וואו איז די אלטע, די ווילדע, די נאַרישע —
ליעבּע און טײַערע צײַט?

# די פּיעדעל.

I.

גוט מאָרגען, בּבתּים! דער כּלי־זֶמֶר איז דאָ!
אַט בּין איך און אַט איז מײַן פּיעדעל...
נו, סטרונעלעך, קינדערלעך, לעבּעדיג, פּריש:
הערט אויס, כ׳וועל איך זינגען א ליעדעל:

שולמית ישׂראליק דעם כּלי־זֶמֶר׳ס איז הײַנט
צו מַזָל געלעגען געוואָרען —
א יונגעל געהאַט, אין א גליקליכע שָׁעה,
אויף לאַנגע און גליקליכע יאָהרען!

מע וויקעלט, מע ניאַנטשעט, מע פּעסטעט, מע זוינט,
מע גלעט און מע קושט יעדעס גליעדעל;
דאָס קלײנעניקע כּלי־זֶמֶר׳ל וואַקסט וואָס א טאָג...
נו שפּיעל־זשע, נו, זינג־זשע, מײַן פּיעדעל!

דאָס כּלי־זֶמֶר׳ל קריעכט שוין פון וויעגעל ארויס,
עס רעדט שוין, עס גערט שוין פּאַמעליך;
דאָס כּלי־זֶמֶר׳ל איז שוין אין חֶדֶר אַרײַן...
נו, סטרונעלעך, לעבּעדיג, פּרעהליך!

עס לערענט שוין אלף־בּית... חומש... תּנ״ך —
פּערטיעפט אין ענינֵי־אֱמוּנָה...
עס ווערט שוין בּר־מִצְוָה און אַט... שטעה נאָר!... טראַך!!
וואָס איז דאָס? — געלאָפּעט א סטרונע!...

## II.

א טאָג נאָך א טאָג און אַ וואָך נאָך אַ וואָך —
עס פליהען חדשים און יאָהרען...
דאָס כלי־זמר׳ל איז זיך שוין, ברוך השם,
צו מזל אַ חתן געוואָרען.

דאָס כלי־זמר׳ל איז שוין אַ חתן... אַ מאַן..
דאָס כלי־זמר׳ל איז שוין אַ טאַטע!
ניט־קשה, דאָס פידעלע שפּילט נאָך גאַנץ גוט —
ער זיצט נאָך „אויף קעס” דאָך לעת־עתּה...

געקאַנטשעט די קעסט און אַרויס אויף דער גאַס...
— נו, כלי־זמר׳ל, גיב נאָר חיונה!
ער חאַפּט זיך דאָס פידעלע סטרויען און... טראַך!!
געלאַפּעט די אַנדערע סטרונע!...

---

## III.

אַ טאָכטער, אַ בתולה, צו לייטען שוין גלייך;
די צווייטע איז אויך — קיין עין־הרע...
א שידוך... אַ חתונה... חובות ווי באָב...
האַטש טרענק זיך, האַטש ווער אַ כפּרה!...

אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר — און די עלטער קומט אָן;
הוסט, קרעכץ און קריך פאָרט נאָכ׳ן ביסען!
און ביסלעך־ווייז ציעהענדיג, ציעהענדיג זיך —
נאָך איינע — די דריטע צוריסען!

---

## IV.

איין סטרונע געבליבען... דאָס כלי־זמר׳ל ליעגט,
עס ווילט זיך, עס גלוסט זיך נאָך שפּיעלען...
ער קריכט צו דער פידעל, ער ציהט זיך... נאָר ניין!
צו שפּעט און אומזיסט איז זיין ווילען;

דאָס סטרונעלע ציטערט, זי קרעכצעט, זי זיפצט...
אַ ביטערער קלאָג טהוט זיך גיעסען...
דאָס סטרונעלע ציהט זיך און ציהט זיך און... טראַך —
צוריסען — די לעצטע צוריסען!

געלאָפּעט די סטרונעס... עס ליגט אויף דער ערד
די אַלטע, צוזבראָכענע פידעל...
אים פידעל... אוים כּלי־זמר... אַראָב פונ'ם מאַרק! —
געענדיגט דאָס נאַרישע לידעל...

---

# פריהלינגס־ליעדער.

דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט:
„שטעהט אויף, קינדער! ליכטיג
און פריש איז די לופט!

עס ציהען זיך, ציהען
פון הימעל און פאַלען,
די גאָלדענע פאָדעם,
די וואַרימע שטראַהלען;

דאָס בינעלע זשומעט
און זוכט אָהן א מאָס
די זאַפט פון די רויזען,
דעם טהוי פון דעם גראָז.

עס בליהען די גערטנער
עס גלענצען די בלומען...
צו אונז איז דער זומער,
דער זומער געקומען...

„שטעהט אויף, קינדער! ליכטיג
און פריש איז די לופט"...
דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט!...

דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט:
„שטעהט אויף, קינדער, — ליכטיג
און פריש איז די לופט.

עס בליהען די בוימער,
עס שפּראָצען די בלומען
צו אונז איז דער פריהלינג,
דער פריהלינג געקומען;

די פויגעלעך זינגען
אין וואלד און אין טהאל;
עס הערען זיך ליעדער
ארום, אהן א צאהל.

די פישעלעך שווימען
ארויף אויף די וועללען —
זיי טאנצען אין וואסער,
זיי שפרינגען, זיי קוועלען...

עס שפראצען די בלומען,
און פריש איז די לופט"...
דאס טייבעלע וואָרקעט,
דאס טייבעלע רופט...

# זומער-ליעדער.

## א.

אויף די גערטנער, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען, —
ווי די פרייע, בלויע וועללען
רוישען, גיסען זיך און קלינגען,

אין א פרישען קראנץ פון זאנגען,
פריי פון טרויער און פון קומער,
אויף די טהאלען, אויף די פעלדער
שוועבט דער שענער, ליעבער זומער.

זומער-פויגעלעך פון גארטען,
סטאיעס בינען פון די שטאקען
פליהען אוים און טאנצען, שפרינגען
איבער זיינע שווארצע לאקען;

זיסע ווארעמקייט טהוט וועהען
פון די גרויסע ברוינע פליגעל
אויף די שטראסע, וועלכע גלענצען
העל און ליכטיג ווי א שפיגעל.

אויף די בוימער, וואס כע שטעהען
שוין בעוואקסען און בעהאנגען.
אויף די פרייע, גרינע פעלדער,
וואו די הויכע, שענע זאנגען

בוינען אין די שטאלצע קעפּלעך
איינס צום אנדערען און זשומען:
„—אך, ווען וועלען זיי, ווען וועלען
שוין צו אונז די שניטער קומען!...״

און די שניטער גייען, איילען...
סערפּעס, קאסעס גלענצען, קלינגען...
אויף די טהאלען, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען.

אויף די פעלדער, אויף די טהאלען
הער איך קלינגען זיסע לידער, —
און מיין אלטער, טיעפער טרויער
וואכט שוין אויף אין הארצען ווידער!...

## ב.

דיין און ליכטיג איז דער הימעל;
פריש און פרעהליך וועהט דער ווינד...
„—זינג מיר, זינג א זומער־לידעל!״—
בעט דאס שוואכע, בלייכע קינד:

„—קום מיט מיר אין טהאל, אין גארטען,
פלעכט א קרענצעלע מיר אום
פון די בלומען, וועלכע וואקסען
דארט און בליהען, שען און גרוים״...

אך, מיין קינד! דו זעהסט? — צובראכען
העננט מיין הארפע אויף דער וואנד;
אבגעוועהנט שוין לאנג פון שפּיעלען
איז מיין שוואכע, קראנקע האנד;

אבגעוועהנט פון זיסע פריידען
איז שוין לאנג מיין קראנקעס הערץ.
זומער, ווינטער, הערבסט און פריהלינג
בלייבט אין איהם דער אלטער שמערץ.

# הערבסט-לידער.

## א.

װי נאַס און פינסטער איז דער װאַלד,
װי װעניג בלומען איז געבליבען:
איין בינטעל פאַר א גאַנצען טאָג
האָב איך זיי קוים צונויפגעקליבען.

װי שװאַך, װי דונקעל זענען זיי,
פערשװאַרצט פון קעלט, פערנעצט פון רעגען!...
אויף װעמעס קבר זאָל איך איהם,
דעם לעצטען קראַנץ אַנידערלעגען?

איין-איינציג קרענצעלע האָב איך,
אַזוי פערװיאַלעט, שװאַך און אָרעם,
און דאָ, אויף יעדען, יעדען טריט
װאָה איך צושפּרייט אַזוי פיעל קברים!...

מיט הונדערט רינגען, הונדערט הענד
האָט מיר דער טויט אַרומגענומען —
װאוהין-זשע זאָל איך לעגען דאָ
דעם לעצטען קראַנץ, די לעצטע בלומען!..

* *
*

מיין ליעד, מיין טרויעריגעס ליעד!
דו ביסט דאָס קליינע קרענצעל בלומען,
צו לאַנג געװעזען אין מיין װעג,
צו שפּעט בין איך מיט דיר געקומען...

---

## ב.

שוין שלאָף און דונקעל זענען מיינע אויגען,
מיין קאָפּ געבויגען, שװאַך און גרוי
און אויף מיין האַרץ, אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען,
פאַלט שוין דער קאַלטער אָװענד-טהוי.

די לעצטע בלום איז שוין פערװעלקט, פערדאָרבען,
די לעצטע בלעטער פאַלען אָב...
ערלויב אויף דיינע קניע אַנידערלעגען
מיין אַלטען, קראַנקען, גרויען קאָפּ.

שײן צײַט, מײַן קינד, שוין צײַט מיר אָפּצורוהען !
שװער איז געװען מײַן װעג : אין קעלט,
אין היץ און רעגען, פינסט׳ רניש און שטורם
בין איך געגאנגען אויף דער װעלט .

איך האָב שוין אַלע טרעהרען אויסגעגאָסען ;
מײַן הארץ איז טויט . . . דאָרט װאו אַמאָל
פלעגט גרינעם גראָז און פרישע בלומען בליהען ,
איצט װאקסען דערנער אָהן א צאָהל ;

דאָס אָרט, װאו בלויע אינדרען פלעגען פליסען ,
איז שוין , מײַן קינד, פערװיסט, פערשטײנט . .
איך האָב שוין אַלע ליעדער אויסגעזונגען ,
שוין אַלע טרעהרען אויסגעװײנט . . .

אַך , הײַם און ביטער זענען זײ געװעזען ,
די טרעהרען , װעלכע טאָג און נאַכט
פלעג איך פערגיסען , זינגענדיג די ליעדער —
און װאָס האָב איך מיט דעם געמאַכט ?

װאָס װײסט א יוד , װי קען א יוד פערשטעהען
װאָס טהוט זיך אין דעם דיכטער׳ס הערץ ,
װי גרויס , װי שװער , װי שרעקליך איז זײַן טרויער ,
װי טיעף און ברענ׳נד איז זײַן שמערץ ?

א יוד איז גאָר צו אַנדערע געפיהלען
געװעהנט געװאָרען זינט ער האָט
זיך אויף די פים געשטעלט און אָנגעהויבען
זײַן גליק צו לײַטען—דאנקען גאָט ! —

ער האָט געהאַט פון אײבינ־אָן א מגיד ,
װאָס האָט איהם יעדע װאָך „ג ע ז א ג ט“
און הערענדיג האָט טרעהרען ער געגאָסען ,
געזיפצט , געקװיקעט און געקלאָגט ;

ער האָט געהאַט א װילדע זאַך — א בדחן ,
א שאַרפען מוח , א קלוגען יונג ;
ער פלעגט זיך קװיקען , װאַפּנעדיג די גראמען
און אונטערקנאַקען מיט׳ן צונג ;

און חוץ דעם פלעגט ער בײַ דעם פּאקען־טרעגער
א „מעשׂה" קויפען . . . אַך , דו גאָט !
מען פלעגט זיך פּשוט בײַ די זײַטען האלטען,
דאָס ביכעל לעזענדיג . . . מען האָט

געלײַענט און געלאכט, געלאכט און װידער
געלײַענט און געלאכט, געלאַכט,
װײַל דער מחבר האָט בּכּיון טאקע
נאָר אויף צו לאכען עס געמאכט.

װאָס איז ? אין אונזער לעבען איז דען עפּעס
פיעל דאָ אַזױנס, װאָס זאָל דאָס הערץ
פערקלעמען מיט א גרויסען טיעפען טרויער ,
צורײַסען עס פון לײַד און שמערץ ? . . .

און װײנען טאקע, װײנט מען דען גאָר װעניג ?
אַנו, אָט נעהמט נאָר , רעכענט אויס :
מען װײנט יום־כּפּור אויף א „גוטען קװיטעל" :
מען װײנט צו איכה, קלײַן און גרויס ;

מען װײנט צו קינות און מען זיפצט צו סליחות,
מען אויקעט גאנצע טעג און נעכט —
נו, שוין־זשע לאכען טאר מען ניט א ביסעל —
עס, לאָזט צו רוה . . . ס'איז גאָר ניט רעכט . . .

מען האָט געלאכט און לאנג נאָך װעט מען לאכען —
ביז װאנען לעבען װעט דער יוד . . .
נו, הער־זשע אויף ! . . . גענוג , גענוג צו װײנען ,
מײַן ליעד, מײַן טרויעריגעס ליעד ! . . .

---

# אַ הערבּסט־ליעדעל.

(פאַר חדר־יונגליך.)

אין חדר, קינדערליך ! דער װאלד
האָט שוין הושענא׳ס אבגעשלאָגען,
און מיט די װאָלקען, שװארץ און קאלט,
הויבט־אָן דער הימעל גשם זאָגען ;

פערוויאַלעט איז דער גרינער סבֿבֿ
פון אַלע סוכּה'לעך אין גאָרטען;
די צוויַגען הענגען הויל און שוואַך
מיט בּשמים שמעקט שוין ניט פון דאָרטען...

„אין חדר, קינדער!" — זינגט דער ווינד
„אין חדר", — ברומען־צו די וועללען...
עס ווילט זיך ניט? א יודיש קינד,
א יודיש יונגעל טאָר ניט וועלען!

וואָס? דאָרט איז פינסטער? ענג? דו נאַר,
איז וואָס? אַבי נור לערנען תּורה;
א יודיש יונגעל דאַרף זיַן דאַר
און געל און גרין — א מרה־שחורה...

אין חדר, קינדערליך, מיט היץ!
אוים יום־טוב, אוים דאָס פריַע לעבען;
א ניַער זמן מיט ניַע שמיץ —
מיט ניַע שמיץ ביַם אַלטען רבּי'ן!

* *
*

אוי, דאָס אַלטע נאַריש ליעדעל,
עס געדענקט זיך נאָך בּיז איצט...
קלינגט־זשע, סטרונעס! וויַן, מיַן פידעל,
וויַן און זינג!...
עס רוישט, עס בּליצט...

וואָלקען געהען אויפ'ן הימעל...
אָבער דאָרט, אין טיפען וואַלד,
ליגט נאָך אַלץ דער אַלטער שימעל
אויף דעם אַלטען בּוים און האַלט
איהם אין טיפען, טויטען דרימעל..
יונגע פעלקער ווערען אַלט...
ניַע לענדער וואַקסען, בּליהען...
ציַטען געהען, ציַטען פליהען
— — — — — — — — — — — — — —

מיַן פאָלק! שווער זענען דיַנע זינד:
האָסט אָבגעלעבט אַזוי פיעל יאָהרען,
פעראַלטערט, שוואַך און גרוי געוואָרען —
און בּיזט נאָך אַלץ א חדר־קינד!...

# אײנער פון די בעסטע.

## I.

## צו מיכל גאָרדאָן.

(געשריבען בײ'ם הערויסגעבען פון זײן בוך „יודישע לידער")

וואס איז דאס געוואָרען? וואס װעה איך און הער? —
די קלײנינקע זילבערנע גלעקעלעך קלינגען...
די טײבעלעך וואָרקען... קאנאַרעקלעך זינגען...
דאס װיעגעלע װיעגט זיך אהין און אהער...

דאס װיעגעלע װיעגט זיך... דאס לעמפעלע ברענט...
די באָבעניו זיצט איבער מיך אנגעבויגען;
איך זעה איהרע קלײנינקע, דאַרינקע הענד,
איך קוק אין די אלטינקע, דונקעלע אויגען.

זי ארבעט דעם זאָק און זי זינגט װי אמאל:
„איהר זײט דאָך רבי איד, אין פּאַלטאָװע געװעזען.
אַ דאַנק אײך, רב מיכל, אַ דאַנק טויזענד מאל! —
איך האָב אײער ביכעלע „לידער" געלעזען.

איהר האָט װידער פרעהליך און יונג מיך געמאַכט,
װי ליכטיג איז מיר אויף'ן הארצען געװאָרען! —
איהר האָט מיר אַ גרוס פון מײן קינדהײט געבראַכט
אַ גרוס פון די ליכטיגע, גליקליכע יאָהרען...

* *

*

איהר זײט פון די ערשטע, װאס זענען בײ־נאַכט
פון שלאף צװישען יודען געװאָרען ערװאַכט,
צו קלאפּען צו זײ אין די פענסטער און טהירען —
ארוים אויף די ליכטיגע װעלט זײ צו פיהרען.

איך זעה אײער יודישע מוזע געקלײדט
אין פּראָסטע, אלטמאָדישע, יודישע בגדים;
דערפאר אָבער זענען זײ טאקע גענײט
בעל־הביתיש: אי שטארק, אי מיט כשרע פּאָדעם...

אָהן קונצען, אָהן צאצקעס, פּראָסטאַרנע און לאנג,
זי זאל אומעטום פרײ און רוהיג זיך פיהלען —
אין שוהל בײ'ם באַלעמער, אין קלויז אויף דער באַנק
און אויך אויף'ן מארק, װאו די יאַטקע־הינד בילען...

די יודישע מוזע! איהר איז דאך באשערט
צו קריכען אין אלערליי יודישע בלאטעס,
מיט חסידישע שטריימלעך, פאנטאפעל, קאפאטעס,
וואס זענען א קופערנעם גראשען ניט ווערטה; —

צו בשערען הערצער, צו שמירען קעפ
און חאפען ניט זעלטען אי קללות, אי קלעפ...
די אלטע יתומה אהן טאטען אהן מאמען,
וואס שלעפט אויף די פלייצעס א מארבע מיט גראמען...

דערפאר אבער האט פאר א פייערדיג הערץ
האט איהר במתנה דער בורא געגעבען! —
דער יודישער אומגליק, דער יודישער שמערץ,
דאס גאנצע פערחשכ'טע יודישע לעבען —

עס קאכט און עס זידט און עס פליסט ווי א טייך
פון יעדער זשארגאנישער שורה ביי אייך.
ניטא קיין צעזור און קיין משקל ביים זמר,
דערפאר אבער טרעהרען—חאמש שעפ מיט אנ'עמער,

דערפאר אבער וועהטאג און טרויער און שמערץ,
דערצו מיט'ן אמת'ן יודישען קרעכץ,
פון וועלכען א מוטער קאן לעבעדיג ווערען,
א שטיין זיך צוגיסען אין ביטערע טרעהרען —

אט דאס איז—כל דכפין—קומט, טרינקט זיך גוט אן,
טרינקט, יודען, ס'איז פול און וועט לייידיג ניט הערען —
דער הדס מיט פעפער, דער בעכער מיט טרעהרען,
דאס יודישע ליעדעל פון מיכל גארדאן!

---

II.

# אויף מיכל גארדאנ'ס קבר.

נאך א קבר, נאך א הערץ
איז שוין טויט און קאלט געווארען,
פריי פון כריין און פריי פון שמערץ,
פריי פון ליעבע און פון צארען.

אויף דער ערד, אויף אש און שטרוי
פאלט אראב די אלטע פידעל, —
מיטץ טיעפען לעצטען „אוי!"
נעהמט אנ'עק דאס נאריש ליערעל.

הויך און ערענסט, טיעף און שטארק
האט אמאל דאס ליעד געקלינגען...
און אנ'עק! — א ראב פון מארק! —
האדיע וויינען, האדיע זינגען!...

שלאף־זשע זיס אין דיין געצעלט,
ליעבע, טהייערע נשמה!
נעהם מיט זיך אויף יענע וועלט
חאטש די איינציגע נחמה,

אז דיין ליעד, דיין יודיש ליעד
וועט נאך לאנגע יאהרען קלינגען
און וואו נאר עס לעבט א יוד,
וועט מען דיינע ליעדער זינגען.

שלאף־זשע פריי פון לייד און פיין;
שלאף, נשמה, ליעבע, פיינע!
דיינע ליעדער וועלען זיין,
אייביג זיין קדשים דיינע!...

# שמחת תורה.

„שמחת תורה — האפּעניו!
מיט'ן פּוס א קלאפּעניו,
מיט'ן צונג א קנאקעלע —
און אין הארץ... א מכה'לע..."
(אנ'אלט פאלק'ס־ליעדעל).

פרעהלעך און פריש
זעצט זיך צום טיש,
מאכט סעודת־מלך,
קוויקט זיך און טרינקט,
יודעלעך, זינגט
לעבעדיג, פרעהלעך!
אהן וואג און אהן מאס
א כוס נאך א כוס —
האט ניט קיין מורא,
קוויקט זיך און טרינקט,
יודעלעך, זינגט
לכבוד התורה!...

* *
*

אַך, יודישע שִׂמְחָה׳ס
און יודישע ליעדער!
אָגט, זאָגט מיר, איך בעט אייך,
ערקלערט דאָס מיר, ברידער:
פאַר וואָס ווערט פון זיי אַזוי שווער?
דאָס האַרץ ווערט פערקלעמט,
דער קאָפּ ווערט געבויגען
און אָפט גאַר ניט ווילענדיג
טריפט פון די אויגען
אַ הייסע, אַ ביטערע טרעהר?...
פיעל מאָל האָט דאָס גליק אונז
זיין פָּנִים געוויזען,
די זון פון נִצָחוֹן
געשיינט און געבליצט;
מיר זענען געוועזען
שטאַרק ווי די ריעזען —
און דאָך, ברידער, האָבען
מיר נאָך ביז איצט
קיין איינציגען יום-טוב,
וואָס זאָל ניט דערמאָהנען
אויף אונזערע אַלטע,
צוריסענע פאָהנען,
אויף אונזער צובראָכענעם שווערד
אויף יענע גִבּוֹרִים,
וואָס זענען געשטאָרבען,
אויף יענע מִזְבְּחוֹת,
וואָס ליעגען פערדאָרבען,
צושטויסען, צושפּרייט אויף דער ערד;
קיין ליעד וואָס זאָל האָבען
צוויי פרעהליכע ווערטער,
צוויי ליכטיגע ווערטער,
וואָס זאָל זיך אין זיי
ניט הערען קיין ביטערער
בייזער געלעכטער,
פון שאַנד און פון וועהטאָג
קיין ווילדעס געשריי...

* *
*

גרויסער, ליבער יום-טוב, שמחת-תורה!
הויך און ליכטיג שיינט דיין העלער שטערן.
פאר אזעלכען יום-טוב, חאטש פאר איינעם,
איז כדאי צו פאסטען צעהן תענית'ים...

---

## אויף נאווי-גאָד.

דאנקען און לויבען זיין נאמען דעם ליבען —
נאך א יאהר אבגעלעבט ארים צו רייך —
פיעל זענען אלטע חשבונות געבליבען
פון פאר א יאהרען אויף ניי-יאהר ביי איך.

אלטע חשבונות מיט גאט און מיט לייטען...
„וואס זאל מען טהון ? — זאגט א יוד מיט א קרעכץ —
היינטיגע מענשען און היינטיגע צייטען..."
ניין, ליבע ברידערלעך! אסור, קיין שלעכטס:

כ'זאג איך דען עפעס ? — איך בין דען א פיאווקע,
וואס זאל אהן אנ'אויפהער איך זויגען דאס בלוט ?
ניין, ליבע ברידערלעך, היינט, זעהט איהר, דווקא
בין איך מיר פרעהליך, היינט פיהל איך מיך גוט...

שפיעל־זשע, מיין פידעלע! האדיע צו קלאגען,
קראץ ניט די אלטע, די בלוטיגע וואונד! —
בעסער צום ניי־יאהר איך מזל-טוב זאגען.
וואס אבער ווינשט מען איך, זאגט מיר, אצונד ? —

וואס ווינשט מען איך ? — נו, קלויבט איך אוים,
רב' בער'ל, שמער'ל, רב' אליקום;
אך, יודען זענען דאך דורכאים
א פאלק פון לויטער מפונקים,
אנ'איידעל פאלק! היינט גאה, טרעף-צו,
אז אלע זאלען זיין צופריעדען,
איך האב קיין מיטעל ניט דערצו —
בכן איז אט וואס, ליבע יודען:
זאל גאט אויף איך אהן וואג און מאס
ישועות און נחמות שיטען;
איך וועל בעמערקען נאר פון וואס
דער ליבער גאט זאל איך בעהיטען:

בעהיט איך גאט, בעשיץ איך גאט
פון ליעגען קראנק אויף קינדער'ס סטשאט,
פון א קליינשטעטיל'דיגען עושר,
דער חייב'ס פערדיענסט, דעם סבארשטשיק'ס יושר
פון א בעל טקסע—א מחותן
מיט אכצעהן שניידער... פון א רב
וואס האט צו טהון מיט דעם „ניט גוטען"
און מאכט נאר סימנים על־פי־רוב,
פון טיעפע קעשענעס מיט לעבער,
פון תלמוד־תורה'ס—אוי! — אהן דעבער!...
פון קהל'ס ברויט וואַש אויף א חילע,
א מרחץ פאר דריטהאלבען וויערסט,
אנ'עוף פאר'ן קראנקען—מיט א שאלה,
א יוך צום סדר—מיט א געשט;

פון א בעל־חוב, וואס איט גער, היט איהם
ער זאל ניט מאכען, „נא א־טיאַק!"
און פון אנ'אתרוג—אהן א פיטום
און פון א שטיעוועל—מיט א טשוואק,
פון קינדער קליינערהייד — חכמים
און פון א פריזיח—מיט „נעלמים"...
בעהיט איך גאט איהר זאלט פאר נויט
פון הייזען דארפען שלאגען פוטער
און פון יחסנות—באקען ברויט;
פון זייד מיט סאמעט—אהן א ביסעל
גאר פראסטען ליינוואנד אויף א העמד,
פון וויין מיט לעקעך אין דער פרעמד
און אין דערהיים—א פוסטע שיסעל...

דו גרויסער גאט, דו ליעבער גאט!
בעשיץ דיין פאלק מיט גרויס גענאד —
פון הייסע קלעפ, פון קאלטע דירות,
פון אינפלוענצא, פון מסירות,
פון „גוטע־יודען", פונ'ם „קריזש"
פון יין־שרף—אהן אקציז...
און פון א קאזאק מיט א פיקע
און פון א חתן א זאאיקע...
פון סחר־מאכער, פון חאפ־לאפ,
פון אנ'עין הרע, פון עטאפ,

פון פראָטאָקאָלען, צָרות, קְלָלות,
פון לֵצים בײַ דער נאַכט אין װאלד,
פון קרענק, פון לײַד, פון נויט און–געװאלד —
פונ'ם גָלות, פונ'ם גָלות!...

# מַיין עֶפּיטאַפיֶע.

(אויפשריפט אויף דער מַצֵבָה).

פיעל ביטערע, פיעל טרויעריגע ליעדער
האָב איך איך שוין געזונגען, ליעבע ברידער!
מיט אַלע כוחות, מיט דעם לעצטען צאָהן
געביסען און געריסען דעם זשארגאָן,
געקײַט די ליעבע שפראך פון אונזער מאַמען,
געפעפערט מיט צעזור, געזאַלצט מיט גראַמען,
צו מאַכען זי אַ ביסעלע חאַטש װײך
און צו פערדושען יענעם ליעבען רײח
פון װילנער מארק און דינאַבורגער יאַטקעס
מיט אַלערלײַ פערװאַלגערטע אַסטאַטקעס,
װאָס שמעקט אויף דרײַצעהן מײַל אַרום דעם אָרט
װאו נאָר עס בליהט חאַטש איין זשארגאָניש װאָרט...
אך, ברידער, װיפיעל יאָהר האָב איך צו טהאָן
מיט דעם געשמאַקען, טהײַערען זשארגאָן;
מען האָט מיך שוין געלויבט און אויך געזידעלט —
איך האָב געהערט און האָב מיר אַלץ געפידעלט..

נאָר יודען זענען דאך אַנ'עם קְשֵה עֹרֶף,
אַ ביטער פאלק, נאָר ניט װי אַלע לײַט:
נאך פון דעם יַם-סוף ביז דעם מִדְבַּר-חורֵב,
פון מִדְבַּר-חורֵב און ביז אונזער צײַט
האָט גאָט אַלײן בעשײַנפערליך בעװיזען,
אַז חאַטש צורײַס זיך — גלעט זיי, לויב זיי, בענש —
ניטאָ קיין סוף צו זייערע קאַפּריזען,
הײַנט װאָס קאָן טהון מיט זיי אַ שלאָפער מענש?
בִפְרַט נאָך אַ זשארגאָן-מְחַבֵּר?

„— שרײַבען?
איהר װילט, רֵב, קָרוב, שרײַבען? — זאָגט אַ יוד—
גוט, שרײַבט איך; נאָר איהר זאָלט קיין נאָר ניט בלײַבען,
ניט קומען מיט'ן בײַטשעל פון יָריד,

פערגעסט ניט, אז איהר האט צו טהון מיט יודען.
איז שרייבט אזוי — פערשטעהט איהר מיך — אזוי
אז אלע זאלען זעהן מיט אייך צופריעדען...
פערשטעהט איהר מיך!..."

אוי, ליעבע יודען! אוי!
איך האב ביז איצט פון אלע, אלע זאכען
נאר איינס פערשטאנען, שרייבען, דארף מען דאס,
למען־השם, נאר טאקע דאס, פון וואס
דער עולם זאל הנאה האבען, לאכען.
"אי, לאכען! אי א חיות! שרייבט, העדר פרוג!
גענוג אייך זיפצען, כ'לעבען, עט, גענוג!
א חכמה'לע, א פשטל'לע, א וויצעל,
קאטאוועסלעך מיט גראמען אהן א שיעור,
אזוי, אז יעדער אות זאל טהון א קיצעל"...

איך קען עס ניט, איך קען ניט —, וועה צו מיר!
איך קען קיין ווילדע, קרומע חנדלעך מאכען,
איך קען ניט לאכען, גוואלד! — איך קען ניט לאכען
דערפאר אויף מיין מצבה אז מיר וועט
איה"ש דאס לעבען געבען גאט —
כדי איהר זאלט אן מיר נקמה האבען
שרייבט אויף:

"פה נטמן — אט דא ליעגט בעגראבען
א טיפש, א משוגע'נער פאעט,
א ווילדע זאך, א חסר־דעה, כ'לעבען:
ער האט געוויינט, געוויינט דאס גאנצע לעבען!!!"...

---

# על־חטא.

איך געדענק: פארצייטען,
אין די קינדהייט'ס־יאהרען,
אז איך כלעג יום־כפור
שטעהען ביי דער וואנד
אנגעטהון אין ווייסען,
הונגעריג און דורשטיג,
מיט דעם אלטען, גראבען
מחזור אין דער האנד

און מיט הייסע טרערען
און מיט גרויס בכיה
דעם „על־חטא" פון אנהויב
זאגען ביז'ן סוף , —
פלעג איך עפּעס פיהלען
גלייך ווי כ'בין אין חלום ,
גלייך ווי איך וואלט ליעגען
אין א טיעפען שלאף :

„זאג „על־חטא ! נו , גיכער !" —
פלעגט דער טאטע הייסען .
איך מאך אויף דעם מחזור ,
שטעה און קוק איהם אן
צעהנדליגע עברות ,
צעהנדליגע חטאים ,
וואס איך האב זיי קיינמאל ,
קיינמאל ניט געטהאן . . .

גרויסער [illegible] דו מיינער !
איך , א יודיש־יינגעל ,
איך א קליינס , אנ'אָרימס ,
קראנקעס יודיש קינד ,
קען איך דען זיין שולדיג
אט אין די עברות ,
אין אזעלכע גרויסע ,
שרעקליך־שווערע זינד ?

„שחר" . . . „נשף" . . . „מרבית" —
פערציג דריי עברות
איך , א יודיש־יונגעל . . .
נעהם שוין , — גלאט גערעדט ! . . .
ניין , צו גראב געוועזען
איז פאר מיר דער מחזור
און צו לאנג דער גרויסער
צעטעל פון על־חטא . . .

* *
*

טעג - חָדָשִים , יאָהרען
זענען פאַרגאַנגען —,
איך בין אַלט געוואָרען ,
אַלט און שוואַך און גרוי ;
מײַנע האָר בּעשאָטען
האָט דער שנײ פון עלטער ,
אויף מײַן קראַנקען הארצען
ליעגט דער אונטערגאַנג־טהוי . . .

פון דעם קלײַנעם יונגעל
איז א יוד געוואָרען . . .
אײנזאם אין מײַן צימער
זיץ איך איצט פערטראַכט ;
דונקעלע געדאַנקען
ציהען זיך און שוועבען,
ווי די שווארצע וואָלקען
אין אַ נ׳אָסיען־נאַכט :

איך בּעטראַכט דײַן לעבען ,
ליעבּעס פאָלק־יִשְׂרָאֵל ,
כ׳קוק אין אַלע ווינקלעך ,
קוק , בּעטראַכט , בּעקלער :
אונזער הײַסע אַחְדוּת ,
אונזער טיעפע פרײַנדשאַפט ,
וועלכע וואַקסען , ווערען
גרעסער אַלץ און מעהר ,

אונזערע מִתְעַסְקִים ,
בַּעֲלֵי־טוֹבָה׳ס , וועלכע
בּאַדען אונז אין שֶׁפַע ,
גיסען פרײַד אַ קוואַל ,
אונזערע בַּבָּנִים ,
אונזערע בּוֹנִים ,
שולען , תַּלְמוּד־תּוֹרָה׳ס ,

הֶקְדֵשׁ׳ן . . . אַ כְּלָל .

אונזער טיעפע עֶהרע ,
אונזער הײַסע ליעבּע
צו דעם נאָטען , וועלכען
שוין דרײַ טויזענד יאָהר

טראָגנען מיר און טראָגנען
ווי דעם בעסטען אוצר,
לאָזען ניט אַפילו
פאַלען אויף אַ האָר,

היטען זיך און סטאַרען,
קיינער זאָל ניט קענען
אונזער ר. נעם נאָמען
מאַכען צו געשפּעט . . .
איך בעטראַכט דאָס אַלעס,
נעהם דעם גראָבען מַחזור,
עפען אויף דאָס לאַנגע
צעטעל פון „על־חֵטא“, —

און . . . אַך, זאָגט מיר, ברידער,
גיט מיר צו פערשטעהען —
וואונדערליכע זאַכען
זעה איך אויף דער וועלט . . .
וואָס איז דאָס געוואָרען
מיט'ן לאַנגען צעטעל?
געוואַלד, צו קורץ, רַבּוֹתַים,
געוואַלד, עס פעהלט! עס פעהלט!! . .

---

## דער יריד.

די זון געהט אַרויס פון איהר פּוטערפאַס, — הויך
געהט אויף אין דער לופט פון די קוימענס דער רויך.
דער מהוי גלאַנצט אין פעלד; די נאַטור איז מְקַיֵים
די הייליגע מִצְוָה נְטִילַת יָדַיִם;
די פויגעלעך הויבען אָן שַחֲרִית; און זעהט:
אָט וואו נור אַ וועלדיל — אַ באַר־שול איז גרייט;
עס שאָקעלט זיך דאַוונענדיג דאָרט יעדעס בלעטיל . . .
נאָר וואָס אָבער טהוט זיך ביי אונז דאָס אין שטעדטיל?
אין שול־הויף, אין פּאַליש — אַ מאַרק, אַ יָרִיד,
עס ברומט און עס הודיעט, עס קאָכט און עס זידט . . .
עס מעקען די ציגען, עס קוואָקטשען די היהנער . . .
מע קלויבט אַ ראַבינער! . . .

אַט איז די אופראַווע. -- עס קלויבען זיך שוין,
די שטאָדט־בַּעֲלֵי־בָּתִּים, די גרויסע פאַרשוין;
פערסאָפּעט, פערשוויצט, ניט צו חאַפּען דעם אָטהעם
פליהט, אַרבייט און פלאַקערט די חֶבְרָה חַיָּטִים...
ביי'ם אַלטען ראַבּינער שטעהט אָפען אין זאַל
ביער צווייַ גאַנצע פעסליך און בראַנפען אַ קוואַל.
ביי'ם נײַעם איז שטיל, ס'האָט אַ שענערען פָּנִים:
נישטאָ דאָרט קיין מַשְׁקֶה–ער גיט מְזוּמָנִים...
געקאָנטשעט די חִיבּאַרעס — און טאַקע באַלד
ווי פויגעלעך פליהען דאַנאַסלעך, אַ וואַלד...
עס דרעהט זיך די וועלט, ווי דאָס שפּינדעל ביי'ם שפּינער..
מע קלויבט אַ ראַבּינער!!!,..

---

# „גֶעגַנְבֶט“.

## (אַ מִדְרָשׁ).

מיט אַן־אַלטען, קלוגען תַּנָּא
האָט אַמאָל געשמועסט אַ יונגע,
שענע רומישע מאַטראָנאַ
פון דער יודישער אֱמוּנָה.

„זאָגט מיר, רֶבִּי“–האָט פערוואונדערט
איהם געפרעגט די יונגע דאַמע:
„אין דער ביבעל שטעהט געשריבען:
אום די עלטער־באָבע חַוָּה

צו בעשאַפען, האָט דער בּוֹרֵא
אויף דעם מענש אַ שלאָף געוואָרפען
און אין שלאָף ביי'ם שוואַכען מענשען
שטילערהייד אַ ריפּ גֶעגַנְבֶט...

יאָ, גֶעגַנְבֶט! אֱמֶת, רֶבִּי!
וויַיל ביי'ם שלאָפענדען גענומען —
הייסט גֶעגַנְבֶט... זאָגט־זשע, פּאַסט דען
פאַר אַ גאָט צו זיַין אַ שטעהלער?

און אָט דאָס איז אייער גרויסער,
שטאַרקער, ליבער גאָט, מיט וועלכעם
איהר שטאָלצירט פאַר אַלע פעלקער,
הייליגט, זינגט און לויבט זיַין נאָמען?...“

ליִעבּע דאַמע — האָט געענטפערט.
איהר דער אַלטער, קלוגער תּנא:
איהר ערלויבּט מיר צו ערצעהלען
אייך אַ קליינינקע געשיכטע:

די געשיכטע איז אַ וואָהרע,
האָט מיט מיר אַליין געטראָפען:
דאָ ניט לאַנג, מיין ליִעבּע דאַמע
האָט מען מיך בּיי נאַכט בּעגנבֿעט:

אין דערפריה, ווען צו בּעגינען
בּין פון שלאָף איך אויפגעשטאַנען
און געוואָלט זיך זעצען לערנען,
חאַפּ איך מיך — נישטאָ מיין לעמפּעל,

מיין פערשמאָלצען, אַלטעס לעמפּעל
וועלכעס האָט געקאָסט מיין טאַטען,
דרייסיג יאָהר צוריק, אַנ׳ערך,
זיבּען קופּערנע מטבֿעות,

אָט דאָס לעמפּעל איז פערפאַלען.
אָבּער . . . הערט אַנ׳אַקט אַ בּיסעל:
אויף דעם אָרט, וואו ס׳איז געשטאַנען
דאָס פערשמאָלצען, אַלטעס לעמפּעל,

זעה איך, שטעהט אַ לאָמפּ — אַנ׳־אוצר! —
הויך און בּרייט, פון גאָלד געגאָסען
פיינע, קונציגע פיגורען
אויף די רעהר און אויף די זייטען,

און פון אויבּען שיינען, בּלישטשען
דאָרט אַראָבּ אַ פּאָר בּריליאַנטען,
טאַקע ממש ווי די שטערען
אויפ׳ן טיִעפען, בּלויען הימעל . . .

נו, מאַדאַם, וואָס וועט איהר זאָגען
אויף אַזאַ מין ליִעבּען גנבֿ?
נעהמט-זשע, כ׳בּעט אייך, ליִעבּע דאַמע,
אויף אַ ווײַלע אונזער בּיבּעל.

נעהמט, איך בעט אייך, חזר'ט איבער
נאך אמאל. וואס דארט ערצעהלט זיך
וועגען אדם'ן און חוה'ן . . .
נו, מאדאם, א שענע גנבה? . . .

---

## צוויי בילדער.

Neue Zeiten--neue Vögel,
Neue Vögel--neue Lieder.

I.

איהר געדענקט די אלטע זאגע,
ווי אמאל, אמאל פארצייטען,
פלעגען מיר דעם טאג פערברייגנען,
וועלכער הייסט ביי אונז „יום-כפור“?

אין די גערטנער פון יריחו,
אין די גרינע פאלמען-גערטנער,
קלינגען ארפען און טראמפעטען,
שאלען זיסע, יונגע שטימען;

זיסע פרויען-שטימען קלינגען
און זיי פליעסען העל און פרעהליך.
ווי א קלאנג פון זילבער-גלעקער
אויף די פרישע בלומען-שטאקען:

„—קומט אהער, אהער, בחורים!
קלינגען יענע ליעבע שטימען:
קוקט, דא זענען אלע שענסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו.

„ווי די פאלמען, הויך געוואקסען,
פריש און דופטענד ווי די רויזען,
אלע שענסטע, אלע ליעבסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו.

„קומט אהער, אהער, בחורים!
קלייבט אייך, קלייבט אייך כלה'ס... אבער
קוקט ניט נאר אויף אונזער יוגענד,
וועהלט ניט נאר אליין די שענהייט,

ווײַל די יוגענד וועט פערבליהען,
און פערגעהען וועט די שענהײַט;
בלײַבען וועלען גוטע זיטען,
בליהען אײביג וועט די טוגענד.

גוטע זיטען, טיעפע ליעבע,
פײַנע, אײדעלע געפיהלען —
דאס איז אונזער גרעסטעס רײַכטהום,
דאס איז אונזער בעסט׳ פערמעגען!...״

שווארצע לאָקען, ווײַסע קלײַדער,
שווינדלען, פלאטערען פון ווײַטען,
דורך די גרינע פאלמען־צווײַגען,
דורך די פרישע בלומען־שטאָקען,

אלע גלײַך געקלײַדט — אין גלאטע,
ווײַסע קלײַדער, לויט דעם מנהג,
פלעגען דאמאלס זײַ די קלײַדער
בארגען אײנע בײַ דער צווײַטער:

ס׳זאָל ניט זײַן, ניט רײַך, ניט אָרים,
ניט קײן גדלות, ניט קײן בושה...
אלטע צײַטען — אלטע בילדער,
אַך, זײַ זענען שוין פערגאנגען!...

---

II.

נײַע צײַטען — נײַע מענשען,
נײַע מענשען — נײַע בילדער:
העל און ליכטיג איז דער גרויסער
שענער טאנץ־זאל אין „סאבראניע“.

אין דעם גרויסען, שענעם טאנץ־זאל
זאמלען זיך צונויף צו׳ם „אבענד“
אלע שענסטע, אלע בעסטע,
פײַנסטע טעכטער פון ירחו;

אלע פײַנסטע, אלע בעסטע,
שענסטע טעכטער פון ירחו,
פון ירחו און פון חברון,
פון בערדיטשעוו און פון קאָוונא:

פרײַלײן מאַריאַ פּסחאָוויטש,  
נאַסטיאַ קאַפּהאָן, פּראָסיאַ לָמָה,  
און די שײנע איזאַבעלע,  
איזאַבעלע לאָקשען־ציםעס.

אַלע זענען זײ געקלײדעט  
נאָך דער לעצטער, שענסטער מאָדע  
און זײ זינגען נאָר אַנ׳אַנדערש,  
נאָר אַנ׳אַנדערש, נײַעם ליעדעל:

„קומט אַהער, אַהער חתנים! —  
זינגען מאַריאַ, נאַסטיאַ, פּראָסיאַ,  
און די קלוגע איזאַבעלע,  
איזאַבעלע לאָקשען־ציםעס:

„—קומט אַהער, אַהער, דאָקטוירים,  
אינזשענערען, אַדוואָקאַטען,  
מיט נאַשיוחקעס, מיט קאָקאַרדעס  
מיט דיפּלאָמען, אַטעסטאַטען;

„נעהמט אונז, גוואַלד, אוי, האָט רחמנות,  
נעהמט אונז, חאַפּט אונז!... אַך, מיר אַלע  
זענען גרײט מיט אײַך צו לויפען  
אין גן־עדן און אין גיהנום...

„נעהמט אונז, חאַפּט, היט־אײן, פערוויקעלט  
אונז אין זײַד, אין סאַמעט, אַטלאַס,  
קויפט אונז לאָזשען אין טהעאַטער,  
פיהרט אויף בעלער, מאַסקאַראַדען,

„אונזער הוט זאָל זײַן אַ גאַנצע  
סקירדע בלומען —, שײַנען, בליצען;  
גאַנצע גענז און גאַנצע העהנער,  
זאָלען דאָרט פון אויבען זיצען.

אונזער קלײד זאָל זײַן פון אַלע,  
אַלע קלײדער שענער, בעסער;  
אונזער שלעפּ׳—פון אַלע לענגער,  
דער טורניור—פון אַלע גרעסער, —

אונזער אַנצוג, אונזער צירונג
זאָלען גלענצען ווי די שטערען —
אַלע אונזערע בעקאַנטע
זאָלען אַ כַּפָּרה ווערען!..."

און זוי ווייטער, און זוי ווייטער,
זינגט דאָס לידעל, ליעבע ברידער!
נייע צייטען—נייע מענשען,
נייע מענשען—נייע לידער,

נייע נעמען, נייע הערצער,
ניים און ניים פון אַלע זייטען,
איינס נאָר איז ביי אונז געבליבען
פון דעם מִנְהָג פון פאַרצייטען,

איינס, אַ קליינינקייט: די קליידער,
ליעבע פריינד, די פיינע קליידער
מיט דער צירונג, מיט די בלומען
זענען אָפּט... אויף באָרג גענומען!!!...

# דער הימעל שְׁפּאַלְט זיך.

(אַ הושַׁעְנָא־רַבָּה לידעל).

זי טרויעריג, פינסטער און קאַלט איז די נאַכט!
דער הימעל מיט וואָלקען בעצויגען;
איין איינציגען שטערען, איין איינציגען פונק,
זוך איך אין דער הויך מיט די אויגען.

געדיכט זענען איבער די וואָלקען און שוואַרץ —
זיי האָבען די שטערען בעהאַלטען...
„— נו, נאַרעלע, נו, וואָס־זשע קעהרט עס דיך אָן?
היינט מוז דאָך דער הימעל זיך שפּאַלטען..."

יאָ, יאָ, טאַקע אֱמֶת—היינט איז דאָך די נאַכט,
ווען יעדער קען אויפגעריכט ווערען:
דער קרומער קען אָנהויבען ווידער צו געהן,
דער בלינדער צו זעהען, דער טויבער צו הערען;

די ווײַסטע עֲקָרָה—אַ מוטער צו זײַן
און ווידער אַ ווײַב—די עֲגוּנָה;
דער שטומער קען ווערען אַ מַגִיד אין שטאָדט;
דער בעטלער בעקומען בְּכָבוֹד חִיוּנָה;

דער גרעסטער לא־יוּצְלַח קען ווערען אַ גְבִיר,
דער גרעסטער שְׁלִים־מַזָל—אַ פָּרִיץ,
אַנ׳איזעל, אַ פערד—בַּעֲלֵי־דֵעָה אין שטאָדט,
אַ בֵּן—דער גרעסטער עַם־הָאָרֶץ;

אַ שוסטער קען ווערען אַ „מוֹצִיא־לָאוֹר“ —
אַ נַחַת צו הערען, אַ חִיוּת צו קוקען! —
אַ ווײַנ־שענקער אַנ׳הויבען קוועטשען קריטיק,
אַנ׳אַלֶף־בֵּית־יונגעל—ראָמאַנען צו דרוקען.

אַ זָקֵן קען ווערען אַ יונג, אַ געזונד
אונ אַנהויבען ווידער דאָס רעדעל צו פיהרען,
אין שול־הויף קען ווערען אַ גאָרטען—אַ פּראַכט; —
אין הֶקְדֵשׁ — אַ פּאַלאַץ מיט פענסטער און טהירען..

אַ שמאַלץ־גרוב בײַ יעדען מְלַמֵד אין שטוב,
אונ וואו נאָר אַ קלויז — אַ גַן־עֵדֶן...
אַ כְּלָל: עס קען ווערען אַ גליקליכע וועלט
מיט חָכְמָה, מיט גְבוּרָה, מיט פרײַנדשאַפט אונ פרײַדען!...

— מאָ זאָגט־זשע מיר, יודען! פאַר וואָס־זשע האָט איהר
ביז איצט אזא פינסטערען פָּנִים —
אֶבְיוֹנִים — ווי זאַמד אויף דעם ברעג פונ׳ם יַם,
ווי שטערען אין הימעל — קַבְּצָנִים?

קַבְּצָנִים, דַלְפָנִים מיט צָרוֹת, מיט שלעג,
יְתוֹמִים, עֲגוּנוֹת, אַלְמָנוֹת...
איך קוק אויף אײַך, יודען, און קען דאָס גאָר ניט
פערשטעהען — אויף מײַנע נֶאֱמָנוֹת!

עס געהען, עס פליהען אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר
אונ ציהען אַלץ לענגער דעם אומגליק דעם אלטען;
עס שפּאַלט זיך דער מוח, עס שפּאַלט זיך דאָס האַרץ־
ווען וועט זיך דער הימעל שוין שפּאַלטען?!...

## זאמד און שטערען.

עס שיינט די לבנה; עס גלענצען די שטערען;
די נאכט שוועבט אויף בערג און אויף טהאל...
דאס אלטיטשקע ביכעלע ליעגט פאר מיר אפען,
איך ליינען עס, ליינען עס טויזענדער מאל.

איך ליינען די הייליגע, טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך א שטימע: „איך שווער —
מיין פאלק, דו וועסט זיין ווי די שטערען אין הימעל,
ווי זאמד אויפ׳ן ברעג פונ׳ם מער...“

רבונו של עולם! עס ווערט ניט פערפאלען
פון דיינע הבטחות קיין איינציגעם ווארט:
מקוים מוז ווערען דיין הייליגער ווילען,
אלץ קומט אין זיין צייט, אויף זיין ארט.

און איינס איז שוין טאקע מקוים געווארען —
דאס פיהל איך, דאס ווייס איך געוויס:
מיר זענען געווארען ווי זאמד, וואס איז הפקר,
וואס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יא, גאטעניו, אמת, ווי זאמד און ווי שטיינער,
צושפרייט און צעווארפען אויף שאנד און אויף שפאט...
נו, אבער די שטערען, די ליכטיגע, קלארע —
די שטערען, די שטערען—וואו זענען זיי, גאט?!...

---

## „דאס קנעפיל“.

„—כ׳פערשטעה גאר ניט, כ׳לעבען, וואס טהוט זיך מיט אייך, —
א וועלט, א פאריאדאק געווארען!
אך, גאטעניו־פאטער! וואו זענען זיי, וואו,
די אלטע, פערגאנגענע יאהרען?

„—וואו איז זי, די אמת׳ע „גאלדענע פאהן“?
וואו זענען די „בערען“, די „לייבען“,
מיט וועלכע ס׳פלעגט ברומען און קלינגען א וועלט?
וואו? — זאגט מיר — כ׳פערשטעה גאר ניט, כ׳לעבען!

— אמאָל . . . נאָר וואָס זאָל איך דאָ ברײַען איך לאַנג ? —
לְמָשָׁל . . . אַ פּוּרים פאַר צײַטען :
עס איז דאָך , ווי זאָגט מען דאָס . . . עֶה , ברידער , עֶה !
נו , האָט איהר אַ פָּנִים פון לײַטען ?

— ווי הײַסט ? די מְגִילָה . . . דאָס האָט דאָך פּאַסירט
מיט יודען , מיט אונזערע אָבוֹת :
אַן אֶסְתֵּר־הַמַּלְכָּה . . . אַ מָרְדְּכַי . . . אַ וועלט !
גָס־פּוּרִים ! אַ שפּאַס , אַ קאַטאָװעס ?

— נו , טאַקע אָהן חָכְמוֹת : וואו האָט איהר דאָס איצט
אַט חאָטשבּי אַ גראַגער אַ רעכטען —
אַ שרײַער , וואָס טאַקע אַ שרײַער מען רופט ,
האַ ? ווײַזט נאָר ? יאָ ! קומט , כ'בעט איך נעכטען

אַ גראַגער — אַ ווידער־קול ! ס'טײַטש , יעדער יוד
פלעגט פיהלען . . . ווי זאָגט מען עס . . . פָּטוּר , —
נו , הָמָנ'קע , טהו מיר נאָר עפּ ס אַקאָרשט ,
איך העֶר דיך אצונד , ווי דעם קאָטער !

— הײַנט נעהמט אַ פאַרצײַטיגען „אֱלוּל" . . . איך מײַן ,
פערשטעהט איהר מיך , תְּקִיעוֹת בלײַבט תְּקִיעוֹת
עס איז אָבער גאָר ניט דער בלאָז וואָס אמאָל ,
דער בלאָז . . . דאָס מְתִיקוּת . . . דער חִיוּת . . .

— און טאַקע אַ פָּשׁוּט'ער פרײַטאָג . . . עס קאָכט !
אַ וועלט געהט אין מֶרְחָץ , שאַרפט מעסער ,
שטעקט ליכט אין די לײַכטער , שטויסט פעפער , רײַבט חריין
עס לעבט זיך , עס פיהלט זיך גאָר בעסער . . .

— און געה נאָר , פּרוב נ י ט פיהלען , נ י ט זײַן אַ יוד...
דו האָסט דען , אַפָּנִים , אַ בְּרֵירָה ?
אז מַמָשׁ דו פיהלסט , ווי עס שפּאַרט זיך אין דיר ,
עס קריכט אַ נְשָׁמָה יְתֵרָה...

— ניט לָמְדוּת , ניט דאָס בין איך אויסען , — דער ברען ,
פערשטעהט איהר מיך , אָט וואָס : דער הײַסער ,
דער שאַרפער , דער אֱמֶת'ער יודישער ברען...
פרעגט איצט בײַ אַ יודען — וואָס ווײַס ער .

„— וואָס פֿיהלט ער, וואָס קעהרט זיך דאָס אָן מיט איהם ?... אוי,
אַז וועה צו די טעג און די יאָהרען, —
דערשפּיעלט-זיך, דערלעבט צו אַ נחת אַצונד,
אַ וועלטיל, פּאָריאָדקעס געוואָרען ! —

„— דער אויקעט, דער קרעכצט און דער וואָרגט זיך שוין גאָר
מיט עפּעס נײַ־מאָדישע צרות:
דער שרײַט: „ס'איז צו פֿינסטער", דער ליאַרעמט: „צו ענג !"
און דער שלאָגט מיט אַלץ שוין כּפּרות...

„— און וואָס האָט מען אויסגעפֿיהרט ? — פֿרעג איך אײַך — וואָס ?
וואו זענען דאָס אַ י י ע ר ע גליקען ?...
פֿע! ביטער! חלשות! עס קריכט ניט אין האַלז
אפילו דאָס קאַפּיצקע תּיקון !...

„— וואָס ? אפשר, ניט אמת ?..."
אַזוי האָט צו מיר
געשמועס'ט מיט געשרײַ און געוואַלטען
רב יודעל-דער-תּכשיט. ער האָט מיך דערבײַ,
ווי ס'פֿיהרט זיך, בײַ'ם קנעפּיל געהאַלטען;

ער האָט עס געטרײסעלט, געצופּט און געדרעהט,
געבויגען, געקוועטשט און געריבען —
אַזוי, אַז צום סוף איז שוין, נעבּיך, פֿון דעם
אַ צעהנטעל כּמעט ניט געבליבען...

* *
*

אוי, קנעפּיל, קנעפּיל ! וויפֿיעל שטעהסט
דו אויס מחלוקות און סכסוכים
ביז בּיסט דער אָנפֿאַנג און דער סוף
פֿון אַלע יודישע ויכּוחים...

# דער גאָלדענער שליסעל.

(תּלמודישע לעגענדע).

## I.

האַסטיג, שרעקליך רוישט דער שטורם,
בויגט און ברעכט די אַלטע בוימער...
װיפֿיעל צװײַגען שוין צובראָכען!
װיפֿיעל בלעטער אָבגעריסען! ...

אין דעם רוישען, אין דעם ברומען
זיפֿצען, װײַנען טויזענד קולות...
אַך, מײַן פֿאָלק, מײַן פֿאָלק, װי שרעקליך
אײנג און פֿינסטער איז דײַן װעג!

האַסטיג, שרעקליך רוישט דער שטורם,
און װאָס װײַטער — העכער, שטאַרקער
הערט זיך מיר אַ קלאַנג פֿון קײטען...
װאָס בעטײַט דער װילדער קלאַנג?

טויזענד קולות הער איך װײַנען
אין דעם רוישען, אין דעם ברומען
און אַנ׳ אַלטעם, זיסעם ליעדעל
זינגט דער שטורמיגער װינד:

---

## II.

— אין די אַלטע, אַלטע צײַטען
איז געװען אַנ׳ אַלטער קעניג;
גרויסע אוצרות, פֿיעל עשירות
האָט געהאַט דער אַלטער קעניג.

גאַנצע בערג פֿון גאָלד און זילבער,
הויפֿען דימאַנטען און פּערל
זענען שוין פֿון לאַנג געלעגען
אין זײַן גרויסען, שטאַרקען פּאַלאַץ.

מיט אַ שטאַרקען שלאָס פֿערשלאָסען
איז געװען די טהיר פֿון פּאַלאַץ;
מיט אַ שליסעלע אַ קלײנעם
פֿלעגט זיך עפֿענען דער שלאָס.

„פון דעם בעסטען, רײנסטען גאָלד
איז געװען געמאַכט דאָס קלײנע,
שליסעלע, און זעהער לײכט
איז געװען עס צו פערלירען;

„און כּדי צו זיכער זײן
פאַר די אוצרות — האָט דער קעניג
צוגעפאַסט דעם קלײנעם שליסעל
צו אַ גרויסער, שװערער קײט...״

אַח, טאָ זאָל־זשע רױשען, ברומען
אַרום דיר דער װינד, דער שטורם, —
לעב, מײן פאָלק! דו ביסט דער שליסעל
צו דער אַלטער קעניגס-טהיר:

צו דער טהיר, פון יענע גרױסע,
גרױסע אוצרות, װעלכע זענען
בעסער, טײערער פון זילבער,
פון בריליאַנטען און פון פערל —

צו דער טהיר, פון יענע גרױסע
ליעבע אוצרות, װעלכע הײסען:
„תּורה, צדקה און אמונה...״
נאָר כּדי דו זאָלסט, מײן פאָלק,

אײביג ניט פערלאָרען װערען
אויף דער װעלט — האָט דיך דער בורא
צוגעבונדען, צוגעקאָװעט
צו אַ גרױסע, שװערע קײט...

צו אַ שװערע קײט פון צרות
האָט דיך צוגעפאַסט דער בורא:
„—געה, מײן פאָלק״—האָט ער געזאָגט,
„לאָז דער שטורם רױשען, ברומען,

„דו װעסט לעבען—דו מוזט לעבען!...״
נו, טאָ געה־זשע, געה, ישׂראליק,
בויג דעם אַלטען, קרומען רוקען,
שלעפּ די גרױסע, שװערע קײט!...

# „פֶערְדִיעְנְט עוֹלָם־הַבָּא“!

מִיר האָט זִיךְ גֶעחָלוֹמְט, אַז אִיךְ בִּין גֶעשְׁטאָרְבֶּען
(פוּן הארצוועהטאָג—נִיט פאַר קֵיין מֶענְשֶׁען גֶעדאַכט! —
דִי קראַנקהַייט האָט פִיעל שוֹין מְחַבְּרִים פֶערְדאָרְבֶּען,
אַ תֵּל פוּן פִיעל יוּדִישֶׁע־קִינְדֶער נֶעמאַכט...) .
אִיז בִּין אִיךְ גֶעשְׁטאָרְבֶּען... נוּ מֵילָא, פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר,
עֶס אִיז דאָךְ קֵיין חִילוּק נִיט—פְרִיהֶער צִי שְׁפֶּעטֶער:
גֶעקְרֶענְקְט ווִי עֶס פאַסט פאַר אַ יוּדֶען, גאַנְץ שְׁטאַרְק,
אוּן... אוֹיס פוּנ׳ם ווֶעלְטִיל—אַראָב פוּנ׳ם מאַרְק!...
מֶע האָט מִיךְ מְלַוֶּה גֶעווֶעזֶען בְּכָבוֹד!
דֶער פאָר־חַזָּן האָט אוֹיף מִיר בִּיטֶער גֶעקְלאָגְט
מִיט „אֵל מָלֵא רַחֲמִים“; דֶער דַּיָּן רֶב דָּוִד
האָט טאַבאַק גֶעשְׁמֶעקְט אוּן אַ הֶסְפֵּד גֶעזאָגְט.
נאָךְ אִיהם דֶער ראַבִּינֶער—אַ רֶעדֶע גֶעהאַלְטֶען
אַ לאַנְגֶע, אַלאַנְגֶע, אָהן וואָג אוּן אָהן מאָס,
צְווֵיי יוּדֶענֶעס האָבֶּען דִי נֶעזֶער גֶעהאַלְטֶען
אִין פאַרְטוּךְ, צְווֵיי יוּנְגְלֶעךְ—דֶעם פִינְגֶער אִין נאָז...
עֶס האָבֶּען דִי פּוּשְׁקֶעס גֶעקְלאַפְּט אוּן גֶעקְלוּנְגֶען,
צֶעהְן פאָר תַּלְמוּד־תּוֹרָה׳נִיקֶעס זֶענֶען אִין רֵיאַד
גֶעגאַנְגֶען אוּן „צֶדֶק לְפָנָיו“ גֶעזוּנְגֶען...
בְּקִיצוּר, גֶעווֶעזֶען אַ גְרוֹיסֶער פאַראַד,
אַ חאַזשֶׁנֶע לְוָיָה גֶעווֶען...

אוּן בְּשַׁעַת
מֶען האָט גֶעחְלאָפּאָטשֶׁעט אַזוֹי אַרוּם מִיר,
אִיז, נֶעבִּיךְ, גֶעשְׁטאַנֶען—„הֶעָנִי מְמַעַשׂ“ —
מַיין בִּידְנֶע נְשָׁמָה אַלֵיין בַּיי דֶער בְּהִיר,
זִי אִיז בַּיי דֶער טְהִיר פוּן גַּן־עֵדֶן גֶעשְׁטאַנֶען,
פֶערִיאָמֶערְט, פֶערְחוּשֶׁכְט, אִין לֵייד אוּן אִין פַּיין
אוּן גִיסֶענְדִיג שְׁטְראָמֶען־ווַייז בִּיטֶערֶע טְרֶעהְרֶען,
גֶעקְלאָגְט פאַר דֶעם מַלְאָךְ: „אוֹי, לאָז מִיךְ אַרַיין!“
„— אַרַיינְלאָזֶען? ווִילסט אִין גַּן־עֵדֶן? בִּיסט, כ׳לֶעבֶּען,
קֵיין נאַר גאָר נִיט... זאָג־זשֶׁע מִיר, טַייעֶרֶעס קִינְד,
וואָס אוֹיפְגֶעטְהוּן האָסטוּ אַזוֹינְס אִין דַיין לֶעבֶּען?
מִיט וואָס האָסטוּ, זאָג, עוֹלָם־הַבָּא פֶערְדִיעְנְט?...“
„אוֹי, מַלְאָךְ! אִיךְ ווֵייס... כ׳האָב אִין לֶעבֶּען פִיעל צָרוֹת,
פִיעל שְׁמֶערְצֶען גֶעלִיטֶען: מֶען האָט מִיךְ גֶעפְּלאָגְט,

געשלאָגען מיט מיר, לא עליכם, כפּרות
פאַר פרעמדע עברות, געזידעלט, געיאָגט...״
״—ניין, ברודער, מיט דעם וועסטו גאָר נישט דאָ מאַכען:
ניין, ווייז נאָר אַרויס עפּעס בעסערע זאַכען
די סחורה, רב יוד,
וואָס דו האָסט געבראַכט פון יריד״...

״אוי, מלאָכ׳ל, מלאָכ׳ל! לאָז מיך צופריעדען,
איך בין דאָך נישט מעהר—אַ מחבר געווען —
געאַקערט דאָס פעלד פון זשאַרגאָן מיט׳ן פען,
געשריבען זשאַרגאָנישע שירים פאַר יודען,
עס פלעגט מיך בעגיעסען דער ביטערער שווייס
דעם משקל-השיר מיט די גראַמען צו האַלטען,
צעזור מיט נקודות... אוי, מלאָכ׳ל!... כ׳ווייס,
אַ חידוש, ווי כ׳האָב דאָס געקאָנט נאָר דערהאַלטען...״

„הא? וואָס? — האָט דער מלאך געטהון אַ געשריי:
וואָס הער איך? — וואַרט אויס נאָר, וואַרט אויס... אָהן לצנות:
צעזור מיט אַ משקל?! אוי, וועה איז מיר, וועה!
דו ביזט דאָך אַ קדוש, אויף מיינע נאמנות! —
זשאַרגאָן מיט אַ משקל?! זשאַרגאָן מיט צעזור?!
קאַפּויר אי די וועלט, אי די גאַנצע נאַטור!...
קום, קרוין מיינע, קום!... ברוך-הבא!
גענוג דיר, דו ביסט שוין מיט צרות גאַנץ זאַט.
דו האָסט אויף דער ערד שוין דיין גיהנום געהאַט,
האָסט כּשר פערדיענט עולם-הבא!״

---

# דער שופר.

## (בילדער און געדאַנקען)

### I.

פערטיעפט אין מיינע טרויעריגע געדאַנקען בין איך גע־שטאַנען ערב יום כפור אין אַ ווינקעלע אין אונזער אַלטען בית-המדרש. בלייכע, דונקעלע בילדער האָבען געשוועבט איינס נאָך דעם אַנדערען פאַר מיינע אויגען; איך קוק זיך איין אין די בלייכע, דונקעלע בילדער און איך זעה. . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . .

ישראליק שלאָפט . . .

איינגעהילט און איינגעפלאָכטען אין אַ לאַנגער ווי קעל־שנור פון אַלטע, אָבגעבליאַקעוועטע מַפּה׳ס, אונטערגעלעגט צו קאָפּענס אַ זאַק מיט אַלטע צוריסענע „שֵמוֹת״ און איבערגעצוינען מיט אַ חוּפָּה—ליעגט אַ קליין מענשעלע, אַ קליינינקער, אַ דאַרער און אַ בלייכענקער, וועלכער ווייזט אויס פון ווייטענס ווי אַ זויג־קינד, — אַזוי קליין איז ער, אַזוי שוואַך... ער ליעגט איינגעבויגען, איינגעהויקערט; די אויגען זענען צוגעמאַכט, דאָס מויל אַ ביסעל אָפען... גרויסע טראָפּענס שווייס שטעהען אויף זיין שטערן; טיעפע, לאַנגע קנייטשען ליעגען איבערגעוואָרפען, איינס איבער דעם אַנדערן, און ציהען זיך איבער דאָס גאַנצע פערשוואַרצטע און אויסגעמוטשעטע פָּנִים׳על. ציטערנווייז טהוט ער עפּעס אַ ציטער מיט אַלע אֵבָרִים; אַ לאַנגער, טיעפער זיפץ נעהט אַרויס ביי איהם פון האַרצען; די דינינקע, בלייכע ליפּען הויבען אָן צו בעוועגען זיך, גלייך ווי זיי ווילען עפּעס אַרויסרייַדען און קענען ניט...
וואָס חָלוֹם׳ט זיך דיר, אַלטיטשקער?

—„אַ בילד, אַ בילד פון אַלטע צייטען
שטעהט אויף פאַר מיר אין טיעפען שלאָף״.

וואָס־זשע זעהסט דו, יִשראל׳יק?
„— איך זעה אי בערג, אי טהאָלען —
אַנ׳אונבעקאַנטער אָרט...
איך הער טראָמפּעטען בלאָזען
און פויקען קלאַפּען דאָרט...

איך הער כְּלֵי־זַיִן קלינגען
פון אייזען, מעס און שטאָהל,
און טויזענד קולות הער איך
פון יעדען באַרג און טהאָל.

פון מִזְרַח־זייט טהוט פליעסען,
ווי שטראָמען פון אַ באַרג,
אַ שרעקליך־גרויסער חַיִל,
בעוואָפענט, בייז און שטאַרק...

ער געהט, ער פליעסט פון ווייטען,
און שרעקליך איז זיין פלוס:
ווי גראָז, ווי מילבען אונטער
דעם שווערען העלפאַנד׳ס פוס

צופּאַלען זיך חַלָלוֹת
אוּן לענדער פאַר זײַן שווערד,
אַ פּחַד פאַלט אויף אַלע
גִבּוֹרים אויף דער ערד . . .

װער איז ער, זאָג מיר, ברודער,
דער העלד ? אוּן װאָס בּעדײַט
דער קוֹל פוּן שוֹפר, װעלכען
איך הער פוּן יעדער זײַט ?

אײן לאַנגע תּקיעה-גדוֹלה,
אַ לאַנגע אָהן אַ סוֹף,
פוּן אַלע זײַטען הערט זיך
מיר אין מײַן טיעפען שלאָף;

זי ציהט זיך פוּן די װאָלקען,
זי גיסט זיך אין דער לופט,
זי גיסט זיך מיר אין האַרצען,
זי װעקט מיך, װעקט אוּן רופט:

„—שטעה אויף, שטעה אויף, ישׂראלי׳קו!"
אַך, זאָג מיר, װאָס בּעדײַט
דער קוֹל פוּן שוֹפר, װעלכען
איך הער פוּן יעדער זײַט ? . . .

„—װער איז דאָס?"—פרעגט ישׂראלי׳ק— „װאָס איז דאָס פאַר אַ מין חַיל ? פוּן װאַנען אוּן װאוהין געהט ער ? אוּן װאָס איז דאָס פאַר אַ מין שוֹפר, אין װעלכען עס בּלאָזען עפּעס נאָר משוּנה׳דיגע, גרויסע, געזוּנדע אוּן שטאַרקע גבּוֹרי-חַיל ? — אויף דער בּרוּסט גלאַנצען בּײַ זײ שטאָהלענע אוּן מעסענע פּאַנצירען . . . זײַערע פערבּרענטע פוּן דער שרעקליכער מדבּר-היץ, געזוּנדע אוּן פרישע פּנים׳ער זעהען אוֹיס אַזוֹי לעבּעדיג, אַזוֹי גליקליך; זײַערע לאַנגע, געקרײַזעלטע שװאַרצע האָר פלאַטערן אין דער לופט; אויף זײַערע שטאַרקע הענד, אין װעלכע זײ טראָגען אַלערלײ מינים כּלי-זין, ציעהען זיך לאַנגע, גראָבּע, אָנגעגאָסענע מיט בּלוּט, אָדערן, װאָס װײַזען אויף גרויסע אוּן שטאַרקע כּחוֹת . . . װער זענען זײ ? . . . װער איז דאָס פאָלק, װעלכעס דער איצטיגער אַלטיטשקער

און קראנקער ישראל'יק זעהט אין חלום ! — ער דערקענט זיי ניט . . .

— ישראליק! ישראל'יק! קוק זיך נאר איין גוט, גוט קוק זיך איין אין זייערע פנים'ער, הער זיך־צו צו זייער לשון.. זעהסט ! הערסט ! . . . דאס זענען דאך זיי—דיינע עלטער־עלטער־זיידעס, דאס זענען דאך יענע אויסגעמוטשעטע פון דער שרעקליכער מצרים'דיגער ארבייט, עבודת־פרך, פערשווארצטע, פערביטערטע נשמות, וועלכע זענען געשטאנען ביי'ם בארג סיני, געזעהען די גרויסע, פורכטבארע וואלקענס, געציטערט, הערענדיג די גרויסע, שרעקליכע דונערען און דעם הייליגען געטליכען קול פון „אנכי", פון דעם שפיץ בארג . . . דאס זענען זיי—דיינע אבות, וועמעס בלוט פליעסט אין דיינע אדערן, אין דיין הארצען . . . דו דערקענסט זיי ניט ? דו גלויבסט ניט ? . . . אך ! וועה צו דיר, ישראל'יק! וועה און ווינד צו דיינע יאהרען און טעג ! דו קענסט זיך נאר ניט פארשטעלען. אז אזוי זאלען אויסזעהען ידען ווען עס איז און וואו עס איז . . . און איך פערשטעה דאס טאקע גאנץ גוט, ווארום אז עס וואלט זיך דאמאלס, איאהר דריי טויזענד צוריק, וועמען ניט איז פון זיי געחלום'ט אזוי א מין יוד, ווי דו, אזא מין בריאה'לע, וואלט קיינער פון זיי בשום אופן ניט גלויבען, אז דאס איז א יוד—אז אט אזוי וועט אמאל, אמאל, האטש אין ווייס איך ווי פיעל יאהר ארום, אויסזעהען זייער אנ'אוראייניקעל, א מענש' ביי וועמען עס וועט פליעסען זייער בלוט אין די אדערן . . .

אוי, דו גרויסער, דו אלמעכטיגער גאט ! זעה, זעה וואס איז פון אונז געווארען ! איין איבריגעם ברעקעלע זאמד פאלט אויף דער וואגשאל, און די וואג קען עס מעהר ניט אויסהאל־טען און אין איין אויגענבליק שטירצט זי אראב פון דער הויך . . . איין איינציגער קלייניקער טראפען פאלט אריין אין דעם גרעסטען עמער, און אין איין רגע גיסט זיך אריבער דאס וואסער איבער די ברעגען . . . דו גרויסער גאט ! דו שטארקער גאט ! וויפיעל נאך בערג מיט צרות, מיט שרעק און מיט אונגליק דארפען נאך אראבפאלען אויף אונזערע קעפ, ביז אונזער וואגשאל וועט שוין איבערוועגען אונזערע אלטע, אלטע זינד ? . . . וויפיעל נאך הייסע און ביטערע

טרערען דאַרפען מיר פערגיסען אויף דער וועלט, ביז אונזער בעכער, אונזער כּוס התּרעלה, וועט שוין איבערגעהן איבער די ברעגען ?... ווי פיעל נאָך וועט ליעגען דיין פערשוואַרצטער ערמוטשעטער ישׂראליק בעדעקט מיט זיינע אַלטע וואונדען, צו וועלכע עס איז ניטאָ קיין הילף, קיין תּרופה אויף דער גאנצער, גרויסער וועלט ? ווי לאַנג נאָך וועלען מיר, יודען, זיין צו שפּאָט און צו געלעכטער, ניט זעהען דעם ליכטיגען טאָג פאַר די אויגען, ניט פיהלען די ערד אונטער אונזערע טריט, ניט איין איינציגעס ליעד זינגען, אין וועלכען עס זאָלען זיך ניט הערען די טיעפע זיפצע און עס זאָלען ניט טריפען שטראָמען־וויז אונזערע הייסע און ביטערע טרעהרען ?... עד מתי, אלהים ? עד מתי ?! ...

קיין זאַך אין אונזער טרויעריגען לעבען טהוט מיר ניט אָן אַזוי פיעל האַרצוועהטאָג, אַזוי פיעל עגמת־נפש, ווי דאָס אויסזעהן פון אַ יודען, זיין איינגעבויגענער רוקען, זיין אויס־געחייקטער פּנים, זיינע דאַרע הענד, זיין איינגעפאַלענע ברוסט און דער דונקעלער שאָטען פון פּחד, וועלכער ליעגט איבער אויף זיין גאַנצען געזיכט... אָט די אונרוהיגע, האַלב פערטראַכטע, האַלב דערשראָקענע אויגען, וועלכע לויפען אַהין און אַהער, גלייך ווי זיי זוכען וואו צו באַהאַלטען זיך, ניצול צו ווערען פון דער גרעסטער סכּנה; אָט די בלייכע ליפּען וואָס ציטערען, און זענען יעדען אויגענבליק מוכן ומזומן אַרויסצורעדען: „אָט! אָט לויף איך!" — דער גאַנצער נפש, וואָס ווערט פערציטערט פאַר יעדען בלעטיל, וועלכעס פאַלט אַראָב פון בוים, פאַר יעדער פליעג, וועלכע טהוט אַ „זום" פאַרביי זיין אויהער—אָט דאָס גאַנצע גאָט'ס בעשעפעניש אין וועלכען עס זענען דאָ ניט נאָר רמ"ח, צוויי הונדערט מיט אַכט און פערציג, ניין, צוואַנציג טויזענד אברים, נאָר אָבער אי איינער ניט קיין גאַנצער—אָט דאָס יודעלע, אָט דער ישׂראליקעל מאַכט מיר אָן די גרעסטע וואונד אין האַרצען...

ביטער איז מיר צו הערען זיין לשון, דעם פינסטערען וויסטען זשאַרגאָן; אַ האַרצוועהטאָג איז מיר צו זעהען, וואָס פאַר אַ ניעדריגע ראָלע ער שפּיעלט צווישען מענשען, ווי מען שטופּט איהם און מען שלייַדערט איהם אַהין און אַהער, ווי מען מאַכט פון איהם חוזק אויף יעדען טריט; נאָך מעהר פון

דעם אַלעם קרענקט מיך, קוקענדיג אויף איהם אַליין, אויף זיין איינגעדאַרטען און איינגעקוואַרטען קערפער . . . אַז איך קוק אויף זיין נאָז, פיהל איך, אַז אַפילו דעם בעסטען מענשען מוז זיך וועלען איהם אַ שנעל געבען; זעהענדיג, ווי ער וואַרפט אַהין און אַהער מיט די אויסגעטריקענטע קרומע פיסלעך, זעה איך אַרוים, אַז עס מוז זיך געלוסטען אונטערשטעלען איהם אַ פיסעל . . . שווער איז נאָר צו געבען דעם ערשטען שנעל, וואָרום מען האָט נאָך מורא, ער זאָל ניט געבען צוריק; אַז מען זעהט אָבער וואַטש איין מאָל, אַז דאָס אומגליקליכע מענשעלע, ח פענדיג דעם שנעל, פערדרייסט די פאָלעס און ווי אַ פייל פון בויגען איילט עס זיך אַנטרונע צו ווערען, אַריינצושפּרינגען וואוהין ניט איז אין אַ לאָך, אין אַ שפּאַלט, דאַמאָלס—אַ, דאַמאָלס צוברענט זיך ערשט די תּאוה צו שנעלען, עס ווערט פשוט אַ פערגעניגען, עס ווילט זיך, עס געלוסט זיך שנעלען . . .

אַך, יִשְׂרָאֵלִיק! יִשְׂרָאֵלִיק! וּמָה אֲנִי שׁוֹאֵל מֵעִמָּךְ — און וואָס פאָדער איך פון דיר? אַ שילד אויף דיין איינגעשרומפּענעם ברוסטעלע? אַ שווערד אין דיינע אויסגעדאַרטע הענדטלעך? ניין, יִשְׂרָאֵלִיק, טויזענד מאָל ניין! — אַ מענש זאָלסט דו זיין, אַ מענש, פערשטעהסט, וואָס איך מיין מיט די ווערטער? אָט דאָ, יִשְׂרָאֵלִיק, אין נאָס, אויפ'ן מאַרק, אויפ'ן שול-הויף, אין דעם שטעטיל, וואו דו ביסט געבאָרען געוואָרען, אויס-געוואַקסען, חתונה געהאַט, געגט זיך און ווידער חתונה געהאַט וכו' וכו, — אָט דאָ זאָלסט דו האָבען אַ פּנים פון אַ מענשען. און ניט פון קיין פליעג, ניט פון קיין שפּ נדיל, ניט פון קיין פעדער, וועלכע פליהט, וואוהין מען בלאָזט עס . . . אָט אויף וואָס איך בין מִתְפַּלֵל צו זיין ליעבען נאָמען טאָג טעגליך, בְּשָׁכְבִי וּבְקוּמִי.

* *
*

„... אַ געטליכער גייסט האָט מיך אַנידערגעשטעלט אין אַ טהאָל, וועלכעס איז געוועזען פול מיט ביינער, ער האָט מיך געטהון אַרומפיהרען איבער'ן טהאָל אַהין און אַהער און איך האָב געזעהן, אַז דאָרט זענען געווען זעהר פיעל ביינער, און זעהר טרוקענע זענען זיי געוועזען. און דער גייסט האָט צו מיר געזאָגט:

— „ווי מיינסטו, מענש, קענען ווידער לעבעדיג ווערען די ביינער?"

— „נאט! — האב איך געענטפערט — דו איינער קענסט דאס וויסען..."

יא, רבונו של עולם! דו איינער ווייסט — זאג איך צוזאמען מיט דעם נביא — איין נאט ווייסט, אויב עס וועלען אמאל לעבעדיג ווערען אט די אויסגעטריקענטע, אויסגעדארטע רמ"ח אברים, פון וועלכע ס'איז צונויפגעשטעלט, און קוים, קוים וואס ער האלט זיך, דיין אונגליקליכער, אלטער יתום, ישראליק... רבונו של עולם! דיין ליבער קנעכט דוד המלך האט פיעל ליעדער געזונגען, זיצענדיג אויף זיין גאלדענעם כסא-המלוכה אין זיין שענעם שטאלצען פאלאץ... הער-זשע זיך צו איצט צו איינעם פון יענע ליעדער, צו איין קאפיטעל תהלים, וועלכעס ישראליק זאגט אין דעם חודש אלול, יעדען טאג הער זיך איין, נאטעניו, ווי ער טייטשט תהלים:

„...בקרוב עלי מרעים... אז עס וועלען צוקומען נאהענט צו מיר מיינע פיינד, לאכול את בשרי — צו עסען מיין לייב... אם תחנה עלי מחנה — אז עס וועט א גאנצעס פאלק פון יודענ-פרעסער מיך ארומרינגלען — לא יירא לבי — וועט מיין הארץ פאר זיי קיין פורכט ניט האבען... ווארום וואס? אי הר ווילט שונאי ישראל, מיין פליייש עסען? פלייש ווילט איהר? מכות! ביינער גריזעט, הארטע, טרוקענע ביינער מיט א זיניקע, אויסגעווייקטע הייטעלע אויף די ביינער, אט וואס איך האב פון איערטוועגען, קוויקט זיך, בעלעקט די פינגער, א פעטער ביסען בין איך איצט, א חיות!... בעקוקט מיך, נוט, נוט טאפט מיך ארום — הא? פיין האט איהר מיך אויסגעהאדעוועט פאר א פאר טויזענד יאהר, א שענעם תכלית האט איהר פון מיר געמאכט!... גריזעט-זשע מיינע אלטע ביינער, האט קיין מורא ניט — כי אבי ואמי עזבוני — מיין פאטער און מיין מוטער האבען מיך פערלאזט...

איך האב ניט קיין פאטער,
קיין שטארקען, קיין שטאלצען,
וואס זאל מיך בעשיצען
מיט קראפט אין דער האנד
פון אומעט, פון צווייפעל
פון טרויער, פון שאנד.

איך האָב ניט קיין מוטער,
קיין ליעבענדע מוטער,
פאר וועמען ענטדעקען
מיין ביטערעס הערץ,

וואס זאל מיט די טרייע,
און פריינדליכע ווערטער
מיך רעטען פון שלאפקייט,
מיך טרייסטען אין טרויער
און היילען מיין שמערץ...

נאר דו, מיין בעשעפער,
דו שטארקער, דו גרויס ר,
אלמעכטיגער גאָט!

נאר דו ביסט מיר איינער
געבליעבען אין לעבען
פון אייביג ביז אייביג,
מיין שילד און מיין זעגעל —
בעהיט און בעשיץ מיך
פון שאנד און פון שפּאָט!

II.

אַ, ישׂראליק האָט זיך אויפגעחאפּט פון שלאָף!...
איהר זעהט? ... זיינע אויהערן האָבען דערהערט פון וויטענס
די הייליגע שטימע פון דעם אַלטען שופר, וועלכע ער הערט
יעדעס יאָהר אַ גאַנצען חודש נאָכאַנאַנד ... איהר זעהט? —
ישׂראליק איז מיט אַמאָל לעבעדיג געוואָרען! — אלע זיינע
אויסגעדאַרטע, אויסגעמוטשעטע גליעדער בעוועגען זיך עפּעס
נאָר מיט אַנ'אַנדער חשק, מיט אַ לעבעדיגקייט ... ער גיעסט
אָב נעגעל־וואַסער און לויפט, לויפט, ווי אַ פייל פון בויגען,
אין שוהל אַריין... אָט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי'ם
שטענדער, איבערגעדעקט דעם טלית איבער'ן קאָפּ... די
גאַנצע גרויסע וועלט איז שוין פערשוואונדען פון זיינע אויגען...
ניטאָ פאַר איהם קיינער — ניט קיין פריינד און ניט קיין פיינד,
ניט קיין איינער און ניט קיין פרעמדער, ניט ברידער, ניט
שוועסטער, ניט ווייב, ניט קינד ... ער שטעהט ביי'ם שטענדער,
איינגעבויגען, דעם קאָפּ איבער דעם אַלטען, צוריסענעם און
פע־שמוצטען מחזור ... אין די אויהערן רוישען און ברומען ביי

איהם הונדערטער קולות ... אין קאָפּ זומט ביי איהם ווי פון גאַנצע סטאַיעס ביענען ..., דאַס האַרץ פּערקלעמט איהם עפּעס מיט אַ שרעקליכען, טיעפען וועהטאָג ... עס קוועטשט איהם צונויף אין האַלדז ... עס הויבט אָן צו שטעכען אין די אויגען... איינע נאָך דער אַנדערער טריעפען אַראָב און פאַלען אויף די גאָלע בלעטער פון דעם מַחֲזוֹר הַיָמִים, הייסע טרעהרען ... אַ שטילער, זיסער, הייליגער דרימעל שוועבט אַרום איבער זיין איינגעבויגענעם, גרויען קאָפּ, בעדעקט זיינע דונקעלע, פערוויינטע אויגען, חאַפּט אַרום און אַרום, ווי מיט אַ לאַנגער, ווייכער וויקעל־שנור זיין ברוסט, זיינע הענד, זיין גאַנצען קערפּער ...

אַ לאַנגע תְּקִיעָה־גְדוֹלָה,
אַ לאַנגע, אָהן אַ סוף
און אַלע זייטען גיסט זיך
און שאַלט איהם דורכ'ן שלאָף...

און אַזוי ווי אין אַ טיעפען, דונקעל'ן שלאָף שטעהען אויף פאַר איהם בילדער, פורכטבאַרע און וואונדער־שענע בילדער ...

דער קול פון דעם שופר גיעסט זיך און גיעסט זיך מיט יעדען אויגענבליק אַלץ ווייטער און ווייטער: איבער בערג און ימים, איבער טייכען און וועלדער ... די אַלטע גרויסע בוימער הערען דעם קול און רוישען אַנטקעגען איהם מיט די פייכטע, גרינע בלעטער; די טייכען הויבען אויף זייערע חוואַליעס, זידען און ברומען ... די פויגעל זינגען זייערע זיסע, ליעבע ליעדער ... יעדעס פישעלע אין וואַסער, יעדע מילב אין דעם גרינעם גראָז, יעדעס גרעזעלע און יעדעס שטיינדעלע ציטערן, הערענדיג דעם קול פון דעם הייליגען שופר ... און אויך אַהין, אויף דעם הייליגען־אָרט, אויף דעם טויטען פעלד, וואָס איז בעדעקט מיט קְבָרִים און מַצֵבוֹת, קומט צופליעהען דער קול, און עס וואַכען אויף פון שלאָף, פון דעם איביגען, טיעפסטען טויטען שלאָף יענע, וועלכע זענען שוין אָבגעקומען די טרויעריגע וועלט מיט דעם נאַרישען לעבען, וועלכע הערען שוין ניט און זעהען שוין ניט פון אַלץ, וואָס עס טהוט זיך אויף דעם נאַרישען וועלטיל ...

דער אַלטיטשקער שטעהט איינגעבויגען איבער דעם מַחֲזוֹר,

אָבער ער זעהט שוין ניט, ער דערקענט שוין ניט די אַלטע הײליגע װ רטער . . . פאַר זײַנע דונקעלע, פערװײנטע אױגען ציעהען זיך בערג און טהאָלען, טײַכען און פעלדער . . . אַרום און אַרום פון אַלע זײַטען איז נאַכט, אַ נעדיכטע, שװאַרצע פינסטערניש בעדעקט די גאַנצע װעלט . . . נאָר ערטער=װײַז, דאָ און דאָרט זעהט ער, צינדען זיך אָן איינס נאָך דעם אַנדערן, קלײנינקע גאָלדענע פײַערלעך . . . העלע רױטליכע פונקען בלישטשען אין דער פינסטער . . . און דאָרט װאו עס צינדען זיך אָן די קלײנינקע, גאָלדענע פײַערלעך, שטעהען אויף פון דער ערד װײַסע, בלײַכע שאָטענס . . . זײ הױבען זיך אויף פון זײערע טיעפע, פינסטערע, קאַלטע קְבָרִים, הערען זיך=צו צו דעם קול פון שופר און הױבען אָן אַרומצושװעבען אין דער פינסטער . . . זײערע אויגען עפענען זיך אויף, אויף די בלײַכע באַקען הױבט אָן צו שפּיעלען אַ לעבעדיגע, רױטליכע פאַרב, די טויטע, בלויע ליפּען ציטערן און בעװעגען זיך מיט אַ פרעה= ליכען, גליקהאַפטען שמײַכעל . . .

אָט שװעבט אַ גרויער, אַלטער מאַן . . . פון דעם באַרג נְבוֹ, פון דעם שפּיץ פִּסְגָה הױבט זיך אויף דער גרויער, אַלטער מאַן מיט די צװײ שטײנערנע לוחות אין איין האַנד און מיט דעם מַטֶה אין דער אַנדערער.

אַנטקעגען דעם אַלטען מאַן מיט די לוחות אין דער האַנד שװעבט אַראָב פון די בערג פון אֶפְרַיִם דער צװײטער פאָר= שטעהער און פיהרער פון דעם פאָלק יִשְׂרָאֵל, דער צװײטער פון משה=רַבֵּינוּ—יְהוֹשֻׁעַ=בִּן=נוּן . . .

און הערענדיג דעם קול פון שופר שטעהען אויף פון זײערע קְבָרִים אַלע גִבּוֹרֵי=חַיִל, אַלע, װעלכע האָבען געהערשט איבער דעם פאָלק און געפיהרט זײַנע חַיָלוֹת אַנטקעגען זײַנע פײַנד . . . אָט שװעבט די אִשָּׁה=נְבִיאָה, דְבוֹרָה, װעלכע איז אויפגעשטאַנען װי אַ לײב, שטאַרק און פרעכטיג, האָט געשטאַרקט די איבער= געשראָקענע הערצער, געקרעפטיגט די אײַנגעמאַטערטע הענד, בעװאָפענט זײ מיט כְּלֵי=זַיִן און אײַנגענומען אײנעם פון די גרעסטע שונאֵי יִשְׂרָאֵל—דעם קעניג פון כְּנַעַן . . . אָט שװעבט דער גרויסער העלד, שִׁמְשׁוֹן=הַגִבּוֹר . . . אָט פליהט יִפְתָּח=הַגִלְעָדִי . . . אָט הױבט זיך אויף דער גרויער מַתִּתְיָהוּ=כֹּהֵן=גָדוֹל מיט זײַנע זיהן, די העלדען . . . און נאָך הונדערטער און טויזענדער

גבורים שטעהען אויף פון זייערע קברים און פליהען, שוועבען, לויפען . . .

דער קול פון שופר האט פון טיפען,
פון טויטען שלאף זיי אויפגעוועקט,
מיט נייע אדערן און נערוועז
די ביינער זייערע בעדעקט,

בעפרישט מיט פארב די בלייכע באקען,
די טויטע אויגען אויפגעמאכט,
די קאלטע הערצער אנגעגאסען
מיט נייע קראפט און נייע מאכט ...

„— שטעהט אויף! שטעהט אויף, איהר כהנים, נביאים!״—
הערט זיך א בת-קול אין דער לופט!
„—שטעהט אויף! די צייט איז שוין געקומען...
דער קול פון שופר קלינגט און רופט״!

די בלייכע, הייליגע שאטענס שוועבען פון אלע זייטען, פליהען זיך צונויף צום בארג נבו, צו דעם ארט, וואו עס איז געקומען אין זיין רוה דער גרעסטער פון אלע נביאים, דער שטארקסטער פון אלע העלדען און דער העכסטער פון אלע חכמים—משה-רבינו . . . די שאטענס שטעהען גרייט און פארטיג צו געהן, צו לויפען אהין, וואוהין עס וועט זיי בעפעהלען דער גרעסטער און דער הייליגסטער פון זיי . . . זיי ווארטען צו דערהערען זיין שטימע פון דעם בארג . . . נאר אין ניכען אבער ווערען זיי פערציטערט דערהערענדיג פון אויבען, פון דעם ראש-הפסגה, א טיעפען, טיעפען זיפץ און א קול פון א ביטערן גרויסען קלאג:

„— וועה, וועה צו דיר, אונזער מוטער רחל! וועה צו דיינע אומגליקליכע קינדער! . . . צו פריה זענען מיר אויפגעשטאנען . . . צו פריה! אך, דאס איז ניט יענער שופר, אין וועלכען עס בלאזט דער העלד צונויפרופענדיג זיין חיל אויף דער מלחמה . . . ניין! דאס בלאזט אונזער פעריאמערטער קראנקער, דערשראקענער ישראליק אבצוטרייבען פון זיך די מזיקים, וועלכע חלום'ען זיך איהם אין זיין שלאף, אין זיין דונקעלען, פינסטערען לעבען . . . מזיקים! שדים! חלומות! פון וואנען האט זיך דאס גענומען צו דיר, מיין פאלק, מיין אומגליקליך, פערדארבענעס פאלק?! איך, משה, דיין בע-

פרײַער און דײַן לעהרער, מיט אַלע כּוחות, מיט אַלע מײַנע קרעפטען האָב איך דיך געלערנט צו קוקען אויף זיך און אַרום זיך, אויף די וועלט און אויף דאָס לעבען מיט ליכטיגע, ניכטערע, קלוגע אויגען, ניט צו גלויבען אין קײַן חלומות, אין קײַן מזיקים און שדים... הונדערט מאָל האָב איך דיר געזאָגט: מײַן פאָלק! האָב מורא נאָר פאַר גאָט, פאַר דעם איין און אײנציגען, גרויסען, ליעבען גאָט, וועלכער האָט בעשאַפען הימעל און ערד, בערג און אָבגרונדען נאָר פון דײַנעטוועגען — דו זאָלסט אָבהיטען און מקיים זײַן זײַנע הײליגע געזעצען, זאָלסט געהן אין זײַנע גלײַכע וועגען, טהון גוט׳ס און רעכטשאַפענעס און ניט האָבען קײַן פּחד פאַר קײנעם, ניט פאַר קײַן לעבעדיגען, ניט פאַר קײַן טויטען... און בפרט אַז עס וועט קומען אויף דיר אַ צרה, אַנ׳אומגליק, זאָלסט דו שטעהן פעסט, שטאָלץ און רוהיג אויף דײַן אָרט, זאָלסט אויף איין אויגענבליק ניט פערגעסען, — ווער איז דײַן עכטער שונא, דער נײַ־צײַטיגער עמלק, דער אַנטיסעמיט, וואו ליעגט די אורזאַכע פון דעם אונגליק, וואָס איז אויף דיר געקומען, כּדי דו זאָלסט יעדע רגע זײַן אימשטאַנד צו שטרײַטען מיט איהם, צו בעשיצען דײַן קערפּער און דײַן הארץ, דײַן גוף און דײַן נשמה, דײַן תּורה און דײַן אַלטען, גרויסען כּבוד, דעם נאָמען, וועלכען דו האָסט בעקומען אויף דער וועלט, צווישען אַלע פעלקער?!... וואו איז דײַן ליכטיגער זינען? וואו זענען דײַנע פרישע, לעבעדיגע געפיהלען? וואו איז דײַן קראַפט און דײַן מוטה, דײַן האָפנונג און דײַן גלויבען?... זעה, וואָס איז פון דיר געוואָרען, וואָס פאַר אַ פּנים האָסט דו בעקומען, זינט דו האָסט פערגעסען מײַן בעפעהל, האָסט פערלאָזען מײַן צוואה, האָסט אָנגעהויבען צו בלאָנדזשען אין דער פינסטער, ווי די פלעדער־מויז, שרעקען זיך פאַר יעדען שאָרך, פאַר יעדען שושק, וואָס דערהערט זיך דיר אין דער פינסטער... שדים חלום׳ען זיך דיר, מזיקים, חלומות, וואָס זענען ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, דו בלאָנדזשעסט אין פערבלענדעניס, ליעגסט אין הינער־פלעט, ציטערסט פאַר דעם, וואָס איז ניטאָ, וואָס איז קײנמאָל ניט געוועזען און וועט ניט זײַן, און זעהסט ניט די עכטע אורזאַכע פון אַלע דײַנע צרות, פון אַלע דײַנע שמערצען און אונגליקען... מײַן פאָלק! מײַן אונגליקליכעס פאָלק..."

הײסע, בּיטערע טרעהרען גיעסען זיך בּײַ ישׂראליקען פֿון די אויגען... אין שרעק און אין ציטערניש קוקט ער זיך אײַן אין די דונקעלע, הײליגע בּילדער, הערט זיך אײַן אַ׳ דעם קול װאָס גײט פֿון דעם בּאַרג נבֿו:

„צוריק, איהר אַלטע, טויטע העלדען!
„צוריק, אין אײַער רוה־אָרײַן!
נאָך לאַנג אין קבֿר דאַרפֿט איהר ליגען,
פֿיל יאָהרען װעט נאָך פֿינסטער זײַן...

„פֿיל צײַט װעט נאָך פֿערגעהן, בּיז װאַנען
עס װעט בּעשערט זײַן אונז צום סוף
דערהערען יענעם שופֿר, װעלכער
װעט אונז שוין אויפֿװעקען פֿון שלאָף

„צו ליכט און קראַפֿט, צו מוטה און לעבען
צו נײַע פֿרײד און נײַעם גליק...
נאָר איצט...דערװײַל — צוריק אין קבֿר!
צוריק! צוריק!..."

און אַ גרויסער, שרעקליכער קלאַנג פֿון הונדערטער קולות טהוט גײן אין דער פֿינסטער איבּער די בּערג און טהאַלען, טײַכען און װעלדער... די קלײנינקע גאָלדענע פֿײַערלעך הויבּען אָן צו ציטערן, צו דרעהען זיך אין דער לופֿט... מיט יעדער מינוט װערען זײ אַלץ בּלײַכער און דונקעלער, קלענער און קלענער... די װײַסע שאָטענס צוגעהען זיך װי װאָלקענס, װי רויך אין אַלע זײַטען... די הויכע בּערג פֿאַלען־אײַן, די װעלדער און די טײַכען װערען פֿערשװאונדען... ישׂראליק שטעהט אײַנגעבּויגען איבּער דעם אַלטן, צוריסענעם און פֿער־שמוצטען מחזור... „איך האָבּ ניט קײן פֿאָטער..." — רײַסען זיך אַרויס בּײַ איהם פֿון האַרצען מיט װעהטאָג די װערטער פֿון זײַן אײבּיג טרויעריגען ליעדעל:

איך האָבּ ניט קײן מוטער,
קײן ליע־ענדע מוטער,
פֿאַר װעמען ענטדעקען,
מײַן בּיטערעס הערץ,

װאָס זאָל מיט די טרײַע
און פֿרײַנדליכע װערטער

מיך רעטע止 פון שלאפקייט
מיך טרייסטען/ אין טרויער
און היילען מיין שמערץ . . .

נאר דו, מיין בעשעפער
דו גרויסער, דו שטארקער,
אלמעכטיגער גאט!

נאר דו ביסט מיר איינ.ר
געבליבען אין לעבען,
בעהיט און בעשיץ מיך
פון שאנד און פון שפאט,

פון אייביג ביז אייביג
מיין שילד און מיין זעגעל,
דו שטארקער, דו גרויסער,
אלמעכטיגער גאט! . . ."

* *
*

הייס און ערנסט איז ישראליק'ס תפלה . . . פון דעם טיעפען הארצען רייסען זיך ארויס די ווערטער; אין אלע אברים זיינע גליהט א גרויס, היליג פייער פון ליעבע צו גאט און פון האפנונג אויף זיין הייליגען נאמען . . .

אך, ישראליק, ישראלי'ק! מען האט אבגעדאווענט נעילה און מעריב . . . מען האט זיך מיט גאט'ס הילף אבגעפאסט און אבגערוהט; הושענא-רבה, שמיני-עצרת, שמחת-תורה זענען זיך אוועקגעגאנגען איינער נאך דעם אנדערען, און איצט . . . איצט . . .

נאר—גענוג! איך וועל ניט ריידען פון דעם ווי אזוי דו זעהסט אויס איצט און ווי דו ווערסט אויסזעהן די גאנצע צייט ביז איבער א יאהר ערב יום-כפור . . . ליעב ביסט דו מיר געווען אט אזוי ווי איך האב דיך געזעהן איבערגעדעקט מיט דעם טלית און איינגעבויגען איבער דעם מחזור . . . וויין-זשע, ישראלי'ק, וויין! שריי צו דעם בורא! זשאלעווע ניט קיין כוחות, שריי, וויין, בעט איהם רחמים . . . אפשר . . . אפשר וועט ער זיך שוין טאקע דערבארעמען אויף דיר, אויף דיין קראנקען, אלטען, עלענדען קאפ . . .

---

# „דָאס בִּיסֶעלֶע בּוימֹאֵייל".

## (בִּילדֶער אוּן גֶעדַאנקֶען).

### I.

פִיעל טֶעג, פִיעל װָאכֶען אוּן חֳדָשִׁים זֶענֶען פֶערטַאנגֶען, זִינט עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶנדִיגט דִי גרױסֶע שרֶעקלִיכֶע מִלְחָמָה, אוּן אױף דֶעם הױכֶען טהוּרְעם פוּן מְצֻדַת־דָוִד הָאט זִיךְ אױפגֶעהױבֶען אוּן גֶעבּלִיבֶּען שטֶעהן הױךְ אוּן שטָאלץ אִין דֶער לוּפט, דִי פָאהן פוּן אַנְטִיוֹכוּס מֶלֶךְ יָוָן...

קֵיין אֵיינצִיגֶער מִזְבֵּחַ הַאט זִיךְ נִיט גֶערױכֶערט, קֵיין אֵיינצִיגֶער קָרְבָּן אִיז נִיט גֶעבּרַאכט גֶעװָארֶען אִין דֶער גַאנצֶער צַיִיט; פֶערשטֶערט זֶענֶען גֶעװָארֶען דִי שַׁבָּתִים אוּן דִי יָמִים־טוֹבִים; דִי כֹּהֲנִים הָאבֶען אױסגֶעטהוּן זַייעֶרֶע הַיילִיגֶע קלַיידֶער, דִי לְוִיִּם הָאבֶען פֶערלָאזֶען זַייעֶרֶע כְּלֵי־זֶמֶר, זַייעֶר הַיילִיגֶען דִיעֶנסט אִין גָאט'ס הױז; אָנגֶעטהוּן אִין זֶעק אוּן בֶּעשָׁאטֶען דִי קֶעפּ מִיט אַשׁ, זֶענֶען גֶעלֶעגֶען יוּנג אוּן אַלט אױף דִי קְבָרִים פוּן דִי נְבִיאִים, נֶעבֶּען דִי צוּבּרָאכֶענֶע מִזְבְּחוֹת, גֶעבּרָאכֶען דִי הֶענד, גֶעװֵיינט אוּן גֶעשׁרִיעֶן צוּ דֶעם בּוֹרֵא־עוֹלָם... נָאר אוּמזִיסט אִיז גֶעװֶען זַייעֶר גֶעבֶּעט, אוּמזִיסט הָאבֶען זִיךְ גֶעגָאסֶען זַייעֶרֶע טרֶעהרֶען!...

װִי אַ סטַאיֶע הַיישׁרִיקֶען, װָאס בֶּעדֶעקט אַ פֶעלד, זֶענֶען עֶגַאנגֶען דִי חֲיָלוֹת פוּן אַנְטִיוֹכוּס אִיבֶּער דָאס לַאנד, פוּן שטָאדט יוּ שטָאדט. אױף יֶעדֶען מַארק, אױף יֶעדֶער גַאס הָאבֶען זַיי גֶעבױט מִזְבְּחוֹת אוּן מִיט שׁװֶערד אִין דֶער הַאנד, מִיט אַייזֶען אוּן מִיט פַייעֶר גֶעטרִיבֶּען דָאס פָאלק מַקְרִיב צוּ זַיין קָרְבָּנוֹת צוּ זַייעֶרֶע שטַיינֶערנֶע אוּן הִילצֶערנֶע אָבּגֶעטֶער...

אוּן דָאס פָאלק, דָאס דֶערשׁרָאקֶענֶע אוּן פֶערמוּטשֶׁעטֶע פָאלק, אִיז גֶעגַאנגֶען, גֶעלָאפֶען צוּ דִי מִזְבְּחוֹת, גֶעקְנִיעֶט אוּן גֶעבּוּקט זִיךְ צוּ דִי אָבּגֶעטֶער... אױף יֶעדֶער גַאס, נֶעבֶּען יֶעדֶען הױז, הָאט גֶעפלַאקֶערט אַ מִזְבֵּחַ... דִי סִפְרֵי־תּוֹרוֹת הָאט מֶען גֶערִיסֶען אױף שטִיקֶער אוּן גֶעװָארפֶען אױף דִי מִזְבְּחוֹת, אױף װֶעלכֶע עֶס הָאבֶען זִיךְ גֶעסמַאלִיעֶט אוּן גֶעבּרָאטֶען חֲזֵירִים אוּן אַנדֶערֶע טָמֵא'דִיגֶע חַיּוֹת...

יֶעדֶען חֹדֶשׁ פלֶעגֶען אָנקוּמֶען דִי חֲיָלוֹת פוּן אַנְטִיוֹכוּס, אוּן דֶעם, װֶער עֶס הָאט נִיט גֶעװָאלט טהוּן זַייעֶר בֶּעפֶעהל, הָאבֶען זַיי גֶעטױט... דִי מוּטֶערס, װֶעלכֶע פלֶעגֶען זִיךְ עֶרװֶעגֶען מַל צוּ זַיין זַייעֶרֶע קִינדֶער, הָאט אַנְטִיוֹכוּס בֶּעפֶעהלט

טוֹיט צוּ שלאָגען: פאַר זייערע אויגען פלעגט מען אויפהענגען זייערע אוּנשוּלדיגע קינדערלעך, שטעכען און שניידען זיי אויף שטיקלעך...

פיעל יודישע פרויען זענען געפאַלען פון דעם שווערד פון אַנטיוֹכוּס; פיעל נפשות, אַלטע און יוּנגע, האָבען ליעבער דעם טוֹיט געגאָסען, איידער צוּ פאָלגען דעם רשע און צוּ בלייבען געטריי דעם איינציגען, גרויסען גאָט און זיין הייליגער תורה...

II.

בעגאָסען מיט דעם שיין פון דער ליכטיגער און וואַרעמער זון און אַרוּמגערינגעלט מיט פאַלמען און איילבערט-בוימער, שטעהט אויף דעם באַרג מוֹדעית דאָס קליינע, שטילע שטעדטילע, וואו עס וואָהנט זומער-צייט דער כהן-גדול מתּתיהו מיט זיינע פינף זיהן: יוֹחנן, שמעון, יהוּדה, אֶליעזר און יהוֹנתן.

שטיל און רוּהיג איז געוועזען אין דעם קליינעם שטעדטילע פיעל יאָהרען נאָכאַנאַנד, ביז עס איז געקוּמען דאָס גרויסע אוּנגליק אויף דאָס גאַנצע לאַנד און האָט פערכאַפּט אויך דאָס רוּהיגע, שטילע שטעדטילע. ווען דער שטוּרם רייסט אַרוֹיס מיט די וואָרצלען די גרויסע, שטאַרקע, הוּנדערט-יעהריגע צעדערן — קען דען בלייבען שטעהן דאָס קליינינקע שוואַכינקע קירשען-בוימעלע?

אַ גאַנצע מחנה יוָנים (גריעכען) מיט זייער קאָמאַנדיר האָבען פערנוּמען אַלע גאַסען, אין מיטען שטעדטיל, אויפ'ן מאַרק, שטעהט שוין אַ מזבח אָנגעגרייט צוּ ברייגגען אַ קרבן די גריעכישע אָבגעטער.

„געהט! געהט! — שרייט דער שר פון די יוָנים: קניעט, בוּקט זיך צוּ אוּנזערע געטער, צוּ די געטער, פאַר וועלכע עס קניעט אויך מיין גרויסער, שטאַרקער קעניג אַנטיוֹכוּס! וואַרפט אַוועק אייער גאָט, וועלכער האָט אייך פערלאָזען און איבער-געגעבען אין אוּנזערע הענד, וואַרפט אַוועק אייער תורה, דוּרך וועלכע איהר האָט איבערגעטראָגען אַזוי פיעל צרות, שלעג און שמערצען... אייער בית-המקדש איז פוּסט, אייערע פאַלאַצען פערוויסט, אייערע אוֹצרות בערויבט, טויזענדער און צעהנטויזענדער נפשות זענען געפאַלען פון אוּנזער שווערד:

דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרען ווי איין גרויסער בֵּית־עָלְמִין בעדעקט מיט קְבָרִים, און וואָס אַ טאָג פאַלען אַלץ נייע און נייע נְפָשׁוֹת, פערגעהען פון הונגער, פון נויט, פון וואונדען און שמערצען . . . און אין דעם נאָמען פון מיין קעניג, דעם גרויסען, שטאַרקען אַנְטִיוֹכוּס, וועלכעם עס זענען אונטערטהעניג צעהנדליגע פעלקער און פאַר וועלכען עס ציטערט די גאַנצע וועלט. אין זיין נאָמען זאָג איך אייך" . . .

אין דער מינוט האָט זיך דאָס פאָלק צוטהיילט אויף ביידע זייטען, דורכלאָזענדיג צום שַׂר אַנ'אַלטען גרויען מאַן . . .

„—דער כֹּהֵן . . . דער כֹּהֵן־גָּדוֹל געהט . . ." האָט זיך דער־הערט פון אַלע זייטען . . .

אָנגעטהון אין בִּגְדֵי שָׂרֵת, אין די היילינגע קליידער, מיט דעם חֹשֶׁן־וְאֵפוֹד אויף דער ברוסט, מיט דעם מִצְנֶפֶת און דעם צִיץ אויפ'ן קאָפּ, איז צוגעגאַנגען צו דעם שַׂר דער אַלטער גרויער מַתִּתְיָהוּ.

זיין לאַנגעס, שניי־ווייסעס האָר און זיין גרויע באָרד האָבען געגלאַנצט אין דעם שיין פון דער זון; זיינע באַקען זענען געוועזען בלאַס און דער גאַנצער קערפער האָט אויסגעזעהען מיעד און אָבגעשלאַפט, נאָר אין די אויגען האָט געגליהט אַ הייסער פייער פון פערבאָרגענעם צאָרען און איבער זיינע בלייכע ליפען איז ציטערנדיג איבערגעלאָפען אַ ציטערניש ווי ביי אַ מענשען, וועלכען עס כאַפּט דורך די קעלט אין אַ גרויסען פראָסט . . .

„—מַתִּתְיָהוּ!"—האָט זיך געווענדעט דער שַׂר צו דעם אַלטען כֹּהֵן — „דיין קאָפּ איז בעדעקט מיט גרויע האָר און מיט דעם היילינגען מִצְנֶפֶת, און אויף דער ברוסט ליעגט די היילינגע, נייסטליכע ציערונג; הער־זשע אויס מיינע רייד; צו דיר, צו דיין פערשטאַנד ווענד איך מיך איצט מיט מיינע ווערטער:

„האָב רַחֲמָנוּת אויף זיך, אויף דיין הויזגעזינד און אויף דיין פאָלק, וועלכעס וועט דיר פאָלגען און טהון אַלץ, וואָס דו וועסט בעפעהלען. דער גרויסער שטאַרקער קעניג אַנְטִיוֹכוּס מֶלֶךְ יָוָן רעדט צו דיר מיט מיינע לעפצען: געה־צו צו דעם מִזְבֵּחַ און ברייננ דעם קָרְבָּן, וועלכער . . .

„— ניין! — האָט אַ געשריי געטהון דער אַלטער מַתִּתְיָהוּ — ניין! איך וועל ניט צוטרעטען צו דיין מִזְבֵּחַ, איך וועל ניט

קניִען פאַר דײַנע שטײַנערנע, שטומע און טויטע אָבגעטער! אײן גאָט איז דאָ אויף דער װעלט, אײן אײנציגער, דער גרויסער שטאַרקער גאָט, װעלכער האָט בעפרײַט מײַן פאָלק פון קנעכט־שאַפט, בעהיט און בעשיצט פון טויזענדער אומגליקען! צו איהם, צו דעם אײן־אײנציגען, גרויסען, שטאַרקען, ליעבען גאָט הויב איך אויף מײַנע הענד... הימעל און ערד, בערג און טהאָלען! זײַט מײַנע עדות, הערט מײַן גרויסע, מײַן אײביגע שבועה: מיט מײַן גאַנצען האַרצען, מיט מײַן פערשטאַנד, מיט אַלע געפיהלען און געדאַנקען, מיט יעדען גליעד, יעדער אָדער, ביז דעם לעצטען טראָפען בלוט, ביז דעם לעצטען אויגענבליק װעל איך דיענען דעם אײנציגען גאָט, דעם גאָט פון מײַנע עלטערען, צו איהם װעל איך שטרעקען מײַנע הענד, צו איהם װעט זיך ציהען מײַן האַרץ, צו איהם, צו זײַן גרויסער אײביגער מאַכט און הערליכקײַט װעט פליהען מײַן געבעט, פאַר איהם װעלען זיך גיעסען מײַנע טרעהרען!... און דו, מײַן פײַנד און דער פײַנד פון מײַן פאָלק, װאָס דו ביסט געקומען מיט אײַזען און פײַער אין אונזער לאַנד, האָסט צושטערט אונזער הײליגטהום, בערויבט אונזערע הײַזער, אַלט און יונג, פרוי און קינד געשעכט מיט דײַן שװערד! איך שטעה פאַר דײַנע אויגען שטאָלץ און קרעפטיג! איך װעל ניט צוטרעטען צו דײַן אונרײנעם מזבח! איך װעל מיך ניט צוריהרען צו דײַן קרבן. איך װעל מיך ניט בוקען צו דײַנע געטער... איך פערהאַס דיך, דײַן קראַפט און דײַן צאָרען... איך...“

„— שװײַג! — האָט אויסגעשריען דער שר, װאַרפענדיג זיך צו זײַן שװערד — „שװײַג! פאַר דײַנע רײד װעט דיר בע־צאָהלט װערען אין ניכען... נאָר, שטעה, װאַרט אויס... אָט באַלד װעסטו זעהען װער פון אונז איז שטאַרקער... מײַנע בורים! ציהט אַרויס אײַערע שװערדען, רינגעלט אַרום דאָס פאָלק פון אַלע זײַטען... ט, און איהר — האָט ער זיך גע־װענדעט צום פאָלק — איהר, פערשאָלטענע קנעכט! נעהענטער נעהענטער צים מזבח! קניעט, בוקט זיך! קושט די שטײנער, װעלכע ליעגען דאָ פאַר אײַך... נו!!...“

הערענדיג די בײזע, שרעקליכע װערטער, דערשראָקען און פערציטערט — איז צוגעגאַנגען אײנער פון די אײנװאָהנער צו דעם מזבח... זײַן קאָפּ האָט זיך אײַנגעבויגען, און ציטערנ־

דיִנג מיִט אַ, ע אֵבָרִים, איז ער געפאַלען אויף די קניִע...

„— האַללאָ! — האָט אויסגעשריִען דער שַר מיִט פריִיד.

„— האַללאָ!!!" האָבען געענטפערט הונדערט קולות פון דעם חַיִל...

נאָר אין דעם אויגענבליק האָט אויסגעבראָכען אַנאוּנטערוואַרטעטער, שרעקליכער צופאַל:

מיִט בלאַנקענדע אויגען, פערציטערט פון צאָרען, איז אָנגעשפרונגען דער אַלטער גרויער מַתִּתְיָהוּ... אין זײַן דאַרער, אַלטער האַנד האָט אַ בליִשטשענדע געטהון אַ גרויסער, שאַרפע־מעסער, און אין איין מינוט זענען געפאַלען צו זײַנע פיס דער קניִענדער וויעדערשפּענסטיִגער און דער שטאַרקער, שטאָלצער שַר...

„— ברידער מײַנע, קינדער!..." האָט אויפגעהויבען זײַן קול מיִט אַ גרויס געשריי דער אַלטער כֹּהֵן־גָדוֹל: „שטעהט אויף, שטעהט אויף, איהר דערשראָקענע, דערשלאָגענע, אונגליקליכע! צו מיר, צו מיר!"...

אֵימַת־מָוֶת איז געפאַלען אויף דעם חַיִל... אַוועקוואַרפענדיִג דאָס געווער, פערציטערט, זעהענדיג זייער שַר אַ דערשלאָגענעם און דעם אַלטען מאַן מיִט דעם מעסער אין דער האַנד, האָבען זיך אַ וואָרף געטהון אַרוים פון שטאָדטיל די שטאַרקע, שרעקליכע גִבּוֹרֵי־חַיִל... ווי די האָזען, דערהערענדיִג די שטיִמע פונ'ם יעגער, זענען זיי זיך צולאָפען אין אַלע זײַטען, פערקראָכען אין די היילען, אונטער די פעלזען, אין די וועלדער און אין די טהאָלען...

און דאָרט, אויף דעם באַרג מוֹדְעִית, האָט געשאַלט, הילכיג און שרעקליך, דער קול פונ'ם אַלטען גרויען מאַן:

„— שטעהט אויף, שטעהט אויף, מײַנע ברידער, מײַנע קינדער! ווער איז צו גאָט — צו מיר! פאָ־אוים! פאָראוים!..."

ווי אַ דונער, וואָס וועקט־אויף הונדערטע וויעדערקלאַנגען פון בערג און טהאָל, איז געגאַנגען דער אויפרוף פון דעם אַלטען, גרויען מאַן איבער די שטעדט און דערפער, פון הויז צו הויז... איינער נאָך דעם אַנדערן זענען אויפגעשטאַנען, אַלט און יונג, גרויס און קליין; שטאַרקע און גרויסע מַחֲנוֹת־חַיִל האָבען זיך צונויפגעקליִבען צום מַתִּתְיָהוּ

און זיינע פינף זיהן די גבורים . . . אויף טויזענד פונקטען האט זיך פון דאס ניי פערקאָכט די מלחמה . . .

ניט איין טאג, ניט צוויי האט געדויערט, נאר דער נצחון איז געגאנגען טריט אויף שריט נאך דעם אלטען כהן און זיינע פינף זיהן . . . פיעל טעג זענען נאך פערגאנגען, פיעל בלוט איז נאך פערגאָסען געוואָרען ביז עס איז געקומען דער גרויסער, הייליגער גליקליכער טאג — כ״ה כסלו ! ! . . .

די גאנצע וועלט האט געקלונגען מיט דעם נאָמען פון דעם גרויסען העלד, יהודה המכבי. וועקס שטארקע העלדען מיט זייערע חללות זענען געפאלען פון זיין האנד; פיעל אנדערע גבורים מיט זייערע חללות זענען צושטערט געוואָרען פון די איבריגע פיער זיהן פון מתתיהו — און גאנצע הונדערט יאהר האט דאס לאנד ישראל אָבגעלעבט שטיל און רוהיג, בעפרייט און בעשיצט פון שרעק און שמערצען . . .

---

## III.

אָט וואָס פאר א בילדער און סצענעס טראָגט אין זיך דער זכרון פון א פאָלק. ווי עס דארף ז. ך, בדרך הטבע, פיהלען א פאָלק, דערמאָהנענדיג זיך אויף אזעלכע צייטען — דאָס איז שוין א בעזונדערע שאלה. א פאָלק איז דאָך ניט איין מענש, ובפרט דאָס פאָלק ישראל, יודעלעך, זאָלען לעבען, וואָס זיי זענען דאָ אויף גאָט'ס וועלט אזוי פיעל ווי די שטערען אויפ'ן הימעל און דער זאמד אויפ'ן ברעג ים, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַדען ! . . . מיינונגען אין דעם ענין קענען זיין א סך, איבערעכענען זיי איז אונמעגליך; וויכטיג איז אָבער דאָ ניט יעדע בעזונדערע דעה, נור דער סך־הכל . . .

א טאג נאָך א טאג — געהען יאהרען אוועק,
עס דרעהט זיך און דרעהט זיך דאָס רעדעל . . .
אך, זאָגט־זשע מיר, וואָס איז געבליבען ביי אונז ?
— געבליבען ? — דאָס חנכה־דרעדעל !״

דאָס דרעדעלע דרעהט זיך, דאָס דרעדעלע זשומט,
ישראליקעל קוויקט זיך . . . אחיות !
ער דרעהט עס און דרעהט עס אכט טעג נאכאנאנד
און קוויקט זיך — עס ווערט גאר ניט מיאוס.

פִיער אוֹתִיוֹת אויסגעקריצט זוֶה אִיךְ אויף דעם —
זַיי שַׁיינען פוּן אַלֶע פִיער זַייטען . . .
„—דוּ זעהסט ? שרייט יִשְׂרָאֵלִיק מִיט נַחַת — דוּ זעהסט ? !
אוּן ווייסט, אַקאַרשט, וואָס זַיי בּעדַייטען ? . . .״

---

— נוּ, אַדְרַבָּא, יִשְׂרָאֵלִיק, זאָג !

אוּן יִשְׂרָאֵלִיק זאָגט :

„— וַיְהִי אוּן ס'אִיז געװעזען, אַז מען האָט גוֹבר געװעזען דעם דאָס . . . דעם — עֶ־עֶ־עֶ . . . דעם מֶלֶךְ פוּן יָוָן, אִיז מען געקוּמען אִין בֵּית־הַמִקְדָשׁ אַרַיין, אִיז מע' געקוּמען, אוּן מען האָט — עֶ־עֶ־עֶ . . . האָט מען — עֶ־עֶ־עֶ ווידער אויפגעבּויט דעם דאָס . . . דעם מִזְבֵּחַ, מיין אִיךְ, אוּן די מְנוֹרָה מִיט די . . . מִיט . . ., נוּ מִיט אַלץ וואָס מען דאַרף אוּן דערנאָךְ . . . דערנאָךְ אִיז . . .״

— נוּ, יִשְׂרָאֵלִיק, אוּן דערנאָךְ אִיז וואָס געװעזען ?

„— אוּן דערנאָךְ ! — טהוּט זִיךְ אַ חַאפּ יִשְׂרָאֵלִיק מִיט אַ פלאַם־פַייער אִין די אויגען — דערנאָךְ האָט מען אָנגעהויבּען צוּ זוּכען בּוֹימאייל, אָנצוּצינדען די מְנוֹרָה, האָט מען נִיט געפוּנען, האָט מען ווייטער געזוּכט, אִיז אַז מען האָט ווידער געזוּכט, האָט מען דערזעהן אִין אַ ווינקעלע אַ קליין קריגעלע מִיט בּוֹימאייל, אַ בּרעקעל קריגעלע מִיט עטליכע טראָפּענס, אִיז האָט מען אַרַיינגעגאָסען אִין די מְנוֹרוֹת אַרַיין אוּן מע' האָט אָנגעצוּנדען . . . אִיז געוואָרען אַ נֵס—דאָס קאַפִּיטשקע בּוֹימאייל האָט געבּרענט גאַנצע אַכט טעג ! ! ! . . .״

— וואָס ? סַךְ־הַכֹּל אַ כ ט ט ע ג ? ניין, יִשְׂרָאֵלִיק, ניין ! דוּ האָסט אַ גרויסען טָעוּת : דער נֵס אִיז געװעזען פִיעל גרעסער— דאָס בִּיסעלע בּוֹימאייל האָט געבּרענט מעהר ווי אַכט טעג . . . . פִיעל מעהר : עס האָט געבּרענט גאַנצע צ ו ו י י ט וֹ י ז ע נ ד י אָ ה ר !

יאָ, צוויי טויזענד יאָהר האָט אוּנז געשׁיינט דאָס לִיכט פוּן דעם בִּיסעלע בּוֹימאייל, וואָס מען האָט קוים־קוים אָבּ־געזוּכט אִין אַ ווינקעלע, אִין דעם בּערויבּטען, פערווּיסטען טעמפּעל, אוּן גלִיקלִיךְ זענען מִיר וואָס אוּנזערע

פײַנד, װעלכע האָבען בײַ אונז צוגענומען אַלע אונזערע אוצרות, האָבען אונז איבערגעלאָזט די עטליכע טראָפּענס בוימאײל!... אַלע פּאַנצירען, פײַלען, שפּיזען און שװערדען און אַלע שענסטע און טײַערסטע צירונג פון אונזערע פּאַלאַצען, טהורמען און טעמפּלען, זענען ניט װערטה אי אײן טראָפּען פון דעם הײליגען, װאונדערליכען ביסעלע בוימאײל!... די מכבי'ער זענען געװען אונזער לעצטער נצחון אויף דעם שלאַכט-פעלד; אונזערע פּאָליטישע פרײַהײט האָט גענומען אַן'ענדע געהמען; גאַנץ בלײַבען האָט געדאַרפט נאָר דאָס ביסעלע בוימאײל — דאָס שטיקעלע אמונה, װאָס איז אַרײַנגעלעגט געװאָרען אין אונזערע הערצער, כדי מיר זאָלען ניט פערשװאונדען װערען פון דער װעלט...

און אָט דאָס ביסעלע בוימאײל האָט שוין אָבגעברענט צװײ טויזענד יאָהר!

אַך, װי פיעל פינסטערע, שרעקליכע נעכט האָבען מיר איבערגעלעבט! דורך װאָס פאַר גרויסע טיעפע װעלדער זענען מיר דורכגעגאַנגען! װיפיעל בײזע, גיפטיגע שלאַנגען זענען געקראָכען אַרום אונז, װיפיעל חיות-רעות האָבען מיר בעגעגענט אויף אונזער װעג! װיפיעל...

אוי-אוי, װי דער זכרון אַרבײַט! טויזענדער בילדער פליהען פאַר אונזערע אויג[ע]ן — און אָט געה נאָר זאָג, ענטפער אויף דער שאלה: איז גוט אָדער שלעכט װאָס די נאַטור ה[א]ט אונז, יודען, געשענקט אַזאַ גוטען זכרון... ה[א]? װי מײנט איהר, רבותים? גוט?

יאָ, מײַנע ברידער און שװעסטער — מײַן אָרעמעס קראַנקעס, אונגליקליכעס פאָלק! לײען און חזר-איבער, טויזענד מאָל די אָבגעברענטע, אָבגעבליאַקעװעטע, טײַערע און הײליגע בלעטלעך, אויף װעלכע עס שטעהט פערשריבען די געשיכטע פון מתתיהו כהן-גדול! גליקליך איז דער קעניג װאָס שטאַרבט מיט דער קרוין אויפ'ן קאָפּ.

װי גרויס, װי שײן איז געװען אונזער װעג, װעלכען מיר האָבען אָנגעהויבען מיט משה-רבינו און געענדיגט מיט יהודה המכבי! אָט דאָס הײסט — לעבען אַ קעניג און שטאַרבען אַ קעניג! קניעט פאַר די הײליגע קברים, אין װעלכע עס

ליִענען אונזער גְבוּרָה און אונזער כָּבוֹד, אונזער רײַכטהום און הערשאַפט, בּוקט זיך צו די טײַערע מַצֵבוֹת, קושט דעם שטויב פון דער הײַליגער ערד, און אויפשטעהענדיג װידער אויף די פיס געהט װײַטער און װײַטער אין אונזער לאַנגען, שװערען װעג, פערגעסט נאָר ניט אויף דאָס ביסעלע בּוימאייל... זוכט, זוכט אין אַלע װינקעלעך פון אַיער האַרץ, ציינדט אָן יעדען טראָפען פון דעם עכטען און ריינען גלויבען, װעלכער האָט געברענט און געשײַנט אין אונזער פינסטערען לעבען! גלויבען און װיסענשאַפט, האָפנונג און ליעבע — אָט װאָס עס איז געװען אין דעם קלײנינקען קרינעלע, װעלכער איז אונז געבליעבען נאָך דעם חוּרבּן פון אונזער בֵּית־הַמִקְדָשׁ...

אָך, גיעם־זשע זיך, גיעם זיך,
דו הײַליגעם בּוימאייל,
אין אונזער בּעטריבּטעס
פערװאונדעטעס הערץ
שטיל אײַן אונזער װעהטאָג,
צושטער אונזער צװײַפעל,
פעריאָג אונזער טרויער,
פערהײַל אונזער שמערץ!

גיעב קראַפט אונז און האָפנונג —
מיר זאָלען דערלעבען
די זיסע, די ליעבּע,
די ליכטיגע טעג,
עס זאָל שוין אויך אונזער
פערװאָגעלטעס שיפעל
בּעפרײַט זײַן פון שטורם,
פון דונערען, בּליצען
און קומען צו׳ם שטילען
און גליקליכען בּרעג!...

# א בריעוועל

## לבקרעמער רב אבנר הארדעי.

ליעבער פריינד!

א דאנק אייך פאר אייער בריעוועל, אין וועלכען איהר טהוט מיר אן אזא גרויסען כבוד פאר מיינע אומעטינגע יודישע ליעדלעך. איהר ווייסט דאך אז אויף דער נארישער וועלט זענען דא צוויי זאכען, וואס האבען נאך א שטיקעל ממשות ביי יודען: געלד און כבוד. א ארימאן דארף געלד און א גביר דארף כבוד. — מיר ביידע, ווי עס זעהט אויס, זענען ניט פון די גרויסע גבירים —, געלד וואלטען מיר אוודאי ביידע בעדארפט, אלא וואס? אז ניט געלד, טא זאל וואטש זיין כבוד.

איהר בעשרייבט, ווי שווער נעביך עס געהט אייך, קליינע שטעדטילדיגע קרעמער. מיין ליעבער פריינד, אין קרעמערי האב איך אויך א שטיקעל ידיעה.

גיט מיר, ברודער, אייער האנד
און הערט אויס מיין זמר.
זיין א קרעמער איז קיין שאנד;
איך בין אויך א קרעמער.
אין מיין קרעמיל איז דא אלץ,
וואס מען דארף צום האנדלען:
האניג, צוקער, פעפער, זאלץ,
ראזינקעס און מאנדלען...
נאר פיעל מעהר פון אלערליי
סחורות רעקלאמיר איך צווי.
ווילט איהר וויסען — וואסערע?

"יודען! — זייף!
יודען! — זייף,
כשר'ע!...
עס זאל זיין
אייך א שיין
א נחמה'דיגע,
יודען, ליכט!
יודען, ליכט,
גר-נשמה'דיגע!"...

— — — — — — — — — — —

געל די באקען, גרוי דער קאפ...
במה יאהר שוין אז איך האב
א געשעפט אזוינעם,
און דער אומגליק איז ניט מעהר
וואס עם לייזט זיך זעהר שווער,
זעהר ווייניג קונים...

שריי און רוף זיי אהן אנ׳עק,
ווער צוזעצט, ווער אויסגעצויגען...
פינסטער איז ארום — א שרעק,
חאטש שטעך אויס די אויגען,

און דער עולם קריכט און קריכט
אין דער בלאטע מיט׳ן פנים,
און ניטא אויף זייף און ליכט
נאר ניט קיין בעלנים...

— — — — — — — — — — —

אט אזוי געהט עס, ליעבער פריינד, אין מיין קרעמיל...

* * *

נאר דאס אלץ איז דאך, פערשטעהט איהר מיך, ווי מע זאגט, נאר מליצה. איך בין דאך פארט נאר א מחבר. און צווישען א מחבר און א קרעמער איז טאקע א היבשער חילוק. ווי שווער נעביך עס זאל אייך ניט געהן א גאנץ יאהר, קומט אבער א ערב יום־טוב, ווען עס לייזט זיך דאך פארט א ביסעל אין קרעמיל. היינט ברית׳ן, תנאה׳ס, מארק־טעג ובפרט אז ער פאהרט נאך אויף א יריד׳ל אויך... ביי אונז אבער, ביי יודישע מחברים, איז דאס אלץ נאר ניטא: ערב יום־טוב קויפט מען קיין ל. עדליך ניט, אויף ברית׳ן און תנאה׳ס אוודאי ניט, און יריד׳ן... איך קאן אייך זאגען דאס, דאס עס דערצעהלט איינער מיינער א בעקאנטער, אויך, ניט פאר אייך נעדאכט, א יודישער מחבר:

„איך — זאגט ער — בין א מחבר שוין א היבש ביסעל יאהרען; שרייב און דרוק, דרוק און שרייב און שטארב דריי מאל א טאג פאר הונגער. אויף יריד׳ן פאהר איך ניט, נאר א ידיעה אין דעם האב איך. איך געדענק א יריד ביי יודען,

וואס האט זיך אנגעהויבען צוריק א יאהר אכצעהן: ס׳ איז גע־
וואָרען א זידערײַ, א קלאפּערײַ, א האנדעל. יודעליך, זאָלען
לעבען, האבען זיך א יאג געטהון אויפ׳ן יריד פון אלע זײַטע׳...
עס האט געברענט, געפלאקערט . . . טויזענדער יודישע נפשות
זענען בדלי דל געוואָרען, פערלאָרען, ווי מען זאגט, אי ממון,
אי דמים, געזונד און לעבען. עטליכע אבער האבען יא אָבּ־
געלעקט א ביינדיל, און טאקע א פעט ביינדיל, אזא פּוּטס,
אז נאך עד היום ליעגט בײַ זיי די שמאלץ אויף די ליפּען . . .
און איך, שלום־מזלדינגער יודישער מחבר, בין געבליבען די
גאנצע צײַט דער אייגענער עני ואביון, וואס נאט זאל אויס־
היטען איינך מיט אלע אייערע ליעבע. . . איך מיט מײַן סחורה,
פערשטעהט איהר מיך, טויג ניט פאר יודישע ירידין . . . נאר
ניט דאס בין איך אויסען. די נויט אליין איז זעהר א שווערע זאך

נית דער דלות, וואס אהן שאנד,
אבגעריסען, אבגעשליסען,
בלאנדזשעט אויסגעשטרעקט די האנד
נאך א גראשען, נאך דעם ביסען —,

ביטער, שרעקליך איז די נויט
וואס פון מיה און יאך דעם שווערען
עסט אנ׳איינען שטיקעל ברויט
נאר בעשפּריצט מיט הייסע טרעהרען,

טראגט אין ברוסט דעם שווערען שטיין
ביז דאס הארץ וועט זיך צוגעהען —;
וויסען זאל נור גאט אליין,
מענשען זאלען דאס ניט זעהען . . .

אט די נויט איז שרעקליך גרויס:
אהן אנ׳איינציגע נחמה,
מענשען אויף איהר קאלטען שוים
ברענען, צאנקען, געהען־אויס
ווי א גר־נשמה . . .

„כל־זמן מען איז נאך יונג, פיהלט מען ניט אזוי דעם
„שווערען שטיין״, די ביטערע נויט. אז עס געהט שוין אבער
קרוב לארבעים און צוואנציג יאהר, די בעסטע יאהרען פון לעבען
און ארבײַט שטעהען שוין פון הינטען, און דו פיהלסט אז ווען

ניט די ביטערע נויט, וואס זוינט אוים דיעם מארך פון די ביינער, וואלסטו געארבייט פיעל מעהר און פיעל בעסער (דאס איז דאך נאך פיעל וויכטיגער) — אט דא, ליעבער פריינד, הויבט-אן דער מחבר מקנא צו זיין דעם קלענסטען קליינשטעדטילדיגען קרעמער אפילו״ ...

* *
*

אט אזוי, ליעבער פריינד, רעדט זיך אוים דאס ביטער הארץ מיין בעקאנטער מחבר. איך הער-אוים זיינע טענות, שאקעל מיט'ן קאפ, 'זיפץ איהם צו, ווי געוועהנליך, העלפען קאן איך איהם טאקע נור מיט א זיפץ, נאר טרייסטען טרייסט איך איהם דאך:

— ליעבער ברודער! — זאג איך — איך געדענק נאך יונגעל-ווייז האב איך פון אלע בעסטע מתנות אויף דער וועלט געגלוסט נור צוויי זאכען: קאנען לשון-הקודש אזוי ווי ישעיה-הנביא און עסען אזוי פיעל קאנדעל-צוקער ווי אהרקע אלי-בערס דעם קרעמערס ... אי, ישעיה'ס לשון-הקודש! אי אלי-בערס קאנדעל-צוקער! ... ווי זים האבען מיר אויסגעוויזען אט די צוויי זאכען! ... אין א יאהר דרייסיג ארום האב איך זיך ארומגעקוקט און דערזעהן, אז די קינדערשע תאוה'ס האבען זיך ביי מיר ניט איינגאנצען פערענדערט: ישעיה-הנביא איז מיר אויך איצט ליעב ווי דאס לעבען און קאנדעל-צוקער ... ווילט זיך טאקע אויך. ר. ה. ניט ממש קאנדעל-צוקער, נאר א שטיקעלע זים רוהיג לעבען אהן עגמת-נפש, אהן הארצוועהטאג, זהן קלערעניש וועגען א שטיקעל ברויט אויף מארגען ... אוי, דאס קלערעניש! עס נעהמט דורך לייב און לעבען ווי א פראסט, פון וועלכען עס ווערען פערפרוירען די בעסטע געדאנקען, פערגליווערט די טיעפסטע געפיהלען, און אפילו די טרעהרען פערלירען זייער היץ און ריינקייט — ביטער בלייבען זיי יא און שטעכען די אויגען, אבער זיי ווערען קאלט און געהען ניט אריין אזוי טיעף אין הארצען און מאכען ניט דאס פרעמדע הארץ וויכער און ווארימער ... ליעבער ברודער! דו זעהסט, אז איך פערשטעה גאנץ גוט ווי שווער נעביך און ביטער דיר איז, נאר וואס זאל מען טהון? כי לכך נוצרת, ווארום אויף דעם ביזטו דאך — זאג איך — בעשאפען געווארען א מחבר, דערפאר

אָבער האָסטו כָּבוד: מע ליִיענט דײַנע ביכלעך און מע לויבט דיך, יונגע לײַט, װאָס האָבען ניט װאָס צו טהון און שרײַבען מַעֲשֶׂה'לעך מיט גראַמען, װע דען זיך צו דיר און פרעגען עֵצוֹת. אַז דו װעסט דערלעבען דײַן פינף־און־צװאַנציג־יאָהריגען יוּ־בילעאום, װעט מען דיר אונטערטראָגען אַ שענעם אַדרעס מיט אַ טינטער. דער טינטער װעט זײַן אַ לײדיגער אַפילו און טינט װעסטו מוזען קויפען פאַר אײגענע עטליכע גראָשען. דערפאַר אָבער כָּבוד, ברודער, כָּבוֹד!... הײַנט װער שמועסט איבער הונדערט מיט צװאַנציג יאָהר אויף דײַן לְוָיָה! — גאַנץ חֶבְרָא־קַדִּישָׁא, אַלע מַשְׂכִּילִים פון דער שטאָדט, תַּלְמוּד־תּוֹרָה'ניקעס, דער ראַבינער... אַ הֶסְפֵּד, אַ פאַראַד!... קָהָל'שע תַּכְרִיכִים, אַ אָרט צװישען די שענסטע בַּעֲלֵי בַּתִּים און אַ מַצֵּבָה מיט אַ גאַנצען „מִזְרַח" אויף איהר — אַ קאַרטינע!...

נײן, ברודער־לעב, ניט זיפץ, ניט װײן,
זײַ רוהיג און צופריעדען:
עס לעבט זיך שװער, — דערפאַר װי שען
און פײַן בעגראָבען יודען!...

— — — — — — — — — — —

אָט אַזוי, ליעבער רב אַבְגַד, טרײסט איך דעם אומ־גליקליכען יודישען מְחַבֵּר. װי איהר זעהט, איז פאַר אונז דאָס אײנציגע אויף דער נאַרישער װעלט — כָּבוד, און דער־פאַר דאַנק איך אײַך טאַקע פאַר אײַערע גוטע װערטער איבער מיר און מײַנע „ליעדלעך". גאָט זאָל אײַך געבען געזונד און פַּרְנָסָה.

2 אקטאבער 1899.

# צװײ בילדער.

„—זאָג מיר, זײדע, זאָג, פֿאַר װאָס
פּורים פֿרעהט מען זיך — אַ מוֹרָא,
יודען הוליען אָהן אַ מאָס,
ס'איז כּמעט װי שׂמחת־תּוֹרה.
איז דען חנוּכּה ניט װיכטיגער?
יענער נס ניט העכער, ליכטיגער
און ניט גרעסער אָהן אַ מאָס?
דאָך קײן סעוּדה דעמאָלט גרײט מען ניט,
קײן מגילה הערען געהט מען ניט...
זאָג מיר, זײדעניו, פֿאַר װאָס?"...

*  *
*

— פֿון אָװענד שלאָפֿט די גאַנצע גאַס.
די נאַכט איז קאַלט, די ערד איז נאַס
און פֿינסטער איז אין הימעל...
װער געהט אַהער?... װער קלאָפּט אין טהיר?—
צװײ בילדער שטעהען אױף פֿאַר מיר
אין שטילען, לײַכטען דרימעל:
אײן בילד... דאָס אַלטע גריכען־לאַנד
האָט איהם געשיקט ער זאָל צו שאַנד
דאָס פֿאָלק־ישׂראל שטױסען,
זײַן גלױבען װאַרפֿען טיעף אין מיסט,
זײַן בית־המקדש מאַכען װיסט,
צו שפּאָט זײַן גאָט דעם גרױסען...
ניט ציטער, קינד מײַנם, און ניט װײן:
אַכט ליכטלעך ברענען העל און רײן—
די חנוּכּה־מנוֹרה...
ניט שרעק זיך מעהר פֿאַר לײד און נױט,—
קינד! אַנטיאָכוס איז שױן טױט,
דו האָב פֿאַר איהם קײן מוֹרא...
דער צװײטער... פּורים איז אַצונד:
פֿערהײַלט אַ גרױסע, טיעפֿע װאונד...
מ'לײענט די מגילה!
דער גראַגער מיט'ן המן־קלאָפּ
װי האָגעל שיטען אױף זײַן קאָפּ...
מ'לײענט די מגילה!...

אַמָלְיָה פּופּצִיג אֵייל דִי הויך • • •
פערשוואונדען איז ווי ווינד און רויך
דער שׂוֹנֵא • • • זיסע, שטילע
געפּיהלען ווארמען מָרְדֳכַי׳ם הארץ • •
אוים אֵימַת־מָוֶת, לייד און שמארץ • •
מ׳לייענט די מְגִלָּה ! • • •
אוי, ניין, מיין קינד ! ער לעבט, ער לעבט,
דער אלטער פיינד • • • ער פליהט, ער שוועבט
צושפרייט די שווארצע פליגעל
אויף אונזער טיש, צוגיסט דעם וויין,
פערלעשט די ליכט און וועהט מיט פיין
און אַט מט אויף דיין וויגעל • • •
צו טרעהרען בלינד, צו זיפצען טויב —
פערשטעלט ער פאר דיין איינציג שויב
די שיין, די לופט אפילו • • •
און חֹשֶׁךְ פאלט אויף בארג און טהאל • • •
און נאך אמאל, און נאך אמאל
פון אנהויב די מְגִלָּה ! • • •

---

## זיס!

(א ליעדעל צו פּורים־שפּיעל).

צוקאכט, פערמאטערט און צוהיצט • • •
דאס נעזעל גלענצט, דער שטערען שוויצט...
עס לויפט דער פּורים־יעגער —
דער שְׁלַח־מָנוֹת טרעגער !
ער האלט א טעלער׳ל אין האנד.
איך שריי איהם : „שטעה !" — ווי צו דער וואנד.
ער לויפט, ער פליהט אלץ וויטער —
חאטש יאג איהם־נאך א רייטער.
ניטא קיין צייט, ניטא קיין צייט,
דער טאג איז קורץ, דער וועג איז וויים.
אוי, שְׁלַח־מָנוֹת טראגען —
א שפּיעלעכ׳ל צו זאגען !
מען זעהט ניט ווי עס פליהט די צייט.
די שטאדט איז גרוים, דער וועג איז וויים ;
בערעכענט, אַדְרַבָּא :

צו׳ם קאזנאטשײ, צו׳ם גבאי,
און צו׳ם בעל-טאקסע, און צו׳ם רב,
און וואס? איהר מײנט, ס׳איז שוין א סוף?
הײנט וואו-זשע איז א דאקטאר?
—צו שלח-מנות—זאגט ער —
לאזט מיך! אין מאנדלעך און אין טארט
בין איך א בקי פערווי-סארט,
מזונות מאכען ברכה —
אנ׳ אמת׳ער „מזרח״! ...
און דער אפטײקער טאקע אויך
האט ליעב א פלאדין דיק און הויך
און המן-טאשען עסט ער
דעם גאנצען תענית-אסתר ...

* *
*

נאר, ליעבע לעזער, ליעבע פרײנד!
איך מײן קײן שלעכטס חלילה ...
רכילות רײדען האב איך פײנד;
נישט מעהר, איך וויל נאר זאגען הײנט:
זאל לעבען די מגילה!
זאל פורים שײנען ווי דער מאי
אין פײכטען, גרינעם גארטען
און זאלען, פרעהליך, פריש און פרײ,
די בעלי-בתּים פון דאס נײ
אונז באקען זיסע טארטען
פון כל המיני סארטען,
מיט מאנדלען, ראזינקעס או ניס,
וואס טעם גן-עדן יעדער ביס, —
און לאמיר זײן צופריעדען,
וואס חאטש אײן טאג אין יאהר איז זיס
כמעט בײ אלע יודען! ...

# חֵדֶר - לִיעֶדער.

## I.

דער פריהלינג געהט, דער פריהלינג געהט
א פריש, א פרעהליך ווינדטעל וועהט
אין וואלד, אין פעלד, אין גארטען.
דאס ווינדטעל וועהט, דאס ווינדטעל פליהט.
א ליעד, א זיסעס פריהלינג-ליעד
דערהערט דאס קינד פון דארטען.
די שטראהלען שיינען, און פון זיי
צוגעהט דער לעצטער אייז און שניי
די ווילדע פויגעל פליהען;
די פייגען-בוימער שטעהען שוין
אין זייער הויכער, גרינער קרוין,
די ווייטרויב-צווייגען בליהען,
עס זינגט דאס טייבעלע, עס רופט,
עס וואָרקעט אין דער בלויער לופט..

. . . . . . . . . . . . . . .

מיין קינד! דו קוקסט זיך ווילד ארום?
דו שטעהסט פערוואונדערט, בלייך און שטום
און טרעהרען אין די אויגעלעך
ווי זילבער-טראָפּען שטעהען?...
דעם "שִׁיר הַשִּׁירִים", יונגעלע,
דעם "שִׁיר הַשִּׁירִים" לייען!...

---

## II.

א העלע שיין פון הימעל פליסט;
מיט הייס צושמאלצען גאלד בעגיסט
די און די פרייע פעלדער.
די ארבייט קאָכט: מ'שניידט, מ'בינדט;
עס וואקסען, וואקסען אוים געשווינד
פון גארבען גאנצע וועלדער...
דער אָווענד קומט, די נאכט פערשפרייט
די שטילע פליגעל... פול מיט פרייד,
מיט פרישען יונגען לעבען
גיסט-אוים דאס הארץ א לויב-געזאנג

פאר יעדען גארב, פאר יעדען זאנג
וואס גאט האט אונז געגעבען . . .
א זיסער שלאף מיט זיסע רוה
מאכט שטיל און ליעב די אויגען צו . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

מיין קינד! דו קוקסט זיך ווילד ארום?
דו שטעהסט פערוואונדערט, בלייך און שטום?
דו זוכסט דאס פעלד דאס גאלדענע,
דעם גליק דעם שטילען, ליעבען? —
ביי בועז׳, נשמה׳ניו,
אין "רות" איז דאס בעשריעבען! . . .

III.

די סטעפ איז טויט, די סטעפ איז שטום;
קיין איינציג בוימעלע א־ום,
נאר הוילע זאמד און שטיינער,
און זעלטען־זעלטען שלאנט אין טהאל
א קוואל, ווי זילבער, ווי קריסטאל
א ליכטינער און ריינער.
נאר זעה, מיין קינד: אט מיט אמאל
לעבט־אויף דער מדבר . . . אהן א צאהל,
ווי זומער־צייט די פליעגען,
דארט געהען, געהען אהן אנ׳עק
די שענסטע שעפסען, אייזלען, בעק,
קיה, אקסען, קעמלען, ציעגען . . .
דער מדבר לעבט . . . עס קאכט, עס זידט,
עס ברומט, עס מעקעט . . . א יריד! . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

מיין קינד, דו קוקסט זיך ווילד ארום?
דו שטעהסט פערוואונדערט, בלייך און שטום?
דערמאהן זיך נאר, דו, נארעלע,
געדענקסט ניט? א לצנות! —
פון יעקב׳ן צו עשו׳ן,
צו עשו׳ן מתנות! . . .

## IV.

דער קאַנטשוק אויף דעם בענקעלע,
די טײַטעל אויפֿן טיש . . .
נו , לעבעדיגער , יונגעלע !
מיט חשק , שנעל און פֿריש !
דער רבי הוסט . . . אין שטוב איז ענג,
מ'קאָן דערדושעט ווערען . . .
איך אָבער הער ניט און ניט זעה —
איך לערען , לערען . לערען ! . . .
עס ברענט דער פֿראָסט ; דער מאַרך, דאָס בלוט
אין מיר פֿערגליװערט װערען . . .
איך פֿיהל עס ניט, איך קלאָג זיך ניט —
איך לערען, לערען , לערען ! . . .
א כּישוף-קראַפֿט בעדעקט די שטוב . . .
עס גלענצען פֿונקען , שטערען . . . .
די װענד אַרום צוגעהען זיך . . .
איך לערען , לערען , לערען . . .
א בלאַט אַהין, אַ בלאַט אַהער . . .
און קוק נאָר — װי אויף הײַװען ,
איך הויב-זיך, װאַקס װאָס א מינוט . . .
איך װער אויף אַלץ א מבין ,
א מײַסטער גאָר ניט װילענדיג ,
א גאַנצער מענש ממילא :
איך מעקלער אוים בײַ עפֿרון'ן
די מערת-המכפּלה ;
דאָס פֿעה און שװעבעל זעהענדיג ,
דעם רויך , דעם פֿלאַם דעם רויטען
„גװאַלד, שרײַ איך , יודען , ראַטעװעט !"
און לויף פֿון סדום מיט לוט'ן ;
איך זיץ בײַ מלכּי־צדק'ן
געלאַדען צו דער סעודה ;
מאַך יעקב פֿיער מאָל חתונה ;
אינאײנעם מיט יהודה
געה שערען איך די שעפּעלעך
(װאָס הײַסט : איך געה ? אַנ'ערך ,
פֿערשטעהט זיך — מיר צושײַדען זיך
מיט איהם „על אם הדרך" . . .) ;

איך שרַבן־אוים פאַר יִצְחָקן
א בְּלָה—לָבָן׳ס שוועסטער —,
דער אַבְּמִי ווערט מִיט מִיר דערפאַר
א גוט ר פרַיַנד דער בעסטער
(דאס גוטע פרַיַנדשאַפט צווישען אונז
איז, ווײַסט איהר דאָך, עַד־סוֹף...)
איך קלויב צונויף מִיט יוסף׳ן
די תְּבוּאָה אין מִצְרַיִם
און נעהם דערנאָך גאָלד, זילבערוואַרג
בַּיַ׳ם מִצְרִי אין מַשְׁכָּנוֹת
(א יורקע, טאַקע אֶמֶת, דאָך
וויל עסען... א בַּחֲמָנוּת!)
איך פִיהל או נעבּיך יַעֲקֹב׳ן
בַּי לָבָן׳ען איז בִּיטער
און היט מִיט איהם די שעפסעלעך
און קאַרב מִיט איהם די ריטער;
איך בוי מִיט אלע פִיצעלעך
דעם מִשְׁכָּן מִיט בְּצַלְאֵל,
דערלאַנג דעם ווײַרעך אַהֲרֹן׳ען
און העלף איהם אונטער הַלֵּל;
איך קלאַפּ אין פויק מִיט מִרְיָם׳ן;
איך זינג מִיט משה׳ן שִׁירָה;
איך גלעט און קנײַפּ מִיט דָוִד׳ן
די סטרונעס אויף זײַן לירע...
מִלְחָמָה האלטען? נארישקײַט!
איך בִּין א לײַב, א גִבּוֹר
און אלע פעלקער ציטערען,
עס טרײַסעלט זײַ אין פִיבער;
אויף אלע שׂוֹנְאִים אונזערע
פאלט־אָן א מָרָה־שְׁחוֹרָה;
אנו, אנו, זאטשעפּעט נאר!
פאר וועמען האב איך מוֹרָא?
אי, אי, וואס פאר א ביטערע
מַכָּלָה האט דא כָּלָק!
אי, מאך איך תֵּל פון מְדִינָה׳ן,
אי, חאפט פון מיר עֲמָלֵק!...
פַּרְנָסָה, פרעגט איהר? גאטעניו,
אבִי נאר גיב מיר יאהרען!
מיר געהט נִיט צו פערזינדיגען,
אויף איך געזאגט געוואָרען;

געלויבט זאָל זײַן דער אויבערשטער,
איך לעב און דאַרף ניט בעטלען:
איך עס דעם שלו אין מדבר־סין,
און אלים עס איך טײַטלען,
און אשכּל עס איך ווײַנטרויבען
און מילגראַמען און פײַגען,
וואָס איצט אַפילו ראָטשילדען
וואָלט שווער זײַן צו דערשטײַגען...
פון אַלע זײַטען ווײַנשטאָקען,
אויף יעדען טריט אַ גאָרטען,
אי באָקסערען, אי אײַלבערען,
אי בשׂמים כּל הסאָרטען.
פיש וואַפען? — איז חדקל דאָ
און פּישון, פּרת און גיחון, —
וואָס פאַר אַהעכט אין נעץ אַרײַן,
וואָס פאַר אַ קאַרפּען קריכען!
די לענג, די גרעב פון זײַ! חוץ דעם
אַ סבֿרא אַז געפילטע...
הײַנט פּאַלאַצען פון מירמעלשטײַן?
געזילבירטע, געגילדטע, —
איך סטרויע זײַ מיט חירם'ן
אין גאַנץ ירושלים
פאַר שלמהס טויזענד פּלונית'טעס
פון מואָב און מצבים...
און אַלע שבֿע חכמות ווער
אַ בקי איך — אַ מורא:
פון „קטורת" ווער איך אַ דראָגיסט,
אַ דאָקטאָר פון „מצורע",
פון „פּאה" ווער איך זעמלעמער,
אַ גאָלדשמיט פון „ויקהל",
פון „שקלים" אַ סטאַטיסטיקער
צו מאַכען דעם סך־הכּל,
פון פּרשה „אמור" סאַניטאַר,
„משפּטים" — אַ זאַקאָניק...

אַ כּלל איך לעב, איך פרעגעל זיך
אין פוטער און אין האָניג...

דער בֵּני הוסט . . . די בֵּביצעֶן
קאַכט קרופּניק . . . אין אַ שמאַטע
פּערזשיקעלט, דאָס מזינ'קעל
שרײַט: „חי־וְקַיָם, טאַטע!"
איך זעה זיי ניט, איך הער זיי ניט —
איך לערען! — אין מײַן קעפּעל
צומישט זיך: ווײַרעה, מויל־איזולען,
גאָלד, פּיפּערנאָטערס, עפּעל
מיט גלעקעלעך, מיט מילגראָמען,
מיט זעמעל־מעהל, מיט טויבען,
מיט שפּרענקבעקענס, מיט פּיסטענחאַליץ...
פון אונטען און פון אויבען
בּריליאַנטען, פּערעל שיטען זיך,
גראָז, רויזען, פרוכט און זאַנגען —
אַלץ וואָס עס קאָן אַ מענשען־האַרץ,
אַ נאַריש האַרץ פּערלאַנגען, —
פּערמישעף זיך אין פּנ'ה'ל נאַר
מיט קאָפּ און מיט געניערען...

* *
*

נו, דאַרף מען, יודען, פרעג איך אייך,
דעם חדר רעפאָרמירען? ...

# ל"ג בעומר.

וואָס פאַר אַ העלד
פליהט דאָט אין פעלד
קלינגענד מיט איזען און שטאָהל?
אונטער זײַן פערד
ווינט זיך די ערד
ציטערט דער באַרג און דער טהאָל...
וואָס פאַר אַ פײַנד
אײַנגעהמען הײַנט
געהט ער? איהם שלאָגען צו טויט,
וויסט און צו שאַנד
מאַכען זײַן לאַנד,
רויבען זײַן קלייד און זײַן ברויט...

נאַרישע וועלט!
נאַרישער העלד,
נאַרישע גבורה, נצחון!
גליקליך איז דער,
ווער עס אויף געווער
לעגט ניט אַרויף זײַן בטחון.
און אַז שוין יאָ,
איז עפּעס דאָ
בעסערס פון ביקסען, קאַנאָנען,
טויזענד מאָל ווערט
מעהר פון דעם שווערט,
מעהר פון טראָמפּעטען און פאָהנען...

---

א נאַריש בילד, א ליעבעס בילד
שטעהט אויף און שפּיעגעלט זיך און שפּיעלט...
די רײַנע קינדהײַטס־יאָהרען,
די חדר־צײַט, די יונגע טעג
שיפּט ווידער־צו צום שטילען ברעג
דער שיפער—דער זכּרון:
אין פעלד, אין פעלד, אין פרײַען פעלד,
הויך ווי די טאַנענבוימער
שטעהט אונז ר' רבי, אונזער העלד,
איין מאָל אין יאָהר—ל"ג בעומר.
דער רבי שטעהט, — אין ברוסט א בראַנד
פלאַם־פײַער אין די אויגען,
א פײַלענבויגען אין דער האַנד
איז שרעקליך אָנגעצויגען.
דערזעהען איהם מיט זײַן געווער —
א לײַב, א העלפאַנד און אבער
וואָלט אָנגעחאַפּט א פיעבער...
מיט וועמען האַלט מלחמה ער,
דער גרויסער, שטאָלצער גבור?
די סטעפּ איז פוסט, די סטעפּ איז וויסט!
דער רבי ציעלט זיך דאָך און שיסט —
דעם שטן טויט צו שלאָגען,
די קליפּה צו פעריאָגען!
תּל מאַכען פון זיי אַלע דאָ —
פון אשמדי דעם בייזען,

פון לִילִית וְכָל כַּת דִילָה
נְשָׁמוֹת צו דערלעזען...
און יעדען יאהר ל״ג בְּעוֹמֶר געה ט
דער רֶבִּי צו געניסען
דעם העכסטען גליק, די טיעפסטע פרייד –
דעם שָׂטָן טויט צו שיסען!...

---

יא, אֱמֶת, רֶבִּי, אייער מאכט
איז גרויס, די הייליגקייט א פראכט;
דער שָׂטָן מיט זיין גאנצער כַּתָּה
אין בְלֶת אמות ארום אייך,
אזוי ווי פּייער אויפ'ן טייך,
פערליערט זיין כֹּחַ און זיין שְׁלִיטָה.
איך גלויב אייך, רֶבִּינוּ, איך ווייס,
איך פיהל עס טאקע טיעף און הייס –
אויף אונזער וועלט, אין אונזער לעבען
איז אייך א צויבער־קראפט געגעבען.
פאר אייך קיין שום רקייט איז ניטא,
איהר קענט דעם שטארקסט ן פיינד פערשטיסען;
אין איינס, אין איינס נאר האט איהר דא
א טָעוּת, רֶבִּי, און א גרויסען:
דער אומגליק איז, וואס גאר ניט דארט,
אין סטעפּ, אין מִדְבָּר, איז דער ארט
מיט אונזער שָׂטָן, מיט'ן אלטען
און בייזען פיינד, מִלְחָמָה האלטען;
ניין, אונזער קְלִפָּה, אונזער פיינד,
איז צווישען אונז; זי זיצט ביז היינט
אין יענע נארעס, יענע לעבער
מיט קרומע וועגד, מיט פוילע דעכער,
וואוהין עס גיסט זיך ניט אריין
קיין פרישע לופט, קיין העלער שיין,
קיין ליעבע ווארימקייט פון הימעל,
קיין פויגעל־ליעד דאס הארץ דערפרעהט,
קיין פרישעס ווינדטעל ניט בעוועהט,
ניט לופטערט אויס דעם אלטען שימעל;
אין יענער איינגשאפט, יענעם שמוץ,
וואו נעהמט צונויף דאס גאנצע גוטס –
איז ניט א גראשען צו בעצאהלען;

וואו ס'איז ניטאָ קיין יונגער דור —
דער מענש ווערט גרוי צו דרייסיג יאהר,
פון שטויב דערשטיקט, פון נעץ געשוואָלען;
וואו ווי אַ ווארעם שטום און בלינד,
פערשווארצט, פערציטערט יעדען אבער,
וואַקסט־אויס אין נויט דאָס יודיש קינד,
און וואו פון וויעגעל ביזן קבר
לעבט אב זיין נאריש וועלט דער יוד,
פערדארט, פערטריקענט ווי דער דאָרען,
און פיהלט ניט אייביג ווי עס גליהט
ביי'ם פרייען מענשען, ברענט און זידט
דער הייליגער, דער פרייער צאָרען!...
ער שטעהט, ער ציטערט, בויגט דעם קארק,
אָהן פּנים, אָהן הענד, ווי פון סוחאָטע,
פאר יעדען הונד, וואס בילט אין מארק,
פאר יעדען חזיר אין דער בלאָטע...
דער שטן פליקט איהם אויס די באָרד,
די קליפה שפייט איהם אין די אויגען,
און ער בלייבט שטעהען אויפ'ן אָרט —
די ליפען שטום, דער קאָפּ געבויגען,
דאָס פּנים פינסטער ווי די ערד,
אין איין געדאנק פערקלעמט, פערפרוירען:
„—אזוי מסתמא איז בעשערט,
אַ יוד איז דאָך דערצו געבוירען!"...

---

אָט, אָט־וואו, רבי, איז דער אָרט
פון אינזער אומגליק פון פארצייטען...
שטעהט אויף, שטעהט אויף, מיט קראפט און וואָרט
אנטקעגען אונזער שלאפקייט שטרייטען!
שטעהט אויף, שטעהט אויף, צוברעכט, צורייסט
די קייט, אין וועלכער אונזער גייסט
איז איינגעבונדען, איינגעשמידען.
איהר פיהלט די שטארקע, שווערע קייט?
דעם שטן, רבי, שיסט און טויט,
די קליפה הרגעט צווישען יודען!...

# „איכה“.

מה אשוה לך ואנחמך,
בתולת בת־ציון ? . . .

(איכה, ב׳.)

די זון געהט אונטער, טונקעלער און לענגער
צושפרייטען זיך צרום די שאטענס אויף דער ערד ;
די אלטע בוימער שטעהען ווי פערקלערט ;
דאס סטעזשקילע אין וואלד זעהט אויס אלץ שמאלער, איינגער ;
דער אווענד־שטערען גיסט זיין שטילע, קאלטע שיין . . .
שלאף איין, מיין קראנקעם הארץ, שלאף איין ! . . .

---

די נאכט איז שטום, די נאכט איז טויט . . . נאר ווער
שטעהט אויף פאר מיר ? א בילד, א בילד אויס אלטע צייטען,
שוועבט, וויעגט זיך ווי א שאטען פון דערווייטען . . .
איך קוק זיך איין אין דעם געשטאלט . . . איך הער
א ווידערקלאנג פון וואפען, פון געוויהר . . .
איך זעה די פאהן פון רוים . . . די פאנצערס גלענצען, גליהען . .
די מויערברעכערס קריכען האסטיג, שווער . . .
די טורמען פאלען איין . . . די אלטע אדלערס פליהען
אויף דיינע חורבות, אומגליקליכער ציון ! . . .
און ווי א קוואל פון גיפט זידט־אויף און שלאגט אין מיר
דער אלטער האס, דער טיעפער האס צו דיר,
בת־בבל, בייזע שלאנג ! צו דיר, מיין גרעסטער שונא.
רוים ! רוים ! ! . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

* *
*

צי זעה איך אין חלום דאס שרעקליכע בילד ?
מיר דאכט זיך—„ער“ שטעהט אויף מיין בעט אנגעבויגען . . .
עס פונקלען פערוואונדערט אויף מיר זיינע אויגען . . .
זיין שטימע קלינגט רוהיג, זיין שטימע קלינגט מילד :
—„וואס האסטו צו מיר ? וויפיעל הונדערטער יאהרען
פערגאנגען מיין קבר, דיין האס און דיין צארען ! . . .
בעקלער דאס, בעטראכט — ווי נאאיוו און ווי ווילד !
—יא, אמת, מיין קראפט און מיין מאכט צו בעווייזען

בין פריי איך געגאנגען מיט שטאהל און מיט אייזען,
די טורמען, די פעסטונגען, טהויער און װענט
געשטויסען, געבראכען, צוהאקט און פערברענט;
אי קינדער, אי זקנים געקוילעט, געשאסען,
די גאסען מיט בלוט און מיט טרעהרען בעגאסען;
איך בין אין דיין הייליגען טעמפעל אריין,
דיין װײַרעך, דיין זעמעל־מעהל, בוימאייל און װיין׳
דיין שמן־המשחה, דיין לחם־הפנים,
די איידעלסטע זאלבען, די טייערסטע בשמים
צעװארפען, צושפריצט אויף די װענט, אויף דער ערד,
צומישט און פערטרעטען אין קויט פון די פערד...
צו שאנד און צו שפּאָט איז דיין כבוד געװארען —
די רייניע מזבחות, די כרובים, דער ארון,
דיין קראפט און דיין פרייהייט, דיין שװערד און דיין שילד...
יא, נמאס דארף זיין ד״ר מיין שרעקליכעם בילד,
פערשענדעט מיין נאמען, פערהאסט יעדער אבר
פערשאלטען אפילו די ביינער אין קבר...
איינס אבער פערגעס ניט—װי פרעמד און װי װייט
מיר זענען געװעזען אין אונזערע צייטען
פון איצטיגען לעבען, פון א י צ ט י ג ע ר צ י י ט,
זאג אפען און ערנסט פאר גאט און פאר לייטען —
װאס האסטו צו מיר? יא, איך, רוימישער העלד,
איך, טיטוס „הרשע", בין אפען געגאנגען,
ניט חנפנ׳ען גאט און ניט נארען די װעלט,
קיין שם־טוב און קיין עולם־הבא פערלאנגען;
פריי, אפען געשװאומען מיט אייזען און שטאהל
אין בלוט און אין טרעהר־ען אויף בארג און אויף טהאל,
געשטאכען, געשאסען, גערויבט און געפאנגען,
קרבנות געשעכט אהן א מאס, אהן א צאהל,
דערפאר אבער האב איך קיין פרומע העװיות,
קיין זיסינקע מינעם פאר קיינעם געמאכט,
קיין אויסרייערן פאלשע, הסכמות און ראיות —
אז איך בין גערעכט—ניט געזוכט, ניט געבראכט...
גערעכט! נו, אודאי: מיין קופערנער פאנצער,
מיין שטאלענעם שװערד און מיין אייזערנע האנד,
מיט װעלכע א תל מ׳כען בין פון דער גאנצער
פערציטערטער װעלט איך געװעזען אימשטאנד —
מיין שװערד און מיין האק, מיינע שפּיזען און פיילען

וואָס פלעגען צושפּאַלטען אי פעלזען, אי זיילען,
זיי, זיי זענען עדות געווען פאַר דער וועלט,
אַז איך בין גערעכט – איך, רוצח און העלד!...
מען האָט מיט די גלאָקען פאַר מיר ניט געקלונגען
קיין וויידעך געזאגט, קיין תהלים געזונגען,
ניט הייליג געמאַכט מיין רוצחישע האַנד
כדי צו פערדעקען איהר בלוטיגען שאַנד,
אַזוי ווי דערנאָך, פיעל־פיעל הונדערט יאָהר שפּעטער
אין איצטיגען רוים, וואו, מיט שפּינוועבס און שטויב
בעדעקט, שטעהען אומעטיג, בלינד, שטום און טויב
די אַלטע, די נאַרישע רוימישע געטער...
אין איצטיגען לעבען, אין היינטיגער וועלט,
וואו, פריי ווי אַן אָדלער און שטאַרק ווי אַ העלד,
פערשפּרייט זיינע ריינע, אַלמאַכטיגע פליגעל
איין־איינציגער ליכטיגער גאָט, וועלכער הייסט
גענאָד, באַרעמהאַרציגקייט, ליעבע און טרייסט,
דער גאָט, וואָס אפילו אַ וויג־קינד אין וויגעל
הויבט אָן שוין צו ליעבען זיין כשר געזיכט
און וואַרימען זיך אין זיין הייליגען ליכט"...
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

*   *

*

די נאַכט איז שטיל... אַ טיעפער דרימעל
בעהערשט די וועלט... ווי פינסטער, נאַס
און אייננ איז אונזער אַלטע גאַס!...
בעדעקט מיט וואָלקען איז דער הימעל...
שלאָף, קראַנקעס האַרץ!... איך פיהל, איך וויים —
די זונן מוז אויפגעהן העל און הייס,
די נאַכט, די שוואַרצע נאַכט פערטריבען.
דערוויילע... דו הערסט דאָס ווילד געשריי
פון סאָוועס? הערסט דאָס וואָיען, קלאָגען
פון וועלף?... די נאַכט איז פריי פאַר זיי
ביז וואַן ס'וועט אָנהויבען צו טאָגען...
טאָ גענע־זשע, אַלטער אָבל, געה
די אַלטע, אַלטע „איכה" זאָגען!...

# די לאָקשענברעט.

(אַ סוכּות מעשה'לע).

יום-כּפּור, דאַנקען גאָט, אַוועק;
דערלעבט, געטרײַע ברידער,
אויס וויינען, זיפצען גאַנצע טעג, —
מען זיצט אין סוכּה ווידער;

מען זיצט בעדעקט מיט גרינעם סכך
אין רוהע און אין פרייד ען . . .
דער לולב שײַנט, דער אתרוג שמעקט —
א ריח פון גן-עדן! . . .

מען לעבט, מען פרעהט זיך, מען קוועלט-אָן
ווי קינדער אין די וויעגען . . .
אי, אַי, ווי גוט איז מצות טהאָן—
בּפרט מיט פערגעניגען! . . .

עס קומען אָבער-פאָר אמאָל
דערבײַ אַזוינע זאַכען,
וואָס ממש, כ'זאָג אײַך, גרויס און קלײַן
אָהן כּחות בלײַבּ פון לאַכען,

פערוואַרף דעם קאָפּ און קײַקעל זיך
און האַלט זיך בײַ די זײַטען! . . .
די מעשה איז געוועזען בײַ אונז
אין שמוינעחקע פאַרצײַטען.

איהר מעגט עס הערען: משה-בער,
אַ בעל-הבית אין שטעדטיל,
האָט פ יסיג צו דער סוכּה זיך
גענומען; וואו אַ ברעטיל,

אַ טהיר, אַ לאָדען — אַלץ געשלעפּט
צום בנין, אַלץ גענומען;
די מולטער מיט דער לאָקשענברעט
איז אויך צונויף געקומען;

אַלץ פײַן און ריכטיג צוגעפּאַסט, —
די לאָקשענברעטער בעזונדער:
אַ גאַנצע לאָך פֿערשטעלט מיט איהר...
אַ סוכּה גאָר אַ וואונדער!

אי הויך, אי ברייט, אי גרויס, כאָטש טאַנץ
כאָטש דאַווען מיט אַ מנין;
פּאָר בראָדסקין און פּאָר גינצבורגען
אַנ'אויסגעטאַקטער בּנין.

און דאַנקען גאָט, דערלעבט די צײַט —
מ'איז פון שול געקומען
און צו די יום-טוב'דיגע פיש
מיט חשק זיך גענומען.

— "אי, העכט מיט חריין! איך זאָג אייך, נעהמט
די ביטערסטע טרפניאַקעס,
וואָס עסען חזיר אויפ'ן פּוד
און קוויקען זיך מיט ראַקעס

און ווילען ניט (אַ מכּה זיי!)
אַ וואָרט פון יודען הערען.
נעהמט זאָגט זיי: "פיש מיט חריין"—איז רעכט
כאָטש די כּפּרה ווערען"!...

אזוי האָט אונזער משה-בער
געדרש'נט-זיך בּנעימות
און נאָך די לאָקשען ברייט און פײַן
גענומען זיך צום צימעס.

נאָר דאָ, אין מיטענדריגען... גוואַלד,
וואָס איז דאָס? גאָט דו ליעבער!
די סוכּה טר-עסטשעט, הוידעט זיך
און ציטערט ווי פון פיעבער...

עס טהוט אַ קרעכץ, אַ קנאַק און... טררראַך!
אוים סוכּה!... וואונדער, כ'לעבען,
וואָס ניט דערהרגעט... יאָ, אַרויס
נאָר טאַקע מיט'ן לעבען:

בײַ משה־בער'ן איז אַ האַנד
צובראָכען, בײַ נחמה'ן
אַ פוס, בײַ רבקה'לען פערקלעמט
דאָס בײַכעל... װעה דער מאַמען!

בײַ יאָסעלען צוהאַקט אַ לופ,
בײַ נחמנקען צוריסען
אַ באַק און חוץ דעם נאָך די צונג
אַ האַלבע אָבגעביסען.

פון צײַהן און נעזער רעדט מען ניט...
איהר פרעגט: װאָס איז די סבה?
װער האָט דאָס אַלץ דאָ אָנגעמאַכט?
אַ חזיר, מײַנע ליעבע!

דעם שכנ'ס חזיר איז פאַרבײַ
געגאַנגען פונ'ם שפּאַציר
און בײַ דער סוכּה אָבגעשטעלט
אַ קראַץ זיך טהון... נו, קראַץ ער

פאַמעליך, װאָלט קײן אומגליק זײַן...
איז נײן, ס'איז איהם ניט ניחא,
מיט אַלע כּחות אָנגעשפּאַרט
װי מיט אַמין רציחה,

און דװקא אָן דער לאָקשענברעט!...
אַ תּל פון אַלץ געװאָרען...
נו, הײַנט דעם מנהג װײסט איהר דאָך
פון יענע אַלע יאָהרען:

נעטראָפען װאָס ניט איז אין שטאָדט —
איז געהט מען צו'ם קװאַרטאַילנע,
מע בעט איהם ער זאָל משפּט'ן,
װי ס'רעדט זיך, גאַנץ פאָרמאַילנע.

אין שוהל אפילו האָט מען שוין
גערעשעט: ס'דאַרף דער שכן
פאַר אַלץ בעצאָהלען, — הערסט, װי דען?
זײַן חזיר האָט צובראָכען!

נאָר דער קוואַרטאַילנע איז געוועזן
א חכם עתיק: „— אמת,
האָט ער געזאָגט, אַ היזיק, יאָ;
די שולד איז אָבער וועמעס?

דעם חזיר'ס? ניין. א גראָבע זאך,
יאָ, אָבער ווייטער — נאָר ניט:
עס בייסט איהם, נעביך, קראַצט ער זיך;
וואו שטעהט עס, אַז מען טאָר ניט?

ניין, שולדיג איז די לאָקשענברעט:
נאָך וואָס איז זי געפאלען?
כ'חיים, אויף א פרעמדע קעשענע
איז יעדערער א בעלן.

נאָר איהר בעקלערט די זאך אליין
גאַנץ רוהיג און געדולדיג —,
אַ יאָ? דער חזיר איז גערעכט,
די לאָקשענברעט איז שולדיג!"

# אינהאלט:


זייטע

ליעדער פון דעם יודישען זשארגאן . . . . . . . . . . . 5

מיין ליעד . . . . . . . . . . . . . . . . . . 15

**ציון-ליעדער:**

פראָלאָג . . . . . . . . . . . . . . . . . 16

I) קרבנות . . . . . . . . . . . —

II) וואס מאכט די מאמע ? . . . . . . . . . 18

III) דער מאמעס קלאג . . . . . . . . . . 19

IV) אהן א ענטפער . . . . . . . . . . —

V) אייניקליך . . . . . . . . . . . 20

VI) דער עגל . . . . . . . . . . . 21

VII) „ביז משיח וועט קומען" . . . . . . . 23

VIII) שטעה אויף . . . . . . . . . . 24

IX) שולמית . . . . . . . . . . . 25

די תפלה . . . . . . . . . . . . . . . . 26

דריי חברים . . . . . . . . . . . . . . . 30

דער גבור . . . . . . . . . . . . . . . . 32

משה רבינו'ס קבר . . . . . . . . . . . . . 33

היים און קאלט . . . . . . . . . . . . . . 34

די נאטור . . . . . . . . . . . . . . . . 36

נאכט-ליעדער . . . . . . . . . . . . . . 39

„שלח-מנות" . . . . . . . . . . . . . . 49

צום נייעם יאהר (1889) . . . . . . . . . . . 55

א בלעטעל ודוי . . . . . . . . . . . . . 58

ליעד דער ארבייט . . . . . . . . . . . . . 62

לכבוד התורה . . . . . . . . . . . . . . 63

פאנטאזיע . . . . . . . . . . . . . . . 72

דער ספאדעק . . . . . . . . . . . . . . 74

די פיעדעל . . . . . . . . . . . . . . . 75

פריהלינגס-ליעדער . . . . . . . . . . . . 77

זומער-ליעדער . . . . . . . . . . . . . . 78

הערבסט-ליעדער . . . . . . . . . . . . . 80

א הערבסט-ליעדעל . . . . . . . . . . . . 82

איינער פון די בעסטע . . . . . . . . . . . 84

I) צו מיכל גארדאן .

II) אויף מיכל גארדאנ'ס קבר .

שמחת-תורה . . . . . . . . . . . . . . . 86

אויף נאווי-גאד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 88
מיין עפיטאפיע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 90
על-חטא . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 91
דער יריד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 94
„גע׳גנב׳עט״. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 95
צווייי בילדער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 97
דער הימעל שפאלט זיך. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 100
זאמד און שטערען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 102
„דאס קנעפיל״ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . —
דער גאלדענער שליסעל . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 105
„פערדיענט עולם הבא״ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 107
דער שופר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 108
„דאס ביסעלע בוימאייל״ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 122
א בריעווער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 131
צווייי בילדער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 136
ים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 137
חדר-ליעדער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 139
ל״ג-בעומר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 144
„איכה״ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 148
די לאקשענבערעט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 151

# „דער פריינד“

## דאס ערשטע
## יודישע טעגליכע בלאט אין רוסלאנד.

דער „פריינד“ גיט דעם יודישען לעזער אלץ וואס איז איהם נויטיג צו וויסען אלס יוד און אלס מענש

דער „פריינד“ גיט דעם יודישען לעזער גענויע און גיכע ידיעות פון אלץ וואס קומט פאר אין אונזער יודישען לעבען, ווי אין רוסלאנד, אזוי אויך אין אויסלאנד.

דער „פריינד“ גיט דעם לעזער אויך אלע וויכטיגסטע און אינטערעסאנטע נייעס פון דעם אלגעמיינעם לעבען, בעזונדערס אין רוסלאנד, צו גלייכער צייט מיט די גרעסטע אלגעמיינע טעגליכע צייטונגען.

דער „פריינד“ גיט אבער נישט די טרוקענע פאקטען אליין, נור אויך די ערקלערונג פון די פאקטען. צו דעם צוועק גיבען מיר פובליציסטישע ארטיקלען, אין וועלכע די געשעהענישען פון לעבען ווערען פערשטענדליך און קלאר ארומגערעדט.

א וויכטיגען ארט גיט דער „פריינד“ דער שענער ליטעראטור: ערצעהלונגען, שירים, פעליעטאנען, וועלכע פערבעסערן דעם געשמאק פון לעזער און בערייכערן זיינע געדאנקען.

מיר גיבען אויך אונזערע לעזער לייכט-פערשטענדליכע ארטיקלען איבער פערשיעדענע ענינים פון דער וויסענשאפט, ווי אויך איבער אלע נייעסען פון דער וויסענשאפטליכער וועלט.

אונזער צייטונג, וואס איז בעשטימט פאר די גרויסע יודישע פאלקס-מאסע, זוכט אויך פראקטיש קומען צו הילף דעם לעזער מיט עצות און אנטווארטען.

אונזער רעדאקציע גיט תשובות אויף אלע שאלות, בנוגע צו די דינים און משפטים און אויך אויף די שאלות בנוגע צו דער פערבעסערונג פון דער ארבייט. אונזער יורידישע אבטהיילונג איז א שטענדיגע, וואס געהט כמעט אין יעדער נומער.

וויסענדיג, וואס פאר א גרויסע ראלע עס שפיעלט די געזונדהייט אין לעבען פון א פאלק, בפרט אין דעם לעבען פון אונזער שוואכער יודישער פאלקס-מאסע, גיבען מיר היגיענישע ארטיקלען, וואס קלערען אויף דעם פאלק איבער פערשיעדענע קראנקהייטען און זייערע סבות, ווי אויך איבער די אופנים, ווי צו פיהרען א ריינעם און געזונדעם לעבען.

דער „פריינד“ האט זיינע אייגענע קארעספאנדענטען, ווי אין די קלענערע, אזוי אויך אין די גרויסע שטעדט פון רוסלאנד און אויסלאנד, וואס גיבען, אזוי גיך ווי מעגליך, אויספיהרליכע בעשרייבונגען פון יודישען און אלגעמיינעם לעבען אין זייערע געגענדען.

„דער פריינד“ געהט ארוים לויט דעם פראגראם פון די

# גרויסע אלגעמיינע צייטונגען

## און ענטהאלט פאלגענדע אבטהיילונגען:

1) פאליטיק. פאליטישע ארטיקלען און פאליטישע נייעס.
2) לייט־ארטיקלען. קורצע און פערשטענדליכע בעטראכטונגען איבער אלע וויכטיגע יודישע און אלגעמיינע פראגען.
3) אפיציעלע אבטהיילונג. בעפעהלען און פעראָרדנונגען פון דער רעגירונג.
4) רוסישע נייעס.
5) יודישע נייעס אין רוסלאנד.
6) יודישע נייעס אין אויסלאנד.
7) טעלעגראמען פון דער רוסישער טעלעגראפען־אגענטור און אייגענע קארעספאנדענטען.
8) קארעספאנדענציעס פון רוסלאנד און אויסלאנד.
9) וויסענשאפטליכע אבטהיילונג. מעדיצין, נאטור־וויסענשאפט, געשיכטע, ביאגראפיעס פון בעריהמטע מענשען א. ז. וו.
10) פראקטישע אנטווארטען איבער אלע פראגען פון יוריספרודענץ און טעכניק (אין יעדער נומער).
11) בעלעטריסטישע אבטהיילונג. ראמאנען, ערצעהלונגען, פעליעטאנען און שירים.
12) קריטיק איבער נייע ביכער אין זשארגאן און אין אנדערע שפראכען.
13) וואס שרייבען די צייטונגען, יודישע און אלגעמיינע.
14) אלערליי.
15) מודעות.

אויסער די נומערן, גיבען מיר ארויס

א בעזונדערע

## אילוסטרירטע ליטערארישע ביילאגע.

די ביילאגע ענטהאלט: ראמאנען, ערצעהלונגען, שירים, וויסענשאפטליכע און קריטישע ארטיקלען.

די נאָהענטסטע מיטאַרבייטער פון „פריינד“ זענען:

## ד״ר י. לוריא, ד״ר ח. ד. הורוויץ און ש. ראָזענפעלד.

אין „פריינד“ נעהמען אַנטהייל: ש. י. אַבראַמאָוויטש (מענדעלי מוכר ספרים), ש. אש, מ. אייזענבעט, פ. אויערבאַך, ח. אלעק סאַנדראָוו (ניו־יאָרק), ש. אַנ־סקי, אָביב (פּאַריז), ארץ־ישׂראל־יוד, (ירושלים), ח. נ. ביאַליק, בן עמי, בעל־מחשבות, ר. בריינין, ב. בראַנדט, ד״ר י. ברוצקוס, ב. ברוצקוס, רחל בּרכות, י. בערגער, בן־יוסף (אַרגענטינאַ), בת־קול (לאָנדאָן), גוט־מאַרגען, ב. גאָלדבערג, י. גוידאָ (ניו־יאָרק), י. גינזבורג, י. דינעזאָהן, ש. מ. דובנאָוו, י. דימשיץ, מ. מ. דאָליצקי, א. דרויאַנאָוו, מרדכי בן הלל הכהן, העגעס (וויען), ב. הערש (טראַנסוואַאַל), ח. האָפמאַן (אויסטראַליען), ל. ווינאָדסקי, ד״ר י. וואַרטסמאַן, ד״ר ל. ווייַנגעראָוו, מ. ווירטה (לעמבערג), ל. זיידעמאַן, י. טעפּליצקי, י. ד. טויב (דרום־אַפריקאַ), ל. יפה, י. יאַשונסקי, מ. ל. ליליענבלום, ד״ר ש. לעווין, ליפּמאַן לעווין, ד״ר י. ליאָקומאָוויטש, ד״ר ג. לעווין, מ. לעווין, א. ל. לעווינסקי, ד״ר פ. לאַנדער, ז. ליבין (ניו־יאָרק), ל. לוריאָ, שמואל לוריאָ, פ. מאַרעק, ל. מאָצקין (בערלין), צ. מאָירוביטש, ה. ד. נאָמבערג, מ. ספּעקטאָר, נ. סי־קין (וואַרשוי), ג. סאַנדערס (קאַנאַדאַ), סמאָליאַנסקי, ש. פרוג, י. ל. פרץ, ד. פּינסקי, ד״ר א. פרומער, מ. פרייד, י. י. פּראָפּוס, סאַלאָמעאַ פּערל, יוסף פּאָקראַסאַ, פּלוני אלמוני (אַמסטערדאַם), ד״ר י. צינבערג, ד״ר ל. קאַנטאָר, מ. קליינמאַן, ל. קאָברין, א. קונין, י. ח. ראַבניצקי, מאָריס ראָזענפעלד, א. ז. ראַבינאָוויטש, י. ח. ראָחלין, א. רייזען, מ. ריבעסמאַן, י. י. ראַגאָלער (ניו־יאָרק), שלום עליכם, י. שטיינבערג, פּאַביוס שאַך (קאַרלסרוהע), י. שאָר, י. שאַבאַד און אַנדערע יודישע פאָלקס־שרייבער.

## דאָס גאַנצע בלאַט ווערט געדרוקט מיט נקודות.

אין יאהר 1904 גיבען מיר ארויס פאר די אבאנענטען

פון „פריינד“

# אלע שריפטען פון ש. פרוג.

## (ליעדער און פראזא)

די אויסגאבע וועט ערשיינען אין צוויי בענדער און וועט ענטהאלטען אלע ווערק, וועלכע אונזער פאלקס־דיכטער פרוג האט פערפאסט אין זשארגאן אין דעם משך פון זיין 28-יאהריגער ליטעראַרישער ארבייט.

דער פרייז פון ביידע בענדער פאר די אבאנענטען פון „פריינד“ איז 75 קאפ. דער פרייז פאר פרוג'ס ווערק קען איינגעצאהלט ווערען אין 2 ראטעס.

די אבאנענטען פון „פריינד“ קענען אויך בעקומען:

די שריפטען פון י. ל. פרץ, 2-טע אויפלאגע, אין גרויסער באנד פון 60 דרוקבויגען פאר 1 רובל מיט 20 ק' אנשטאט 2 רובל.

רעדאקטאר: ש. גינזבורג.

הערויסגעבער: ש. ראפאפארט. ש. גינזבורג.

אבאנעמענטס־פרייז אין רוסלאנד:

| | |
|---|---|
| אויף א יאהר | 7 רובל |
| „ א האלב יאהר | 3.50 „ |
| „ א פיערטעל יאהר | 1.75 „ |

אין אויסלאנד קען מען זיך אבאנירען דורך די פאסט.

אדרעסע:

Въ Редакцію газеты

„Дэръ Фрайндъ“

С.-Петербургъ, Вознесенскій просп. 53.

1887 — 1904

# אַלֶע װֶערְק

פון

# ש. פרוג

## צװײטער טהײל

אויסגאבע פון דער רעדאקציע „דער פרײנד".

ס.-פעטערבורג

שנת תרס"ד לפ"ק.

# Собраніе сочиненій

# С. Г. ФРУГА

## Часть II.

*Изданіе редакціи „Дэръ Фрайндъ"*

С.-Петербургъ

*Типографія газ. „Дэръ Фрайндъ", Вознесенскій просп., 53.*

1904.

**Дозволено** Цензурою С.-Петербургъ 20 **Августа 1904** г

# מָשִׁיחַ'ס־צַייטֶען
## דִי פַּאפִּירֶענֶע בְּרִיק.

(אַ בּאָבּע־מַעֲשֶׂה)

---

אִין אַ שְׁטֶעדטִיל
(ווִי געֶהייסֶען
האָט דאָס לִיעבּעֶ
שְׁטֶעדטִיל, — ווייסֶען,

גלויבּ אִיךְ, אַלֶע,
קליין און גרויס;
און אויבּ נִיט,
מאַכט אויךְ נִיט אויס;

גִישֶׁן, גִינשְׁפּרִיג,
יאַרמעֶלִינעֶ —
וואָס אִיז דאָ
דִי נַפְקָא מִינֶה

וואָסעֶר שְׁטֶעדטִיל,
וואָסעֶר טייַךְ?
כ'שְׁרייַבּ דאָךְ נִיט
קיין גֶט פאַר אַייךְ)

אִין דעֶם שְׁטֶעדטִיל,
עֶרֶב־פּוּרִים,
הויךְ און מעֶכטִיג
ווִי אַ שְׁטוּרם,

האָט אַ בת־קול
זיך דערהערט:
"— יודען! גליק
איז אייך בעשערט;

"אוים בהלות,
אוים יללות,
אוים, אַ סוף
צו אייער גלות;

גיכער, ברידער,
מאַכט זיך גרייט,
מאַכט זיך גרייט —
משיח גערט!" . . .

* *
*

און משיח
איז געקומען . .
יודען לויפען,
שרייען, ברומען,

אומגעלומפערט
און צוהיצט,
אי פערמאַטערט,
אי פערשוויצט,

רויט ווי פייער,
בלייך ווי מתים,
חאפען תפילין
און טליתים,

ספרים, בעטגעוואַנד
און טעפ;
ס'געהען חאַראַרעם
די קעפ;

אַ יריד, אַ מאַרק,
אַ מורא;
ס'איז אין שטעדטיל
שמחת תורה;

און שוין פלאַנעם
טאַקע באַלד
מאַכען אַלע,
יונג און אַלט,

ווי אַזוי דאָרט
אָנצוהויבען
גאָר אַ נײַעם,
זיסעם לעבען.

*  *
*

מאַטיע טשוואָק
דער וואַסערפיִהרער
האָט געכאַפּט
דעם לעצטען פּיִרער

און, צופלאַקערט
ווי אַ בליִץ,
באַלד אין שענק
אַרײַן מיִט היִץ:

„— אַ גאָט העלף!
אַנוּ, רֶב חַיִים,
גיִסט נאָר אָן
אַ כּוס לְחַיִים

און פון גרעסטען
טאַקע שטאָף.
וואַסער פיִהרען?
אוים, אַ סוף

ווײַל אויף גאַנץ
יְרוּשָלַיִם
וועלען זײַן דאָך
שוֹאֲבֵי־מַיִם

די בְּנֵי גִבְעוֹן!!...
געהט אין ד׳ערד
אִי דאָס פּעסעל,
אִי דאָס פערד!״...

*  *
*

„— הערסטו, סערדצע,
הערסטו האָדעל,
צום שוואַרץ־יאָהר
די שער און נאָדעל,

„אוים, אַנ'עק
צו שניידערײַ,
און אַ לעבען
פון דאָס נײַ!” —

האָט געשריגען
יענקעל שנײַדער:
„כ'נייה אָט באַלד
אַ קלייד פון זײַד די

„און אַ שלעפּ־שאַל
קויף איך דיר . . .
געלד? דו, בְּהֵמָה, —
אָהן אַ שִׁיעוּר,

הוליעט, קינדער!
הוליעט, ברידער!
ווײַל אַז באַלד
גאָט וועט שוין ווידער

מיט זײַן גרויסער,
שטאַרקער האַנד
פיהרען אונז
אין אונזער לאַנד

און דעם בֵּית
הַמִּקְדָשׁ בויען,
בין איך דאָך,
מײַן ווײַב, אַ כֹּהֵן!

זיץ זיך רוהיג
אין געצעלט,
און צו דיר
אַ גאַנצע וועלט

גֶעהט און טראָגט
פון אַלעם בעסטען
הינהער, טויבען
גאַנצע נעסטען,

מַעֲשֵׂר, תְּרוּמָה
פולע זעק,
מעהל און בוימאייל
אָהן אַנ'עק.

וואַרמעם קאָכען,
האַרץ מיינס? אָח,
וואָס דיר גלוסט זיך
נעהם און קאָך —

אַ געבראָטענסעל,
אַנ'ערך,
פון די פעטסטע
שוֹק וְיָרֵך,

מיט אַ צימעסעל
פון שְׁלָמִים
אנגעפעפערט
פול מיט בְּשָׂמִים!

קלייב דיר אויס
דעם בעסטען ביסען
און פערטרינק
מיט יין קַפְרִיסִין.

„האַ? אַ שמאַלץ-גרוב
בֶּנֶאֱמָנוּת...
עס און טרינק
און ברייננ קָרְבָּנוֹת!"...

* *
*

בײַ אַ גלעזעל
גוטען מעד
איז געזעסען
און געערעדט

משה טראַליסקאַן
דער סקלאַדטשיק
מיט רב שלמה׳ן
דעם פּאַדריאַדטשיק:

„— הייסט עס, קלערט איהר
נעהמען דאָרט
דעם פּאַדריאַד?
גאַנץ גוט. נאָר פאָרט,

אַ בית־המקדש
סטרויען... שווערליך!
היינט ביי יודען
געה בלייב עהרליך...

ניין, איך נעהם
דעם אָטקופּ דאָרט, —
אַ געשעפטעל
פערווי סאָרט;

פּשוט זאָגען,
גאָלד צו שפּינען,
ממון קרח
צו פערדינען"...

„— יאָ, רב משה,
אָבער פאָרט,
איהר פערגעסט ניט —
וואָהנען דאָרט

„וועט דאָך נאָר
דאָס פאָלק־ישראל,
אונזער לאַנד
און אונזער קהל,

„זיין ביי זיי
אַ סקלאַדטשיק... אַח!
יודינם שׂכירות
ווייסט איהר דאָך:

אויף הַבְדָלָה
אוּן אויף קִידוּש״ . . .
״— אַי, רֶב שְׁלֹמֹה,
ס'אִיז אַ חִידוּש

מִיר אויף אַיְךְ . . .
ווי הַיְסט . . . אִיהר הֶערְט?
יוּדֶען טרִינקֶען נִיט!?
פֶערקֶעהרט.

גלויבט מִיר, אִיךְ
וועל זַיְין צוּפרִידֶען:
טרִינקֶען ווֶעלֶען
מוּזֶען יוּדֶען,

אוּן טאקע נַ״שׁ
לְמַעַן־הַשֵּׁם;
ס'אִיז אַ פָּסוּק
דאָ אויף דֶעם.

אִיהר גֶעדֶענקט
דֶעם נָבִיא'ס שרַיְיֶען:
הוֹי שְׁכּוֹרִים*)
וְלֹא מִיַּיִן!

הַיְינט בַּעֶקלֶערט,
אַז נִיט פוּן ווַיְין,
מוּז דאָךְ דאָס
פוּן בּראַנפֶען זַיְין!״ . . .

* * *

נַחְמָן־מֶענדֶעל
צִיפֶערבּלאַט,
אַ נִיקאָלאַיֶעווֶער
סאָלדאַט,

האָט גֶעמאַכט
אַ שמוּעֶס אִין מִנְיָן
ווֶעגֶען חַיִל
אִין דֶעם עִנְיָן

*) שכּורת

מִן הַסְתָּם
איז ער גענִיט)
„— חַיָל דאַרף מען,
ווִי דען נִיט?

יונגע לײַט
איז קײן עַיִן הָרַע
דאָ גענוג,
און ס'איז אַ חֲבֵרָא,

אַז פון פּרִיזִיוּ
וועט מען דאָרט
נִיט אַנטלויפען;
אָבער, פאָרט

אַלץ דאַרף זײַן דאָך
בּלאָהאַראָדנע —
אַ פּאָלקאָווניק
און אַ ראָטנע,

דִי אוטשעניע,
דער פּאַראַד
אויסצולערנען
דעם סאָלדאַט

ער זאָל זײַן
אִין סלוזשבּע פלײַסִיג...
אִיז בּכֵן,
האָטש אַ יאָהר דרײַסִיג

אַז אִיך גֶעה
אויף קולִ'עם, האָב
אַ קאָנטוזִיע
אִין קאָפּ,

מִיט אַנ'־אויסשפּרוּך
אַ פּאָנפּאַטען
(בִּירוּשָׁה
פונ'ם טאַטען)

און די לינקע
אויג זעהט אויך
עפּעס אַלץ
ווי דורך אַ רויך

אַנַב, יודען,
ווי איהר זעהט,
בין איך חאָטש-בי
תּיכּף גרייט —

כּדי יודען
ניט פערשעמען -
די קאָמאַנדע
אויף זיך נעהמען;

אַרטילעריע
מיט פּעחאָטע,
מיט האַרמאַטען,
ביקסען . . . בלאָטע:

נייהט נאָר אויף מיר
אַ מונדיר
און איך ווער
אַ קאָמאַנדיר" . . .

* *
*

אויפ'ן שוהל-הויף
ווערט אַ דראַקע:
צוויי בינדיוזשניקעם,
און טאַקע

די, וואָס עבֿרי
ניט אַ וואָרט,
האָבען זיך
צוטענה'ט דאָרט

וועגען דעם,
אויף וואָסער אַרט —
נוסח אַשכּנז
אָדער ספֿרד

דאַוונען  ד אָ ר ט ע ן
זאָל דער עולם . . .
„— אַשְכְּנַז, בְּהֵמָה ! "
„— סְפַרְד, דו, גולם ! " . .

„— יורקע !" . . . „— מַמְזֵר ! !". .
און צום עק —
קלעפּ געבראָטענע,
אַ שרעק . . .

* * *

זעהענדיג
דער עולם'ס פרייד,
הערענדיג
די אַלע רייד

מיט די פּלאַנעס
פונ'ם קהל
אויפ'ן גאַנצען
לאַנד־ישׂראל —,

„—שטעהט, רבותים,
וואַרט נאָר אויס,
אייער גליק
איז טאַקע גרויס —

האָט געזאָגט
משיח. — „יודען!
מעגען טאַקע
זיין צופריעדען,

הוליען אויפ'ן
העכסטען אַרט,
וואָס זיי האָבען
מיך דערוואַרט,

אָבער קודם
אַלע זאַכען
דאַרף איך דאָך
ד י  ב ר י ק  איך מאַכען

ווי איהר הייסט דאך,
פון פאפיר,
ברייגנט־זשע
מאַטעריאל צו מיר״...

— וואס? פאפיר?
אך, מיר פערמעגען
דאס אפילו
אכטצעהן וועגען:

״תנאים... גט...
פריחאָד־ראַסחאָד...
יודען שרייבען,
דאנקען גאט!״...

* *
*

אויפ׳ן שוהל־הויף,
וואו אין בלאָטע
שווימט אַרום
אַ גאַנצע ראָטע

גענז און קאַטשקעס
טאָג און נאַכט,
איז געוועזן
דער סקלאַד געמאַכט.

יונגלעך, מיידלעך,
ווייבער, זקנים
האָבען זיך
צוּיאָגט אינאיינעם

און פאַפּיער
האָט יעדער באַלד
אָנגעבראַכט —
אַ שטעק, אַ גוואַלד,

ספרים, ביכער,
בלעטער, בלעטלעך:
יידען לומדים —
נייע פּשטלעך.

טאַרפּע, טיעפּע —
עַל־פּי־רוב
אויף וַיְזָתָא׳ס
גרויסען „וָאו״,

אויף „צַפִּיחִת״
„אַחַשְׁתְּרָנִים״
מיט נוטריקון
און סְמָנים

אויף דעם רֶמֶז
וואָס איז שַׁייך
צו די ווערטער
„שְׁנֵי שָׁבוּךְ״,

אויף „שְׁנָתַיִם״
אין „מִקֵּץ״
מיט אַ וּבְרַשׁ.
אויף „מוּפַת עֵץ״.

די זשאַרגאָנע
ראָמאַניסטען —
גאַנצע פּעק
פון אלע מיסטען,

ווי לְמָשָׁל
אַ ראָמאַן:
„דרייצעהן ווייבער
און איין מאַן״,

„פון אַ בַּת־מַלְכָּה
מיט צוואַנציג
פעלד־גַזְלָנִים
נעבען דאַנציג״ —

ווי זיי האָבען
מיט געוואַלד
אין אַ גרויסען,
טיעפען וואַלד

זי פערפיהרט
אונ דארט פערבארגען
אין א הייהל,
אונ ווי אויף מארגען

איז געגאנגען
דורכ'ן וואלד
א בעהעלפער
יענקל שפאלט,

נאך א שטעקעל
צו דעם קאנציק
פאר די יונגלעך
(מק"ק דאנציג)

וזאט די בת-מלכּה
געפונען,
די גזלנים
אין א ברונען

זעהר קלוג
אריינגענארט,
אלע צוואנציג
דארט פערשפארט

און אוועק
ביי-נאכט פאמעליך
מיט דער בת-מלכּה
צום מלך;

ווי דער מלך
האט בעלוינט
עם בעהעלפער,
וועלכער וואהנט

איצט אין גינשפריג,
האלט דארט סקלאדען,
פיהרט געשעפטען,
נעהמט פאדריאדען...

און אזוי
אויף דרייַצעהן אייל
אַ ראָמאַן
אין זיבּעצען טהייל...

*
* *

די זשאַרגאָנעָ
גראַמען-קלייַבּער –
שאַרפעָ מֹחות,
וואַשנעָ שרייבּער

מיט פאַנטאַזיעָס –
אַ בּראַנד! –
האָבּען תּיכּף
אייַנגעָשפּאַנט

אַ פּאָר ציעגען
אין אַ שליטען
מיט אַ בּהמה
אין דערמיטען

און געבּראַכט
פּאַפּיער אַ בּאַרג
און געזאָגט,
אַז אויב ס'איז קאַרג

ווילען זיי –
מען זאָל ניט זאָרגען –
נאָך אַזוי פיעל
בּרייַנגען מאָרגען:

שירים מליצות
וואָרט צו וואָרט
אַנ'אַנטיק
צונויפגעפּאָרט,

ווי, למשל:
טאַטע,
שמאַטע;
ציעגען,
פליעגען;

אִיציעֶ,
פִּיציעֶ,
פִּיצעֶרִיצעֶ;
קעֶפּעֶל,
קנעֶפּעֶל,
טעֶפּעֶל
יויךְ;
אפּיקוֹמָן,
קוימעֶן,
רויךְ...

קוּרץ געֶזאָגט —
אַזעֶלכעֶ גראַמעֶן,
וואָס מעֶן קאָן
מִיט זײַ זִיךְ סַמ׳עֶן...

*
* *

די פאָלעֶמִישעֶ
קרִישִיק —
שמאַטעֶס, בוי
חאָטש דרײַצעֶהן בריק:

ספּליאַטקעֶס, מַעֲשֶׂה׳לעֶךְ
צום לאַכעֶן
פון אִינטימנעֶ
פרעֶמדעֶ זאַכעֶן:

וואָס טרִינקט דעֶר,
וואָס יעֶנעֶר עֶסט,
ווער בײַ ווע‏מעֶן
זִיצט אויף קעֶסט, —

מִיט א שפּראַךְ,
וואָס זי צו הערעֶן
בַּעַל־עֲגָלָה׳ס
דאַרף מעֶן ווערעֶן...

*
* *

אויף פּאַפּיער
פון שענסטע אַרט
האָט מְשִׁיחַ'ן
געבראַכט

זיין אָטשאָט
דער פּרנס־חודש ,
וואו ס'איז יעדע
ציפּער קודש :

וואָס, פון וועמען,
ווער און וועם —
און קיין קאָפּיקע
ביי דעם...

איהר אָטשאָט —
די תּלמוד־תּורה ,
אָבגעדרוקט
מיט מָרה שְׁחוֹרָה...

און דער הקדש
און די שוהל —
אַנ'אָטשאָט
מיט ציפער פול :

וויפיעל שפּאַלטען,
וויפיעל לעבער
אין די וועגד
און אין די דעכער ,

וויפיעל הייצונג
געהט אוועק
ס'זאָל דאָרט זיין
אַ קעלט — אַ שרעק .

דער ראַבינער —
זיינע דְרָשׁוֹת ,
וואָס פון זיי
שלאָגט אָן חלשות...

בַּעֲלֵי־טאַקסעֶם —
דעֶם קאָנטראַקט,
וואָ עֶס שטעֶהט
בְּפֵירוּשׁ: „האַקט,

רייַסט און שינדט
די הויט פון קוּנֶה,
ווי פון איַיעֶר
גרעֶסטעֶן שׂוֹנֵא“...

די רַבָּנִים,
די מוּפְלָגִים —
שְׁאֵלוֹת־תְּשׁוּבוֹת
וועֶגעֶן סְיָגִים,

יַיִן־נֶסֶךְ
און חֲלִיצָה,
סִמָּן־נְעָרוֹת
און מְצִיצָה...

חֶבְרָה־שנייַדעֶר —
גאַנצעֶ פּעֶק
מיט מְסִירוֹת
אָהן אַן עֶק:

אויף די קלעֶפּ
הוֹשַׁעְנָא־רַבָּה
אין בֵּית־מֶדְרָשׁ
פאַר דעֶם גַבַּאי,

אויף דעֶם סטאַראָסטעֶם
„ד אָ ח אָ ד“,
אויף דעֶר שוּהל
און אויף דעֶר באָד...

די מְלַמְּדִים
פוּנ'ם שטעֶדטיל —
אַ פאָדראָכנעֶם
לאַנגעֶן צעֶטיל

ווִיפִיעל מאָל
אויף יעדע שָׁעה
שטאַרבען זיי
פון הונגער דאָ ;

ווִיפִיעל קרומע
און האָרבאַטע
און זאַיקע
און פאָנפאַטע

זענען צווִישען זיי
פאַרהאַן ,
און ד רצו
געמאַכט אַ פּלאַן ,

אַ קאַרטינע
פון׳ם חֶדֶר ,
זאו זיין אָרט
פערנעהמט דאָרט יעדער :

וואו די קוואָטשקע,
וואו די ציעג,
וואו די בעט
און וואו די וויעג...

וואָבערניקעס —
לאַנגע ספּיסקעס,
ווי געמאָטעוועט
די קישקעס

ביי יְתוֹמִים
און אַלְמָנות
מיט פּראָצענט —
פאַר גרויס רַחֲמָנוּת...

דער פּאָדריאַדטשיק
פון דער באָד
האָט געבראַכט
אַ לאַנגען סטשאָט ,

וואו ס'אִיז דײַטליך
אַלץ פֿערשריִעבּען ,
וואָס בּײַ אִיהם
אִיז נ ִי ט געבּליִבּען...

פֿוּ אִיספּראַוונִיק
דער דיעסיאַטסקע
האָט געבּראַכט
אַ גאַנצע טאַצקע

פֿוּל מִיט יודִישע
דאָנאָסען
און געזאָגט
בְּזֶה הַלָשׁון :

„— הַיּוֹת, דער עוֹלָם
געהט אַוועק ,
טאָ נעהמט מִיט זיך
אָט די פּעק

ספּליאָטקעס, פּראָזבּעס
אַלע סאָרטען ,
לאָז מען זײַ שוין
רעשען ד אָ ר ט ע ן".

*
* *

קוּרץ, פּאַפּיִער
פֿון אַלע ווערק
גאַנצע סקִירדעס,
גאַנצע בּערג —

אַ דערקוויִקעניש
צו זעהען !...
אָבער הערט,
וואָס ס'אִיז געשעהען :

אַז מָשִׁיחַ
האָט בּעטראַכט,
וואָס דער עוֹלָם
האָט געבּראַכט —

אָט די אַלע
אַלטע שמאַטעס,
דאָ מיט לעכער,
דאָרט מיט לאַטעס,

אָט דעם שמוץ,
דאָס מיסט און שטויב,
וואָס עס מאַכט אונז
בלינד און טויב,

וואָס פּערצאַמט
דעם וועג דעם ברייטען,
ווי מיט גראָבע,
שווערע קייטען

און עס מאַכט
צו שפּאָט און שאַנד
אונזער פאָלק
אין גאַנצען לאַנד,

ביי דעם מינדסטען
אין די אויגען, —
האָט ער טיעף
דעם קאָפּ געבויגען

און געזאָגט:
„— ניין, ברידער, ניין...
אֶפְשַׁר איז דאָס
גוט און שיין,

אָבער חוץ
גאָר אַלע זאַכען,
אויף די בריק,
וואָס איך דאַרף מאַכען,

ניט אזא מין
סאָרט פּאַפּיער
ליעבע ברידער,
טויג פאַר מיר

פון דעם ביטערען
אונ בייזען
גלות־יודען
צו דערלעזען...

אונ משיח
האט זיין פערד
פון דעם שטעדטיל
אבגעקעהרט

אונ מיט טרויער,
שמערץ אונ צארען
וייט פון דארט
אוועקגעפאהרען...

# מָשִׁיחַ'ס צַייטֶען.

## דִי לֶעצְטֶע קָאפֵּיקֶע.

### (אַ באָבֶע=מַעֲשֶׂה)

I.

אִין אַ גֶעוִויסֶען שְׁטֶעדְטִיל מִיט'ן נָאמֶען שְׁמוּינֶעוְקֶע, דָארְט וואוּ אַמָאל הָאט גֶעוואָהנְט רֶב לֵייבֶעלֶע פֶּעלְצֶעל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן וואוּ פוּן דֶעמָאלְט אָן גֶעהט נִיט דוּרְךְ אַ יָאהר אַז עֶס זָאלֶען נִיט גֶעבּוֹירֶען ווערֶען אַ זֶעקְס=זִיבֶּען צְווִילִינְג, — אִין דֶעם דָאזִיגֶען בֶּערִיהמְטֶען שְׁטֶעדְטִיל הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַ גֶעשִׁיכְטֶע, וואָס ס'אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְצֶעהלֶען.

אַמָאל, אִין אַ לִיכְטִיגֶען שֶׁעֶנֶעם פְרִיה=מָארְגֶען, אִיז מֶען גֶעוואָהר גֶעוואָרֶען, אַז אִין גַאנְץ שְׁטֶעדְטִיל אִיז נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אֲפִילוּ אַן'אֵיינְצִיגֶע מְזוּמֶנֶע קָאפִּיקֶע.

אִין פְלוּג אִיז דָאס גָאר אַ ווילְדֶע זַאךְ, וואָרוּם ווי גֶעשִׁיקְט זִיךְ, אַז עֶס זָאל בֵּיי יוּדֶען נִיט בְּלֵייבֶּען אֲפִילוּ אַ קָאפִּיקֶע?

אֱמֶת, עֶס טְרֶעפְט זִיךְ, אַז כִּמְעַט בֵּיי אַ הַאלְבֶּער שְׁטָאדְט יוּדֶען גֶעפִינְט זִיךְ נִיט נָאר אַ מְזוּמֶנֶע קָאפִּיקֶע, אֲפִילוּ קֵיין צוּבְּרָאכֶענֶער גְרָאשֶׁען נִיט אוּן ס'אִיז נִיטָא נִיט קֵיין מֶעהל אוֹיף חַלָּה, נִיט אַ בִּינְטֶעל שְׁטְרוֹי אוֹיף הֵייצוּנְג, נִיט אַ שְׁטִיקֶעל הֶעמְד אוֹיפ'ן לֵייבּ אוּן דֶערְבֵּיי טַאקֶע אִיז דָא אַ בַּעַל=טַאקְסֶע מִיט גֶעבְּרָאטֶענֶע קִישְׁקֶעס, אַ רַאבִּינֶער, וואָס עֶסְט יֶעדֶען טָאג רָאקֶעס אוּן טְרִינְקְט קַאווֶע מִיט סֶעהֶערְלֶעךְ, הַיינְט וואוּ אִיז, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אַ דָאקְטָאר מִיט אַ טְרֵיפָה קִיךְ, אַן'אַפְּטֵייקֶער מִיט אַ גֶעגָאלְטֶער מָארְדֶע, אַ פְּצָדְוואַרִינֶע, וואָס שְׁפִּיעלְט שַׁבָּת אִין קָארְטֶען אוּן אַ יוּד אַ חַלְפָן, וואָס חַאפְּט אִיהם אָן, ווייסְט

עֶר חִיפִיעֶל פֶּערֶענֶעס, קִישֶׁען אוּן לַייכטֶער זֶענֶען פַארהַאן אִין שְׁטֶעדטִיל, — אָט דִי אַלֶע, מִישׁטַיְינס גֶעזָאגט, כְּלֵי־קוֹדֶשׁ, אָה חֶעלכֶע עֶס קָאן קַיְין קִיוּם נִיט הָאבֶּען דָאס קלֶענסטֶע יוּדִישֶׁע שְׁטֶעדטִיל אוֹיף דֶער חֶעלט? . . .

נָאר ווִי דִי מַעֲשֶׂה אִיז, קוּמֶען אָבֶּער פָאר אוֹיף דֶער חֶעלט זַאכֶען חָאס נָאר שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. בְּכֵן דֶערצֶעהל אִיךְ אַייךְ, הָאט זִיךְ גֶעטרָאפֶען אִין שְׁמוֹינֶעחקֶע, אַז זוּךְ פוּן הַיינט בִּיז מָארגֶען חָאלט זִיךְ נִיט גֶעפִינֶען לֹא עֲלֵיכֶם אַ יוּד, חָאס בַּיי אִיהם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַפִילוּ אַנ׳אֵיינצִינֶע קָאפִּיקֶע, מַמָּשׁ, ווִי מֶען זָאגט, חָאטְשׁ צָאהל אַ רֶענדֶעל פַאר אַ קָאפִּיקֶע.

אַז דָאס הָאט דֶערחָאוּסט דֶער רָב, הָאט עֶר רֵאשִׁית־דָּבָר גֶעחָאשֶׁען דִי הֶענד אוּן גֶעמַאכט שֶׁהֶחֱיָנוּ אוּן דֶערנָאךְ גֶעשִׁיקט לָאזֶען בֶּעטֶען צוּ זִיךְ דִי גרֶעסטֶע בַּעֲלֵי־בָּתִּים אוֹיף אַיין אֲסִיפָה.

דֶער שַׁמָּשׁ אִיז אַרוּמגֶעלָאפֶען ווִי אַ פֶערסַמטֶער אִין אַלֶע גַאסֶען, אוּן טַאקֶע בַּאלד נָאךְ מַעֲרִיב אִיז דֶער עוֹלָם זִיךְ צוּנוֹיפ־גֶעגַאנגֶען בַּיי׳ם רָב.

דֶער רָב הָאט גֶענוּמֶען אַ בּרֵייטֶען שְׁמֶעק־טַאבַּאק, אוֹיס־גֶעהוּסט זִיךְ אוּן גֶעזָאגט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן:

„—רַבּוֹתַי! צוּ דֶעם בּוֹרֵא־עוֹלָם קָאן מֶען קַיְין טַעֲנוֹת נִיט הָאבֶּען; צוּוַדַּאי אִיז עֶר גֶערֶעכט אוּן זַיין מִשְׁפָּט אִיז רֶעכט אוּן אַ יוּד אִיז מְחוּיָּב אַלֶץ אָננֶעהמֶען פַאר לִיעבּ, חָארוּם בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים זֶענֶען מִיר אַוַדַּאי נִיט חֶערטה אֲפִילוּ אַ טוֹיזֶענד־חֵלֶק פוּן זַיין גֶענָאד אוּן לַייטזֶעלִיגקַייט, חָאס עֶר טְהוּט מִיט אוּנז, בְּכֵן אִיז דֶער שֵׂכֶל מְחַיֵּב אַז דָאס חָאס גָאט בָּרוּךְ הוּא טְהוּט מִיט אוּנז אִיז לְגַמְרָא נָאר פַאר זְכוּת אָבוֹת. — וּבִפְרַט, רַבּוֹתַי, בִּיאַת־הַמָּשִׁיחַ, חָאס דָאס אִיז דִי גרֶעסטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער חֶעלט אוּן אוֹיף חָאס יוּדֶען חַארטֶען שׁוֹין טוֹיזֶענדֶער יָאהרֶען. ווִי, זָאגט מִיר, גֶעשִׁיקט זִיךְ, אַז מִיר, אִיךְ בֶּעט אַייךְ מְחִילָה, מִיט אוּנזֶערֶע מַעֲשִׂים־טוֹבִים, אוּנזֶער פרוּמקַייט אוּן אוּנזֶער יוּדִישקַייט זָאלֶען הָאבֶּען דֶעם זְכוּת צוּ מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה? . . .

נָאר אוֹיף גָאט פרֶעגט מֶען קַיְין קֻשְׁיוֹת נִיט. דִי גְּמָרָא זָאגט: הַמָּשִׁיחַ לֹא יָבֹא עַד שֶׁתִּכְלֶה פְּרוּטָה מִן הַכִּיס . . . יוּדֶען! נִיט אָבּ אַ עֵבַח צוּ זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען: אִין גַאנץ שְׁמוֹינֶעחקֶע אִיז נִיט גֶעבְּלִיעבֶּען קַיְין אֵיינצִיגֶע קָאפִּיקֶע. אִיז בְּכֵן גרֵייט זִיךְ, יוּדֶען, לְבִיאַת הַמָּשִׁיחַ!“ . . .

עֶטלִיכֶע מִינוּט איז דער עוֹלָם גֶזֶעסֶען ווִי אַפֶערטוּמעלטער. בִּיאַת־הַמָשִׁיחַ! . . . עֶפֶּעס אַ קלַייְנִינקַיט צוּ זָאגֶען—גרַייְט זִיךְ לְבִיאַת־הַמָשִׁיחַ . . . אֶמֶת, וואָסעֶר יוּד איז נִיט מוּכָן וּמְזוּמָן יֶעדֶען טאָג, אַז אָט וועט זִיךְ דערהערֶען דער קוֹל פוּן שׁוֹפָר, די לאַנגעֶ תְקִיעָה־גְדוֹלָה, וואָס וועט גֶעהן פוּן אֵיין עֶק וועלט בִּיז דעם צווייטען, אוּן אוֹיף דעם בּאַרג גְרִיזִים וועט זִיךְ בֶּעווייזען דער גוֹאֵל־צֶדֶק רייטענדיג אוֹיפ׳ן ווייסֶען פערד..אָבער גלאַט אַזוֹי זָאגֶען מִיט אַמָאל: גרַייְט זִיךְ, מָשִׁיחַ גֶעהט!! . . .

—רֶבִּי — האַט זִיךְ צוּלֶעצט אָנגֶערוּפֶען אֵיינֶער פוּן די בַּעֲלֵי־בַּתִּים— איז הייסט עס פאַלֶעסטִינאַ, מִיט די חוֹבְבֵי־צִיוֹן הייסט עס אוּן מִיט די קאָלאָניעס...

נאָר דאָ האָט זִיךְ אוֹיפגֶעהוֹיבֶען מְנַשֶׁה־מֶענדעל דער פאָדריאַדטשִׁיק, האָט אַרוֹיסגֶעשלֶעפּט פוּן בּוּזִים־קֶעשֶׁענֶע אַ גרָאָב פֶּעקֶעל פאַפִּירען, אִיבֶּערגֶעבּוּנדען מִיט אַ בלאָען וואָלֶענעם פאָדעם, אַפאַטש גֶעטהוּן אִין טִישׁ אוּן גֶעזָאגט:

— רַבּוֹתַי! וואַרט אוֹיס אַ ווייַלֶע. . . אִיךְ האָב אַקוּראַט היינט צוּנוֹיפג פִיהרט דעם חֶשְׁבּוֹן פוּן דער פּאָסטרוֹיקֶע, אִיךְ מיין פוּנ׳ם מֶרְחָץ מיין אִיךְ, אוּן האָב טאַקֶע בְּדֵעָה גֶעהאַט צוּ בֶּעטֶען דעם רָב זָאל לֶעבֶען מאַכען אַנ׳אֲסֵיפָה, כְּדֵי. . .

— האַ?, וואָס? — האָבֶען זִיךְ דערהערט קוֹלוֹת פוּן אַלֶע זייטען: וואָס חֶשְׁבּוֹן?. . . ווער חֶשְׁבּוֹן?. . . וואָס וויל ער אִיצט מִיט זיינע חֶשְׁבּוֹנוֹת? . . .

— שׁאַט, רַבּוֹתַי, שׁאַט! — האָט זִיךְ דאָ דערהערט דעם רב׳ס קוֹל: אַנוֹתָר. . . שׁאַט, רַבּוֹתַי, אַנוֹתָר. . .

— אַ נוֹתָר?!?!

אִין אֵיין רֶגַע זֶענֶען אַלֶע, ווִי מֶען זָאגט, פֶערשׁטוּמט גֶעוואָרֶען.

— זָאגט, רֶב מְנַשֶׁה־מֶענדעל — האָט זִיךְ דער רָב גֶעווענדט צוּ׳ם פאָדריאַדטשִׁיק: זָאגט, וואָס האָט אִיהר גֶעוואָלט מוֹדִיעַ זיין דעם עוֹלָם?

— אִיךְ האָב גֶעוואָלט זָאגֶען, יוּדען, אַז כְּפִי דעם חֶשְׁבּוֹן, כְּפִי דעם סַךְ הַכֹּל מיין אִיךְ, איז דאָ אַנ׳סטאַטאָק פוּן דער פאָסטרוֹיקֶע, אִיךְ מיין פוּנ׳ם מֶרְחָץ מיין אִיךְ, איז לְעֵת־עַתָּה גֶעבּלִיבֶען בּיי מִיר קָהָלְשֶׁע גֶעלד. . .

— ווִיפִיעל?. . . ווִיפִיעל?

— אַ קאָפּיקע.

און מְנַשֶׁה=מענדעל האָט טאַפּענדיג אַרויסגענומען פון צווישען די צעטלעך אַ פּאַקעטיקעל פון אַ שטיקעל פּאַפּיער, צעוויקעלט עס און אַרויסגעלעגט אויפ׳ן טיש אַ קאָפּיקע.

אַ מינוט פּינקט האָט געדויערט אין אַ טיפען שטיל=שווייגעניש איבער׳ן גאַנצען ציטער, וואו ס׳איז געזעסען די אֲסִיפָה. די גאָהענטערע האָבען געקוקט אויף די קאָפּיקע עפּעס ווי צו מישטע, יונגע לייט ה. בען אויסגעצויגען די קעפּ צו דערזעהן האָטש פון ווייטענס די קאָפּיקע, גלייך ווי זיי וואָלטען נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַ צורת מַטְבֵּעַ אין די אויגען.

צולעצט האָט זיך ווידער אָנגערופען דער רָב און געזאָגט:

— אַ נוֹתָר, זאָגט איהר, רֶב מְנַשֶׁה=מענדעל? אַוַדַאי זענט איהר גערעכט, אַ נוֹתָר איז אַ נוֹתָר, נאָר אֶפְשַׁר האָט איהר זיך טועה געווען, רֶב מְנַשֶׁה=מענדעל? אין אַ חֶשְׁבּוֹן מאַכט זיך אַמאָל, פערשטעהט איהר מיך, אַ טָעוּת...

— אַ טָעוּת! אַ טָעוּת! אַוַדַאי אַ טָעוּת!! — האָבען זיך דערהערט קוֹלוֹת פון אַלע זייטען, — נאַט אייך אין מיטען דרינגען אַנ׳אָסטאַטאָק! ביים פּאָדריאַדטשיק אַנ׳אָסטאַטאָק!..

— ס׳איז בְּנֶאֱמָנוּת אַ קומעדיע מיט יודען! — האָט זיך צובייזערט מנשה=מענדעל: פּשוט אַנ׳אַקט, ווי איך בין אַ יוד!.. פאַר אַ יאָהרען ביי׳ם חֶשְׁבּוֹן, ווען איך האָב מוֹדִיעַ געווי׳ן, אַז עס פעהלט געלד צו דער פאָסטרויקע, האָט דער עוֹלָם געליאַרעמט: „ס׳אַ ליגען, ס׳אַ ליגען, ס׳מוז נאָך זיין אַנ׳אָסטאַטאָק לְכָל=הַפָּחוֹת ק״ן רובל“... וואָס? אֶפְשַׁר ניט אֱמֶת? און איצט, אַז איך זאָג אַליין, ס׳איז דאָ אַ נוֹתָר און לעג איהם אַרויס אַ מְזוּמָנֶעם, איז נאַט אייך אַקוראַט קאַפּויר...

— רֶב מְנַשֶׁה=מענדעל—האָט זיך דאָ אַריינגעמישט דער רָב: איך בעט אייך טויזענד מאָל מְחִילָה...מֵילָא וואָס, יונגע לייט, נאַרען, זיי פערשטעהען אַליין ניט וואָס זיי רעדען...עט, נעהמט זיך ניט צו׳ם האַרצען... דער עִיקָר איז דאָ ניט דער חֶשְׁבּוֹן — די קאָפּיקע איז דער עִיקָר, וואָרום איהר פערשטעהט...

און דאָ האָט זיך דער רָב ווידער געווענדעט צו דער אֲסִיפָה:

— רַבּוֹתַים, — האָט ער געזאָגט — בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים איז, ווי עס זעהט אויס, נאָך ניט געקומען די צייט, אז מיר, יודען, זאָלען דערלייזט ווערען. מָשִׁיחַ קען נאָך ניט קומען, ווייל דאָס וואָס די גְמָרָא זאָגט איז ביי אונז ניט מְקוּיָם געוואָרען, — בִּיי קָהָל, ווי איהר זעהט, איז נאָך דאָ געלד . . .

— רֶבִּי — האָט זיך אָנגערופען איינער פון די בַּעֲלֵי־בָתִּים, א יוד אַ חָכָם, אין די פריהערדיגע יאָהרען דער ערשטער בַּעַל־עֵצָה אין אלע קָהָלְשֶׁע זאַכען: רֶבִּי, האָט ער געזאָגט, מֵילָא, דארף מען בעקלערען דעם עִנְיָן און געבען זיך אַן עֵצָה.

— אַדְרַבָּא — האָט געענטפערט דער רָב — זאָגט איהר, רֶב קַלְמָן, וואָס זאָל מען טהון?

רֶב קַלְמָן איז געזעסען פערטראַכט אַ פּאָר מינוט און צו־לעצט האָט ער אַזוי געזאָגט:

רֶבִּי, איך מיין, אז די קאָפּיקע זאָל מען אריינוואַרפען אין טייך.

— אין טייך—האָט זיך דערהערט צווישען די יונגע לייט— איהר הערט, ער זאָגט: אריינוואַרפען אין טייך . . .

— שאַ! שאַ!! — האָט אויסגערופען דער רָב — שווייגט, יונגע לייט, לאָזט רייידען . . . מ־מ־מע . . . און וואָס מיינט איהר וועגען דעם, רֶב שְׁלֹמֹה, רֶב אַבְרָם־בער, רֶב־מָרְדְּכַי . . .

רֶב שְׁלֹמֹה, א יוד אַ לַמְדָן, האָט פערנומען אין האַנד די באָרד, אַ הוסט געטהון און געזאָגט:

— אין טייך? ניין, אין טייך ניט. וואָרום רֵאשִׁית, איז דאָס פָּשׁוּט עוֹבֵר זיין אויף בַּל־תַּשְׁחִית און צווייטענס, איז דאָס גלאַט קיין פלאַן ניט: די קאָפּיקע קען איינשלינגען אַ העכט און ווער ניט איז פון אונז זאָל אַקוראַט דעם העכט אָדער אַליין חאַפּען, אָדער קויפען און ווידער טאַקע בעקומען די איינענע קאָפּיקע. אֶלָּא וואָס? מיר זענען ניט קיין פישער און קויפען וועלען מיר אויך ניט, וואָרום ס'איז קיין געלד ניטאָ. אֱמֶת. נאָר פאַר נאָט איז דאָך אָבער ניטאָ קיין אונמעגליכקייט . . . בְּכֵן איז מיין עֵצָה: הֱיוֹת, אַזוי ווי פָּטוּר צו ווערען די קאָפּיקע דאַרף מען כְּדֵי צו מְקָרֵב זיין די גְאוּלָה, איז די עֲבֵרָה פון בַּל־תַּשְׁחִית שוין ניט אַזוי גרויס און אַזוי ווי אין טייך וואַרפען איז קיין פלאַן ניט, זאָל מען די קאָפּיקע בעסער אַריינוואַרפען אין מִקְוָה. אין מִקְוָה חאַפּט מען קיין פיש ניט און חוץ דעם איז דאָרט אויפ'ן גרונד

אַזאַ טיִעפֶע און נֶעדריִכטֶע בלאָטֶע, אַז די קאָפּיקֶע װעט אין איהר אײַנגעזונקען װערֶען אויף אײביג.

— יאָ, יאָ! אָט דאָס איז טאַקע אַ פּלאַן—האָבען זיך דער־הערט קולות אַרום.

— נײַן, ליִעבע יודען, דאָס איז גאָר קײן פּלאַן ניט! — האָט זיך אָנגערופען רֶב מָרְדְכַי יאַנעװער, אַ יוד אַ מַשְׂכִּיל, שוין אַ יאָהר פּופּצעהן בליוס זיִטעל אין דער תַּלְמוּד־תּוֹרָה: דאָס איז קײן פּלאַן ניט — נעהמען קָהָל׳שע געלד און װאַרפען אין בלאָטע. בעסער אָט װאָס: שוין אַ יאָהר צעהן אַז אין תַּלְמוּד־תּוֹרָה קאַפּעט דורך דער סטעליע װײַל אין דאַך זענען עטליכע לעכער. איז װאָלט זײַן אַ יוֹשֶׁר, אַז די קאָפּיקע זאָל מען אַסיגנירען אויף רעמאָנט אין דער תַּלְמוּד־תּוֹרָה. װי מײנט איהר, העער גלאָזמאַן?

רֶב שְׁלֹמֹה גלאָזמאַן, דער קאַזנאַטשײ פון דער גרויסער שוהל אין שמוינעװקע, האָט זיך אַ גלעט געטהון דאָס סיִװע בערדעל און געזאָגט:

— אַוַדַאי, רֶב מָרְדְכַי, זענט איהר גערעכט. די תַּלְמוּד־תּוֹרָה דאַרף טאַקע רעמאָנט און ס׳װאָלט טאַקע בְּפֵירוּשׁ זײַן אַ יוֹשֶׁר . . . נאָר ניט איצט. װאָרום אַז באַלד מָשִׁיחַ װעט קומען, װעלען מיר דאָך מעהר ניט דאַרפען דאָ קײן תַּלְמוּד־תּוֹרָה. אֱמֶת טאַקע, מ׳װעט ניט דאַרפען קײן בָּתֵּי־מְדְרָשִׁים און קײן שוהלען אויך ניט. נאָר צװישען אַ תַּלְמוּד־תּוֹרָה און אַ בֵּית־מְדְרָשׁ איז אַ גרויסער חִילוּק: אַ תַּלְמוּד־תּוֹרָה איז דאָך ניט מעהר װי אַנ׳־אוטשילישטשע, אַ שקאָלע, נאָר אויפ׳ן יודישען אַרט, אַ שוהל אָבער, אַ בֵּית־מְדְרָשׁ איז אַ מָקוֹם־קָדוֹשׁ. אין תַּלְמוּד־תּוֹרָה, זאָגט איהר, קאַפּעט דורך דער סטעליע. נו, און אין שוהל בײַ אונז קאַפּעט דען ניט? בײַ אײך איז אין דאַך דרײַ לעכער און בײַ אונז אין שוהל איז דרײַצעהן. מיר װעלען טאַקע, אַז אם יִרְצֶה־הַשֵּׁם מָשִׁיחַ װעט קומען, ניט מיטנעהמען מיט זיך ניט די תַּלְמוּד־תּוֹרָה, ניט די שוהל. אָבער איבערלאָזען דאָ אַ שוהל, אַ מָקוֹם קָדוֹשׁ, מיט לעכער—איז אַ חִילוּל־הַשֵּׁם, בְּכֵן איז מײַן עֵצָה, אַז די קאָפּיקע זאָל מען אַסיגנירען אויף רעמאָנט אין אונזער שוהל—עס זאָל חַס־וְשָׁלוֹם קײן חִילוּל הַשֵּׁם ניט זײַן . . .

— חִילוּל־הַשֵּׁם — זאָגט איהר? — האָט זיך דאָ אַרויס־געחאַפּט מיט אַ קװיטש רֶב גֶרְשׁוֹן טשװאָק, דער גַבַּאי פון חֶבְרָה־קַדִישָׁא: חִילוּל־הַשֵּׁם, רֶב שְׁמוּאֵל? נײַן, לאָזט מיך רײדען...

אַ שוהל איז אַוודאי אַ מקום־קדוש און איז פיעל גרעסער פון אַ תּלמוד־תּורה. נו, און אַ בית־עולם? האַ? דער רב זאָגט: מיתה וועט קומען. גוט. וועלען מיר אַרויסנעהמען פון שוהל די ספרי־תּורה׳ס, די מנורה פון עמוד, די העַנגלייכטער, די פּרוכת׳ן, דעם כּיור, אַפילו אַלע שמות פון אונטער דער בימה אויסראַמען, איז בלייבען נאָר פיער ווענד מיט אַ פּאָקרישקע; דער בית־עולם אָבער מיט די קברים און מיט די מצבה׳ס וועט דאָך בלייבען דאָ אין גאַנצען, היינט זאָגט, רבותים, אַז אָט איז שוין צוואַנציג יאָהר אַז דער בית־עולם שטעהט כמעט נאָר אָהן אַ פּאַרקאַן און חזירים, בהמות און פערד געהען זיך אַרום צווישען די מצבה׳ס און פערגאַדיען די קברים, איז דאָס ניט אַ חילול־השם? און וואָלט דען ניט זיין אַ יושר, אַז מען זאָל די קאָפּיקע אָוועקגעבען אויף אַ פּאַרקאַן צו׳ם בית־עולם, דער בית־עולם איז בילכער פון אַ שוהל, און חוץ דעם האָבען אונזערע בתּי־מדרשים דאָחאָד מעהר פונ׳ם בית־עולם...

— דאָחאָד — זאָגט איהר? — דאָחאָד?! — האָט זיך אויפגעחאַפּט גלאָזמאַן: ווי הייסט? מיר גיבען דען ניט אָב חשבון פון יעדער קאָפּיקע?

— און פון ראַסחאָד אויף תּיקון אויך? — האָט זיך דאָ דערהערט מיט אַ געלעכטעריל פון צווישען דער יונגער חבֿרה.

— האַ, וואָס? אויף תּיקון? — האָט זיך צושריגען גלאָזמאַן: און חבֿרה־קדישא, די שיכּורים, די פּיאַניצעס! פון זיי נעהמט איהר דען אָב וועגן ניט איז אָטשאָט?...

— הערר גלאָזמאַן! איך בעט אייך איינהאַלטען אַ ביסעל די צונג! — האָט אַ קוויטש געטהון רב גרשון טשוואָק, — בעסער זאַטשעפּעט זיך ניט, וואָרום...

— רבותים! רבותים! — האָט זיך אַ חאַפּ געטהון דער רב — איך בעט אייך... געוואַלד, בעלי־בתּים... יודען....

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

II.

אין דעם זעלבינגען אָווענד בשעת ביי׳ם שמוינעווקער רב איז געזעסען די אסיפה, איז געקומען צו משה׳ן אַ שליח מן־השמים און האָט איהם געגעבען צו וויסען, אַז אַזוי און אַזוי: אין אַ שטעדטיל מיט׳ן נאָמען שמוינעווקע איז ביי יודען ניט

גֶעבּלִיבֶּען קֵיין אֵיינצִיגֶע קָאפִּיקֶע. אֵיין קָאפִּיקֶע אַ קְהָלְשֶׁע אִיז אַפִּילוּ נָאךְ דָא, נָאר דָארט זִיצְט בַּיים רָב אַנ'אֲסִיפָה אוּן מֶען װעט זִיךְ שׁוֹין בְּוַדַאי אַנ'עֵצָה גֶעבֶּען, װָאס צוּ טהוּן מִיט דער קָאפִּיקֶע, — יוּדען זָאלֶען לֶעבֶּען מַאכֶען אַ תֵּל פוּן קָהָל'שֶׁע דִינֶערטֶער אוּן טוֹיזֶענדֶער, װעט אִיבֶּער אַ קָאפִּיקֶע שׁוֹין מִן־הַסְתַּם קֵיין עִיכּוּב נִיט זַיין, — כֵּן מוּז דאָךְ מְקוּיָם װערֶען װָאס דִי גְמָרָא זָאגט װעגען בִּיאַת הַמָשִׁיחַ.

— קֵיין אֵיינצִיגֶע קָאפִּיקֶע? — הָאט זִיךְ אָנגֶערוּפֶען פֶערװאוּנדֶערט מָשִׁיחַ, — הַיִתָּכֵן? װִי גֶעשִׁיקט זִיךְ, אַז בַּיי יוּדען זָאל נִיט בְּלַייבֶּען אַפִּילוּ אַ קָאפִּיקֶע? וּבִפְרַט בַּיי הַיינטִיגֶע יוּדען װָאס פַאר אַ קָאפִּיקֶע זֶענֶען זֵיי גְרֵייט אוֹיסרַייסֶען אֵיינֶער בַּיי'ם אַנדערען בָּארד אוּן פֵּאוֹת אוּן פַאר אַ רוּבּל פֶערקוֹיפֶען אַנ'אֵייגְנֶעם טַאטֶען . . . בְּלַייבּט דאָךְ דִי קַשְׁיָא, װִי אַזוֹי הָאט דָאס גֶעקָאנט פַּאסִירֶען, אַז אַ גַאנצֶע קְהִלָּה קְדוֹשָׁה זָאל אַזוֹי פֶערָארִימט װערֶען? נָאר פַאר דעם בּוֹרֵא־עוֹלָם אִיז דאָךְ נִיטָא קֵיין אוּנמֶעגלִיכַייט אוּן װָאס דִי גְמָרָא זָאגט מוּז דאָךְ מְקוּיָם װערֶען. — בְּכֵן דַארף מֶען פָאהרֶען.

מָשִׁיחַ הָאט גֶעהֵייסֶען אַרוֹיספִירֶען פוּן שְׁטַאל דָאס װַייסֶע פֶערד אוּן צוּגְרֵייטֶען דעם שׁוֹפָר.

דָאס פֶערד, װָאס אִיז אָבגֶעשְׁטַאנֶען אִין שְׁטַאל כַּמָה הוּנדֶערט יָאהרֶען, אִיז גֶעװעזֶען בֶּעדעקט מִיט שְׁמוּץ אוּן מִיט שְׁטוֹיבּ, אַזוֹי אַז מֶען הָאט אִיהם קוֹים אָבגֶעװַאשֶׁען אוּן אָבגֶעפּוּצט. דער שׁוֹפָר אִיז אוֹיךְ פֶערשְׁטוֹיבְּט גֶעװָארֶען אוּן מֶען הָאט אִיהם אַ גַאנצֶע שָׁעָה גֶעדַארפט װַייקֶען אִין עֶסִיג. אוּן גַאנץ נַאטִירלִיךְ: זֶעהֶענדִיג אוּן הֶערֶענדִיג אַלץ װָאס טהוּט זִיךְ בַּיי יוּדען הָאט מָשִׁיחַ גָאר נִיט גֶעקָאנט קְלֶערֶען, אַז עֶר זָאל אִין גִיכֶען דַארפֶען פָאהרֶען צוּ דערלֵייזֶען דָאס פָאלק יִשְׂרָאֵל. מֵילָא, עֶס זָאל נִיט בְּלַייבֶּען בַּיי יוּדען אַפִּילוּ אַ קָאפִּיקֶע פוּן דעם אִיז דאָךְ נִיט גֶעװעזֶען װָאס צוּ קְלֶערֶען. חוּץ דעם, װִי אִיהר גֶעדֶענקט דאָךְ, בְּרֵיינגְט דִי גְמָרָא נָאךְ אַ סִימָן אוֹיף מָשִׁיחַ'ס צַייטֶען: דּוֹר שֶׁכּוּלוֹ זַכַּאי אוֹ שֶׁכּוּלוֹ חַיָב. — מֵילָא פוּן צַדִיקִים אִיז דאָךְ נִיטָא װָאס צוּ רֵייךֶען: שֵׁענֶע צַדִיקִים מִישְׁטֵיינְס גֶעזָאגט זֶענֶען אִיצְט דָא בַּיי יוּדען . . . בְּלַייבּט דער בִּטָחוֹן אוֹיף כּוּלוֹ חַיָב; ס'הֵייסְט: אַז אַלֶע זָאלֶען װערֶען רְשָׁעִים, אֶפִּיקוֹרְסִים. נָאר זָאגט מִיר, אִיךְ בֶּעט אֵייךְ, קָאנט אִיהר הַיינטִיגֶע אֶפִּיקוֹרְסִים?

ווייסט דען א היינטיגער יוד, וואס הייסט זיין אן׳אפיקורס? אמאל, זעהט איהר, פארצייטען, זענען געווען אפיקורסים טאקע וואס אפיקורסים הייסט. א פארצייטיגער אפיקורס פלעגט כמה יאהרען לערנען זיך צו זיין אן׳אפיקורס. לכתחילה איז דאס געווען א יונגער מאן מיט א גוט, שארף קעפעל צו׳ם לערנען, פלעגט בחור־וויז זיצען אין קלויז און דערנאך ביי שווער און שוויגער אויף קעסט און לערנען — די פרויען־פראגע פון מסכת יבמות; ארכיטעקטור פון מסכת עירובין; פראחאזשי־טעלסטווא פון גושן מיט די ערי מקלט —, בכלל לערנען, לערנען און לערנען. — דערנאך פלעגט צו איהם ארייננפאלען א השכלה־ביכעל, א טריפה־פסול מיט קורצע אדער מיט לאנגע שורה׳לעך; דערנאך פלעגט דער שווארץ־יאהר ברייננגען א לעהרער פון קאזיאנע אוטשילישטשע, א גימנאזיסט, א בלאט „הלבנון", א ביכעל „השחר", די שפעטערע יאהרען — א נומער „המליץ", „הצפירה"; איינס מיט׳ן אנדערן, ביי׳ם יונגענמאנטשיג פלעגט ווערען אין קאפ א רעש, א מהומה, א פינסטערנ.ש, ניט פאר אייך געדאכט, ווי בשעת ליקוי־חמה, און ביסלעכוויז פלעגט זיך אויסבילדען פון דעם געוועזענם זיידענעם יונגענמאן א פארמעגער אפיקורס מיט אלע שמד׳שטיק, מיט ווילדע קשיות, מיט פינסטערע פירושים׳לעך, למשל מיט אזא טייטש אויף „לא תבערו" אז עס פלעגט אויסקומען, אז רויכען אום שבת איז כמעט א מצוה. .. אט מיט אזא אפיקורס פלעגען זיך מלאכים ראנגלען און איהם ניט ביינקומען; אזא אפיקורס פלעגט דעם מלאך־המות אליין שטעלען א פיינ און שטארבען א מיתה־משונה טאקע אהן תשובה און אהן ווידוי. זעהט איהר, ווען עס ואל ווערען א גאנצער דור אזעלכע אפיקורסים, וואלט שוין משיח קיין ברירה ניט געהאט און וואלט געמוזט קומען. וואס אבער זעהט מען ביי איצטיגע אפיקורסים? — יודען פאהרען און רויכען אום שבת, — פאסטען ניט אפילו יום־כיפור, עסען טרפות. פרובט־זשע פרעגט אזא אפיקורס.

— פאר וואס רויכסט דו אום שבת?

— ווייל איך וויל רויכען, — וועט ער אייך ענטפערן.

— למאי פאהרסט דו?

— ווייל איך וויל ניט געהן צופוס.

— לַמאי פאַסט דו ניט יום־כפור ?

— ווײַל איך וויל עסען .

קורץ און גוט, אָהן פּירושים ; וואָרום האַפּט איהם אָן, קאָן ער אַפילו קיין עברי ניט און האָט שוין א״ב פערגעסען. אָט דאָס קאַלטבלוטיגקײט צו גאָט, צו דער אמונה, צו דעם ח״ב וואָס ליגט אויף יעדען מענשען צו גלויבען — אין וואָס ניט איז פאַר אַ גאָט, אָבער דאָך גלויבען טיעף און ערנסט—אָט פון וואָס בעשטעהט אַ היינטיגער אפּיקורס . אַ פאַרצייטיגער אפּיקורס פלעגט עסען טרפות לשם השׂכּלה, טראָגען אַ קירצען ראָק לשם השׂכלה, לייענען אַ בלאַט צייטונג לשם השׂכלה; און אַז אין פעטערבורג איז געוואָרען אַ חבֿרה „מפיצי השׂכּלה״ פלעגט ער די לעצטע צעהן רובל אַוועקשיקען אהין אַ נדבה און צונויפקלויבען ביי אַנדערע וויפיעל נאָר ס׳ איז מעגליך געווען נדבות פאַר דער חבֿרה. און אַ איצטיגער אפּיקורס ? איבעראַל איז דאָס אַ גראָבער יונג, וואָס האָט אַפילו ניט געהערט פון דעם וואָרט השׂכלה און אויב דאָס איז אַ מענש אַ געבילדעטער מיט אַ דיפּלאָם--איז וואָס טהוט ער ? זענענדיג אַ סטודענט נעהמט ער אַליין נדבות, לערענט, עסט און טרינקט אויף דער חבֿרה׳ס חשבון און דערנאָך, ווערענדיג אַן׳אַדוואָקאַט, אַ דאָקטאָר, אַ אינזשענער און פערדיענענדיג הונדערטער און טויזענדער, דערמאָהנט ער זיך אַפילו ניט אויף דעם ברויט און זאַלץ, מיט וועלכע עס האָט איהם געהאָדעוועט די השׂכּלה, און אַז מען דערמאָהנט איהם, מאַכט ער זיך תּמעוואַטע, און אַז אין צעהן יאָהר אַרום דערמאָהנט מען איהם אַז ביי דער חבֿרה זענען נאָך גאַנץ זיינע ראָספּיסקעס, ענטפערט ער, אַז צעהן יאָהר איז אַ זעמסקע דאַוונאָסט און די ראָספּיסקעס זענען שוין בטל געוואָרען און נעהמט לאָדט איהם צום ונתנה תוקף...

אָט דאָס, זעהט איהר, איז שוין אַזאַ מין אפּיקורסים וואָס אַפילו די שדים אין גיהנם וועט נמאס ומאוס זיין צו פאַטשקען זיך מיט זיי און פאַר משיח׳ן טויגען זיי בוודאי אויף כפּרות..

בלייבט בכן די ערשטע פּרימעטאַ אויף משיח׳ס צייטען. שתּכלה פּושה מן הבּית — עס זאָל ניט בלייבען אַ קאָפּיקע אין קעשענע: אוים געלד, אוים יודישע גבירים, יודישע בעלי־נדבות, וועלכע גאָט אַליין נעביך דאַרף צאָהלען וואָכער מיט פּראָצענט פון פעטע עליות, שטעדט בײ׳ם מזרח־וואַנד, אתּה־

הָרְאַתָ׳ס, עֶרשטע הַקָפוֹת, ליאַרעֶמדיגע מִי־שֶׁבֵּרַךְ׳ס און הייסע, פריש־צאַפּעלדיגע אֵל מָלֵא רַחֲמִים׳ס מיט אַ הֶסְפֵּד פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער . . . אוים כָּבוֹד, אוים יִחוּס, אוים געלד און אוים בלוט... און הערט, איך בעט אייך, דאס איז שוין טאַקע מְקוּיָם געוואָרען אויף דער וועלט, און וואו? אוי׳ ש מ ו י נ ע ו ו ק ע . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

III.

שנעל ווי אַנ׳אָדלער איז געפלויגען רייטענדיג אויפ׳ן שנעעם ווייסען פערד דער גוֹאֵל־צֶדֶק. וואַלד־אויס, וואַלד־איין האָט זיך געצויגען דער לאַנגער, לאַנגער וועג און זיס ווי די שטימע פון א פידעל האָט געקלונגען מָשִׁיחַ׳ס קול מיט די ווערטער פון דעם ליעבען קאַפּיטעל „בְּשׁוּב ה׳ אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן“

— שִׁיר הַמַּעֲלוֹת —

האָט געזונגען מָשִׁיחַ:

אַז גאָט וועט אומקעהרען דאָס געפאַנגעניש
פון צִיּוֹן, וועלען מיר זיין ווי אין חָלוֹם;
דעמאָלט וועלען אונזערע לעפצען זיין פול מיט
פרייד און אונזער צונג — מיט געזאַנג;
דעמאָלט וועט מען זאָגען צווישען די פעלקער:
גרויסע וואונדער האָט גאָט געטהון מיט זיי!
גרויסע וואונדער האָט גאָט געטהון מיט אונז
און מיר וועלען זיך פרעהען:
קעהר־אום, גאָט, אונזערע געפאַנגענע, אַזוי
ווי שטראָמען אין דָרוֹם־זייט;
די, וועלכע האָבען געזייהט מיט טרעהרען,
וועלען שניידען מיט פרייד;
דער, וואָס האָט וויינענדיג געטראָגען די
קערנער, וועט זיך אומקעהרען מיט געזאַנג
טראָגענדיג די גאַרבען.

---

הויך און פריי, זיס און ליעב האָט זיך געגאָסען מָשִׁיחַ׳ס קול איבער די בערג און טהאָלען, וועלדער און פעלדער, טייכען און זבגרונדען . . . מיט פורכט און מיט פרייד האָבען זיך געצויגען צו איהם

דער הימעל, די שטערען,
דער בארג און דער טהאל,
צו פיהלען, צו הערען
זיין געטליכען קול...

וואלד־אוים, וואלד־איין האט זיך געצויגען דער גרויסער לאנגער וועג, און וואס ווייטער איז אלץ ליכטיגער און ליכטיגער געווארען משיח׳ס פנים ביז ער איז געקומען אין שטוינעוקע...

און בשעת ער איז אריינגעפאהרען אין שטוינעווקע, האט זיך שוין דארט די אסיפה געענדיגט און טאקע אזוי ווי עס דארף צו זיין: יודען האבען געריסען איינער בײ׳ם אנדערן בארד און פאות, פייערדיגע קלעפ, געבראטענע פעטש, קללות און חרמות האבען זיך געשאטען ווי באב...

איינער האט געשריען: „אויף דער תלמוד־תורה!"
דער אנדערער „אויף דער שוהל!"...
דער דריטער: „אויפ׳ן בית־עלמן!"...

דער פירטער, דער פינפטער האבען אונטערגעהאלפען דעם ערשטען און דעם צווייטען... און העכער פון אלע קולות זענען געגאנגען א געשריי פון ווייבער און א ביטערער געוויין פון קליינע קינדער... די גאס איז געגאנגען חאדאראם און די ערד האט געציטערט.......................
.........................

— ניין — האט געזאגט משיח — איך בין געקומען צו פריה"...
ער האט א מנעקעהרט דאס פערד און איז אוועק צוריק...

# דֶער נַייֶער רַאבִּינֶער.

(אַ באָבֶע־מַעֲשׂה).

אֵין בן דוד בא אֶלָא בדור
שכולו זכאי או שכולו חיב.

משיח װעט קומען נאָר אין אזא
דור, װען עס װעלען זיין אָדער
אלע צדיקים אָדער אלע רשעים!
(א גמרא).

אִין פִּיצרִיװקֶע, דאָרט
װאו עס האָבּען זיך יודען
געלעבּט פון פאַרצייטען
אִין פריינדשאַפט און פריעדען,

געפיהרט זיך אין אַלץ
נאָך יודישען אַרט
און נאָר אויף משיח'ן
רוהיג געװאַרט,

האָט פּלוצים זיך עפּעס
אַזױנס אָנגעהױבּען,
װאס נעהמען אִין פלוג
אִיז דאָס גאָר ניט צו גלױבּען.

פון אָנפאַנג אִיז עפּעס
אַ מין יונגעמאַן
ארויף אויפ'ן זין
גאָר אַ קונציגער פּלאַן:

דְהַיְינוּ—אַ שקאָלע
אִין פּיצריװקע מאַכען
און לערנען—פערשטעהט אִיהר דאָך
װאָסער סאָרט זאַכען.

דערנאָך האָט מען־כ׳קאָן אײך ניט
זאָגען פאַר װאָס
און װער — אױף דער מְרָנָה
דערלאַנגט אַ דאַנאָס;

געקומען דער דאָקטאָר,
דערנאָך דער קװאַרטאַילנע,
בְּקיצור, מען האָט זי
פער׳חַתְמ׳עט פּאָרמאַילנע.

פער׳חַתְמ׳עט — און גאָר ניט,
גאַנץ שײן און גאַנץ פײַן:
מען קינדעלט זיך, גלײַך
װי עס דאַרף אַזױ זײַן.

אין גיכען נאָך דעם
דרײַ מְנַיָנים פערשלאָסען,
און טאַקע, פערשטעהט איהר מיך,
אױך פון דאָנאָסען.

דערנאָך . . . נאָר דערצעהלען אײך
קורץ — ס׳איז אין שטאָדט
געװאָרען פּאָריאַדקעס
צו שאַנד און צו שפּאָט:

מיט זאָנטיקלעך שַׁבָּת
שפּאַציערען זיך װײַבלעך,
אַראָב די פּאַריקעס,
פערװאָרפען די הײַבלעך.

אין חֶדֶר געהן יונגלעך
ליִעגט גאָר ניט אין קאָפּ:
טְרֶפניאַקעס װי מיסט
און גִילוּחִים װי באָב;

ניט נעהמען אַ סֵפֶר
אין האַנד אױף אַ װײַלע,
ניט הערען אַ מַגִיד,
ניט פרעגען אַ שַׁאֲלָה,

גערוואָרען – כאָטש נעהם
אַלע שוהלען פערשפּאַר –
אַ קלויז דער טהעאַטער,
אַ שוהל דער בולוואַר;

ווער דאַוונען, וואָס פאַסטען,
ווער האַלט פון דעם ענין!
אֲפִילוּ צו שַׁחֲרִית
איז זעלטען אַ מִנְיָן;

מען זיצט מיט די קאָרטען
אין קלוב גאַנצע נעכט;
ניט שַׁבָּת, ניט יום-טוב...
בְּקִיצוּר, ס'איז שלעכט,

שלעכט, ברידער! וואָס זאָל איך דאָ
ברענגען איך בְּאֵיוֹת –
דורכאויס אֶפִּיקוֹרְסִים
און פְּשׁוּט הולטאַיעס,

גאָר אויסגעטהון, מַמָּשׁ,
געמאַכט אַ מְחַק
פון אָסוּר וּמוּתָּר,
בִּכְלָל פון תַּרְיַ"ג.

און וואו? גוואַלד, אין פּיצריזקע!
שטייטס, אין אַ מָקוֹם
וואו ס'פלעגט יעדעם יונגעל,
כאָטש שנייד איהם אין בראָך איהם

ניט אַבטרעטען, זאָג איך אייך,
מַמָּשׁ אַ טריט
פון דעם וואָס פאַר גאָט
איז מְחוּיָּב אַ יוד

און וואו ס'וואָלט געוואָרען,
אַ דור שֶׁכּוּלוֹ זַכָּאִי
ווען ס' וואָלט ניט געווען
נאָר די איינציגע מַכָּה –

[illegible] —
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] . . .

[illegible] . . . [illegible] —
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible],

[illegible]
[illegible],
[illegible]
[illegible]

[illegible], ס׳ זאָל [illegible]
אַ דור שכּולו זכּאי
דאָ [illegible], [illegible] זיך דאָך
נאָר נים, איז [illegible]

דאָס בעסטע, איז דיר,
װאָס װעט האָבען [illegible]
בײַ איצט נאָך אַ ביסעל
נעהאַלטען פֿון ניט,

פֿון יודישקײט, זאָלען
די תּורה פֿאַרשטערען,
עס זאָל שוין אַ דור
שכּולו חײַב דאָ װערען

און-ווי די גְמָרָא זאָגט—
ועהענדיג דאָס,
זאָל קומען מָשִׁיחַ —
און אוים, מִילָא וואָס ? . . .

גערעדט און געטהון,
איהר פערשטעהט, אז אין בְּרֵירָה
האָט יעדער געמוזט דאָך שוין
טהון אַן עֲבֵירָה.

אַוַדאי, עס איז
לְכַתְּחִילָה געווען
ניט גרינג, אֶלָּא וואָס ?
דער, וואָס סטאַרעט זיך, קען:

לְמָשָׁל: פּעציאַ,
פיש, לאָקשען און שפּעטער —
א קוגעל מיט חֵלֶב,
און טאקע א פּעטער...

מיט געגזען-שמאלץ ראקעס
געהאקטע; פאר נויט!
א פְּשׁוּטע קאַשע
פערפראַזשעט מיט קנויט.

פע! — זאָגט איהר ? — ס' איז הערענדיג
נודנע געוואָרען ?
איך וועל זיך, רַבּוֹתַים,
מיט אייך דאָ ניט ספּאָרען,

אַוַדאי, מען קאָן פון דעם
ברעכען די גאַל,
נאָר וואָס זאָל מען טהון —
ס'איז לְטוֹבַת הַכְּלַל.

ניט הֲלָבַת אֲכִילָה —
נעהמט אנדערע זאַכען
אבי נאָר צו חַרְפָּה
דאָס יודישקייט מאַכען.

הײַנט יענע עֲבֵירות —
איהר שטױסט זיך דאָך אָן —
װאָס זײ איז חוץ אַלץ
גאָר אַ תַּעֲנוג צו טהון . . .

גאַנץ גוט, אָבער הערט
װאָס עס האָט זיך געטראָפֿען;
בִּשְׁעַת גאַנץ פּיצריװקע
האָט שױן גאָר אָפֿען

עֲבֵירות געטהון —
קלײן און גרױס, יונג און אַלט —
דערװײסט מען אין שטעדטיל —
װאָס מײנט איהר? — אַ גװאַלט!

אײן יוד איז געבליבען,
װאָס שרײט אין אײן אָטהעם:
ער װיל ניט, ער װיל ניט,
חאָטש ברען איהם און בראָט איהם,

ער װיל ניט פערשטערען
דאָס הײליג געבאָט;
זאָל זײן װאָס עס װיל,
ער פערלאָזט זיך אויף גאָט.

עס העלפט ניט קײן רײדען,
קײן פְּשַׁט און קײן חֵקֶר . . .
און װער איז דאָס, מײנט איהר
געװען? — ד ע ר א פ ט י ק ע ר!!

יאָ, יאָ, ליעבע ברידער,
אָט דער גראָבער יונג,
װאָס װאָלט זיך אויף עִבְרִי
צובראָכען די צונג,

פערגעסען שױן אַלֶף־בֵּית
כ׳װײס װיפֿיעל יאָהרען, —
איז ער מיט אַמאָל
אַ בַּעַל־תְּשׁוּבָה געװאָרען,

אַ יוּד טאַקע גאָר,
ווי מען זאָגט, פערחוי־סאָרט:
האָט אויפגעהערט גאָלען
און שערען די באָרד

און רויבענען שבת
אין גאַס פּאַפּיראָסען...
מען טענה'ט מיט איהם
מיט אַ יודישען לשון –

עס העלפט אָבער ניט.
אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט –
דער פּלאַן איז געוואָרען
צו־נישט – איהר פערשטעהט?

אַז באַלד אויף משיח'ן
איז דער בטחון,
אַזוי ווי עס רעדט זיך,
געוואָרען צוקראָכען,

היינט וואָס טויג עבירות טהון?
ניין, גאָר פערקעהרט,
דער עולם האָט באַלד טאַקע
גוט דאָס בעקלערט,

האָט אומגעקעהרט ווידער
די אַלטע מנהגים,
דעם הייליגען סקלאַד
מיט די דינים און תּנאים –

מען דאַווענט, מען לערענט,
מען קרכצט און מען שוויצט,
מען וואַרט אויף משיח'ן
דאָרט נאָך ביז איצט.

היינט פרעגט זיך, וואָס מאַכט
דער געוועזענער רשע,
איך מיין, דער אַפּטייקער?
רבותים, ניש־קשה:

ער האט אין גאנץ פּיצרִיוּוקע ,
ברוך־השם ,
פון דעמאלט ביים עולם
בעקומען א שם ,

מיט חברה־חיטים
טרינקט אפט ער לחיים ,
און חאטש ס'איז איהם הרבה
די עברי עד־היום

אזוי ווי דעם גרעסטען
עם־הארץ אין שטאדט ,
נאר דאס האט צו'ם ענין
איהם גאר ניט געשאדט ,

און חאטש אלע ווייס ן
ביי איהם דעם חסרון —
אין פּיצריזקע איז ער
ר א ב י נ ע ר געווארען ..

---

# אין חָלום.

## אַ בָּאבֶּע־מַעֲשֶׂה פון מָשִׁיחַ'ס צַייטֶען.

I.

## נָאךְ מְלַוֵה־מַלְכָּה.

שַׁבָּת־צו־נַאכט'ס, אין אַ שטעדטיל אויפ'ן טײַך דְנִיעֶפּר, איז געזעסען בײַ'ם טויער פון רֶב אַבְרָם־שָׁלוֹם דעם גְבִיר'ס הויף יִשְׂרָאֵליק דער סטאָראָזש.

ליכטיג און שטיל איז געװען די שענע זומער־נאַכט. אַ ליעבע פרישע קיהלקײַט איז צוגאָסען געװען אין דער לופט און אַ זיסער דריטמעל האָט אַרומגעװיקעלט די אַלטע אַקאַציעס און די גרויסע, הויכע טאָפּאָליעס אין רֶב אַבְרָם־שָׁלוֹם'ס גאָרטען.

דאָס גאַנצע שטעדטיל איז שוין געשלאָפען שטיל און רוהיג אַזוי װי עס שלאָפט זיך אין אַ קיהלען זומער־אָװענד נאָך אַ לאַנגען הייסען טאָג, אַפילו בײַ'ם אַפּטייקער איז שוין געװען פינסטער אין זאַל -- אַ סִימָן, אַז מען האָט שוין דאָרטען אויך מְלַוֵה־מַלְכָּה געװען מישטיינס־געזאָגט, דאָס הייסט געקאָנטשעט די קאָקאָ מיט'ן ראַמס, די געסט אַװעקגעגאַנגען אַהיים און דער בַּעַל־הַבַּיִת געלעגט זיך שלאָפען.

יִשְׂרָאֵליק, אַ יוד פון אַ יאָהר פיער־פינף און זעכציג, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שיטער גרוי בערדיל און מיט אַ בעלמע אויף דער לינקער אויג, איז אַ האַלבע שָׁעָה צוריק

אַרויסגעגאַנגען פון הויף, צוגעמאַכט די פאָרטקע און געטהון אַ לאַנגען הילכיגען פּיף. אויף דעם פּיף האָט זיך דערהערט אַ פרעהליכער ביל מיט אַ קוויטש, פון אונטער דעם טויער איז אַרויסגעקראָכען אַ היבש קאָלטונאָוואַטע הינדטעל, אַיינגעוואָלגערט אין היי און אין שפּענדליך און האָט גענומען שפּרינגען און טאַנצען אַרום ישׂראליקען.

ישׂראליק האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ גראָבען אַלטען סוואָלאָק, וואָס איז שוין כַּמָה יאָהרען געלעגען דאָ ביי׳ם טויער, האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פּלעשעלע, אָבגעשטעקט עס און צוגעלעגט צו די ליפּען.

דאָס הינדטעל האָט אויפגעהערט צו טאַנצען, האָט אויפגעהויבען די אויערליך מיט׳ן פּיכטען, שוואַרצען נעזיל און אָבגעשטעלט זיך קוקען — וואָס טהוט דאָס ישׂראליק.

ישׂראליק האָט אָבגענומען פון מויל דאָס פלעשעלע, אָבגעדיכעט זיך און מיט אַ שמייכעלע אַ קוק געטהון אויפ׳ן הינטעל.

— ווילסט? ... פע, באַרבאָסקע, מַשְׁקֶה ניט פאַר דיר... אַ כֶּלֶב טאָר ניט... אַ יוד לְהַבְדִיל — יאָ... אַ יוד איז מְלַוֶה־מַלְכָּה... נאָר וואַרט אויס, איך האָב עפּעס נאָך, אויף וואָס דו ביסט אויך אַ מֵבִין... אָט נאַ — אַ שטיקעל קיכעל. פערביים... ישׂראליק זאָל לעבען האָט גענומען אַ טרונק בראָנפען און דו, באַרבאָסקע, פערביים... אָט אַזוי, כֶּלֶב, נישקשה, מעגסט אויך הֲנָאָה האָבען פון דער בַּעַל־הַבַּיִת׳טעס קיכלעך... עס, צוציקיל, עס, און לאָז דיר טאַקע וואוהל בעקומען... אָח־אָח־אָח, נאָטעניו! וויפיעל דאַרף אַ מענש אין גאַנצען? אַוַדַאי, אַלערליי מענשען פאַרהאַן און יעדעס גאָטס׳בעשעפעניש האָט זיך זיין בעדערפעניש: רֶב אַבְרָם־שָׁלוֹם דער גְבִיר דאַרף קאַזיאָנע פּאָדריאַדען; מיכל דער מְלַמֵד־תַּלְמִידִים, גלאָזבערג דער אַפּטייקער — רעצעפּטען... און וואָס דאַרף ישׂראליק דער סטאָראָזש — דאָס הייסט, איך טאַקע? גאָר נישט... גאָ־אָר נישט, איך, ישׂראליק, דאַרף זיצען נעבען טויער און קוקען אויף דער לְבָנָה... סקאָצעל קומט, גוט נ׳אָוונד לְבָנָה׳לע! וואָס מאַכסטו? ווי געהט עס דיר?... ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען, דאָס איז נאָך פון נחַ׳ס צייטען אָן — ס׳הייסט איך מיט דער לְבָנָה... איהר געדענקט דאָך בִּשְׁעַת דעם מַבּוּל — געגאַנגען פּאָרלעכוויז: אַ הענדיק מיט אַ הענדיטשקע, אַ מְלַמֵד מיט אַ ציגע (וואָס גריזשעט אָב די יונגע

בּוימעליך...) , אַ קְבָרוֹת=מאַן מיט אַ קאַטשקע (ווײַל זי האָט אויך
ליעב „דעם טרונק“...) , און איך , ישׂוּאליק , ווייסט איהר , מיט
װעם ? — מיט דער לְבָנָה . . . לאַכט ניט ! צוואַנציג יאָהר שוין ,
אַז עס לעבּט זיך אַט דאָס שׁענע פּאָריל : איך און זי ; איך זיץ
בּײַ׳ם מויער און זי אין הימעל ; יעדען צװעגד געהען מיר אַרוים
בּײדע צו היטען רֶב אַבְרָהָם=שָׁלוֹם׳ס פערמעגען . . . בּאַרבּאָסקע —
זאָגט איהר ? עט אַ לאַ=יְתָרֵצ׳ל . . . גלאַט אַזוי , עַל פּי מִנְהָג :
אַ סטאָראָזש דאַרף האָבּען נעבּען זיך אַ הינטעל כְּמוֹ אַ גוטער
יוד לְהַבְדִיל — אַ גַבַּאי , אַזוי ווי אין פָּסוּק שטעהט : כְּגַבַּאי יָבֹא ,
כְּגַבַּאי יֵצֵא . . . אַ הונד איז בִּכְלַל ניט אַ יודישע זאַך . . . בּאַרבּאָסקע !
ציץ , מַמְזֵר ! ! עהע , איהר זעהט ? אַ הונד האָט מוֹרָא פאַר
אַ יודען ! און אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט : גַנָבִים , איז בּײַ אונז
אין גאַנץ הושענאָװקע , זינט איך בּין אַ סטאָראָזש , געװען
סַךְ=הַכֹּל דרײַ גְנֵבוֹת : אַ קװאַטשקע מיט ז עבּען הינדעלעך , אַ פּאַ=
גומישאַק מיט שַׁבָּת׳דיגע פּיש און אַ קוגעל אין אַ זעקעלע . און
װאָס מײנט איהר ? אֶפְשַׁר גלאַט אַזוי פערפאַלען געװאָרען ? ניין ,
בּרידער , כִּמְעַט אַלין ראַזסליעדעװעט : די קװאָטשקע מיט די
הינדלעך האָבּען גענַבעט ציגײַנער , — זיי קומען צו אונז צײַ=
טענװײַז געהמען אַ פּאַטשינקע : ליײטען אַ סאַמאָװאַר , פערניסען
אַ לאָך אי אַ סקאָװאָראָדקע און אַגב אוֹרְחָה טאַקע עפּיס אַנט=
לײַען אויך — עַל מְנָת לְהַחֲזִיר , דאָס הײסט : אָבּגעבּען צוריק אַז
מען װעט חאַפּען . . . דעם פּאַלומישאַק מיט די פּיש װײסט מען
עַד הַיּוֹם ניט װער . נו=נו , איך האָב געהאַט מיט דעם פּאַלומישאַק
צו זינגען און צו זאָגען ! . . . די גְנֵבָה האָט זיך געטראָפען בּײַ
אונזערן אַ שָׁכֵן , בּײַ אײזיקען דעם זאַאיקאָװאַטע . אַ גאַנצען
חוֹדֶשׁ נאָכנאַנד האָט ער מיך ניט געלאָזט לעבּען : „ס=ס=סטײטש ,
אַ=ז=ז=אַ ה כט ! אויף זעקס און ד=ד=דרײַסיג ק=ק=כ . . .“ — „כַּפָּרוֹת
געטוינט ?“ — זאָג איך . „װ=װ=װער אַלײן אַ כ=כ=כַּפָּרָה ! — שרײַט
ער — אויף זעקס און ד=ד=רײַסיג קאָפּיקעס ! . . . אַ פּ=פּ פּרישער ,
אַ ל=ל=לעבּעדיגער . . .“ — „אַ לעבּעדיגער ? — זאָג איך — אַװעק=
געשװאומען , רֶב אײַזיק ! — אַ מאַך געטהון , זאָג איך , מיטן
הײדעל און אַװעק צוריק אין טײַך אַרײַן . . .“ — „און דער פּ=פּ=
פּאַלומישאַק , גַזְלָן ? ! ד=ד=דער פּאַלומישאַק אויך אַ=אַ=װעק=
געשװאומען ? ! ?“ . . . כ׳האָב פון איהם , זאָג איך , געהאַט
קאַלט און װאַרים . . . איז האָט איהר אײַך צװײ גְנֵבוֹת ; און די

.ריטע, דעם קוגעל — ווייסט איהר ווער? חהע־חהע־חהע! . .
דעם קוגעל האָט אַוועקגעלאַטכעֶנט אָט טאַקע ער, מיין באַר־
באָסקע, אַ מַפָּלָה אויף איהם! ... זומיר־צייט, שַׁבָּת־שִׁירָה, די
פֿויגעלעך פרעהען זיך, שפרינגען פון די דעכער אין הויף אַריין
עסען גרעטשענע קאַשע, ווי דער מִנְהָג איז, און זינגען שִׁירָה...
נְחָמָה נָחוּם־געציעס... אַ בַּעַל־הבאָנדע מישטיינס געזאָגט! אַרויס־
גענומען דעם טשאָלענט, די יוך דערלאַנגט צו׳ם טיש און דאָס
זעקעלע מיט׳ן קוגעל אַנידערגעשטעלט אין קיך אויף דער באַנק
אָבקיהלען... מיי כֶּלֶב זעהט — די טהיר איז אָפֿען... אַריין
פאַחאָלינקע און אַוועק מיט׳ן קוגעל אין אַ ווינקעלע פון יענער
זייט באָד און, פערשטעהט איהר מיך, אַ לעק ניט איבערגע־
לאָזען... נְחָמָה געקומען צו לויפען אַ פערסמ׳טע — זי מוז איהם
שלאָגען, הַרְגענען!... ניין, זאָג איך, נְחָמָה׳ניו, שלאָגען ניט.
זידלען זידעל איהם אָן וויפיעל עס ווערט אין איהם אַריין...
וואָס? אֶפְשַׁר ניט גערעכט?... וואָס־זשע טהוט אַ נאַרישע
יודענע? האָט זי מיר געמאַכט אַכטצעהן מִי־שֶׁבֵּרַךְ׳ס, או דער
קוגעל איז געבליבען ביי באַרבאָסקען... באַרבאָסקע! — זאָג
איך — אָחִינוּ אַתָּה! ביז איצטער, זאָג איך, שוין אויף דור־דורות
אַ יודישער כֶּלֶב, און אַז מיר וועלען גּעה׳ קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל
נעהם איך דיר מיט, ווי איך בין אַ יוד! וו ס איז? אין אֶרֶץ־
יִשְׂרָאֵל דאַרף מען קיין כְּלָבִים ניט? אַוַדַאי ווילט זיך קיין
סטאָראָזש דאָרט ניט זיין; דאַנקען גאָט, אָבגעדיענט דאָ אין
גָלוּת ביי רֶב אַבְרָם־שָׁלוֹם׳ען צוואַנציג יאָהר... כ׳לעבען,
נעגוג... וויפיעל דען איז מְחוּיָב אַ יוד?... צוואַנציג יאָהר
אָבגעזעסען ביי׳ם טויער און געקוקט אויף דער לְבָנָה. שלאָפען —
אַזאַס! סמייע ניט אַנ׳אויג צומאַכען... זיץ, יִשְׂרָאֵליק, זיץ
און זינג מיט׳ן אַלטען ניגון׳דיל:

די לְבָנָה שיינט אין הימעל
און יִשְׂרָאֵליק זיצט ביים טויער . . .
וואַך, יִשְׂרָאֵליק! ניט אַ דרימעל!
וואַך, האַלט אָפּען אויג און אויער

זיס און רוהיג שלאָפט ביז מאָרגען,
רוהט זיך־אויס, רֶב אַבְרָם שָׁלוֹם!
וויית און פריי פון אַלע זאָרגען
זעהט אין שלאָף אַ גוטען חָלוֹם.

קיין געוויש און קיין געטימעל
ווען ניט גרייכען אייער אויער:
די לבנה שיינט אין הימעל
און ישראליק זיצט ביים טויער...

ישראליק זיצט זומער-צייט און קלויבט נחת קוקענדיג ווי די לבנה שיינט, און די ליכטיגע שטערענדליך שפיגלען זיך אב אין די קאליוזשעס אויף דער גאס. ישראליק זיצט ווינטער ביי נאכט איינגעהילט אין׳ם אלטען טולעפיל, אויף וועלכען עס איז ווי דער פסוק זאגט, ממזרח שמש ועד מבואו, פונ׳ם קאלנער ביז דער שפיץ פאלע, פעמו ורמון, א לאך און א לאטע — ישראליק זיצט און הערט זיך צו צו דעם לאנגען נגון וואס עס זינגט דער קאלטער ווינד — וואס ווינט ער אזוי, וואס יאמערט ער?...

צוואנציג יאהר הערט זיך צו ישראליק צו דעם לאנגען ליעדעל און ער דערמאהנט זיך אויף אלע לויה׳ס, וואס זענען געוועזען אין הושענאווקע אין די צוואנציג יאהר, אויף דעם ביטערען געוויין פון די אלמנות מיט די יתומים נעבעך... און ישראליק שלאפט ניט... ישראליק טאר ניט שלאפען, ווארום... שא! איך וועל אייך דערצעהלען בסוד, אז מיר האט זיך שוין געמאכט אמאל צנטשלאפען ווערען — און וואס האט זיך מיר דעמאלט גע-חלומט? ! אוי-אוי! איהר מעגט עס אויסהערען:

---

## II.

# דער ארץ-ישראל-יוד.

געוועזען טאקע אויף שבת-צו-נאכט׳ס, נאך אסיען-צייט, טיעף-טיעף אסיען... א רעגען מיט א פרעסטיל, אזוי ווי אין פסוק שמעהט—פינסטער און גליטשיג און א ניזאוועי ווינטעל דערצו... א גן-עדן, א חיות, עס נעהמט דורך ביז׳ן ביין, און געוועזען איז דאס טאקע סך-הכל אין א וואך ארום נאכ׳ן פא-לומישאק מיט די פיש... מילא שלאפען, פערשטעהט זיך, האט מען ניט געטארט... א קיצור, אננעטהון מיין ביידערען שאפען-פעלץ, פון די קעצענע כויבלען, גוט אונטערגענארטעלט זיך, א פייף געטהון מיין כא-יחבן און ארבגנעקראכען אינאיינעם מיט איהם אין סטאראזשקע. מיין לבנה׳לע זאל לעבען ניטא: זי האט פיינד א ניזאווע ווינטעל... איז זיץ איך מיר אין

סטאָראָזשקע און בורטשע מיר אונטער דער נאָז אַ שטיקעל זמירות מישטיינס געזאָגט... ווי זאָגט ער דאַרטען? חדש ששוני אל נא — בענטי מין פרייד, גאָטעניו! לחם לאכול — אבי, זאָגט ער, רבונו של עולם, פון הונגער ניט שטאַרבען, ובגד ללבוש — און אין אייגענע תּכריכים, אוי, פאָטער־האַרציגער, בעגראָבען װערען... און אַז שוין גאָר גוט, איז אַ סך נעבעך דאַרף אַ יוד?

אבי — אבי — אַ ביסעלע בראַנפען
מיט אַ שטיקעלע לעקעך...

אָח־צאָח־צאָח! כל־זמן מען לעבט ווילט זיך... אַ קיצור, זיץ איך אין סטאָראָזשקע... נאָר איך פיהל, אַז ס'פאַלט אויף מיר אָן אַ גענעץ — עס צורייסט מיר ממש דאָס מויל... „ישראליק — זאָג איך צו זיך אַליין — געדענק, זאָג איך, נאָר ניט שלאָפען... פערגעס ניט דעם פּסוק: זכרנו את הדגה — דעם פאָלומישאָק הייסט עס מיט'ן העכט... נאָר שאַ! — מיר דאַכט זיך עמיצער געהט... האַ? מען רופט מיך... איך טהו אַ קוק און בין גשתומם געוואָרען: נעבען דער סטאָראָזשקע שטעהט אַ ארץ־ישראל־יוד! טאַטעניו! אַ ירושלמי מיט אַלע פּיץ־פּיצלעך — אין אַ חאַלאַט מיט אַ גרינעם גאַרטעל, דעם קאָפּ פערוויקעלט מיט אַ האַנדטוך אין רויטע און ווייסע פּאַסען — אַ פּאָרמאַלנער ירושלמי... דער פּנים זיינער אַ אויסגעדאַרטער ווי אַ שטיקעל פּאַרמעט, נאָר אויגען אַ פּאָר לייכטען, בלישטשען אַזוי ווי די האָלאָוועשקעס...

— ישראליק! — זאָגט ער און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ — ישראליק, דו שלאָפסט?

— נאַט אייך אַ נייעס! טראַכט איך מיר — אַ ירושלמי און רעדט פּראָסט יודיש אָהן אַ וואָרט תּרגום־לשון...

— דו שלאָפסט, ישראליק! זאָגט ער ווידער אַמאָל און ער קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין אַזוי רחמנות'דיג, אומעדיג, אַז עס נעהמט מיך אָן ביי'ם האַרצען...

— פון וואַנעט — קלער איך — האָט ער זיך גענומען אין מיטען דרינען ביי אונז אין הושענאָווקע? און עס קומט מיר איין אין קאָפּ, אַז מען דאַרף איהם שיקען צום רב, ווי דער מנהג איז מיט ארץ־ישראל־יודען.

נאָר דער ירושלמי אַפּנים שטויסט זיך אָן וואָס איך קלער:

— צו'ם רב, מיינסטו? — מאַכט ער צו מיר — איך בין

שוין געװען, בײַ׳ם רבֿ . . . איך האָב אַפֿילו פֿריהער געװאוסט אַלץ װאָס ער װעט מיר ענטפֿערן . . .

— איהר קלויבט — פֿרעג איך — נדבֿות אויף ארץ־ישׂראל? טאָ װאָס־זשע געהט איהר אַרום בײַ נאַכט?

— נדבֿות אויף ארץ־ישׂראל? — זאָגט ער, און זײַן פּנים װערט מיט אַמאָל אַזוי העל און ליכטיג, גלײַך װי עס װאָלט אויף איהם אין דער מינוט געפֿאַלען די שײַן פֿון מזרח־זײַט. — יאָ, ישׂראליק, איך קלויב נדבֿות; װײַסטו אָבער װאָסערע? ניט קיין קופּערנע, ניט קיין זילבערנע . . . נײן, ישׂראליק, איך קלויב גוטע, ערנסטע יודישע הערצער, רײנע, ליכטיגע יודישע געדאַנקען, טיעפֿע, הײסע, כּשרע, אמת־יודישע געפֿיהלען . . . און נאָהען נאָה איך אַרום טאָקע נור בײַ נאַכט, װען עס װערט פֿינסטער אין יעדעם װינקעלע און עס רוישט דער װינד, און עס גיסט אַ שלאַקס־רעגען . . . אין יענע נעכט, װען קינדער אין די װיגעליך כאַפּען זיך אויף פֿון שלאָף, ציטערן און שרעקען זיך פֿאַר׳ן װאָיען פֿונ׳ם װינד, ציהען אויס די הענדטעליך צו דער מאַמעס ברוסט צו בעהאַלטען זיך, אין איהרע אָרעמס . . אין יענע נעכט, װען אַלטע לײַט הויבען אָן צו דערמאָהנען זיך אויף די פֿערגאַנגענע גליקליכע יונגע יאָהרען, אויף דעם װי נאַריש זיי האָבען פֿערבראַכט די בעסטע צײַט, די טײַערסטע צײַט פֿון לעבען; אין יענע פֿינסטערע, בײזע נעכט, װען ניט זעלטען אַפֿילו דעם געזונדען און יונגען מענשען חלום׳ען זיך עפּיס אַזוינע שװערע, שרעקליכע חלומות . . . אָט אין די נעכט, ישׂראליק, נאָה איך אַרום צװישען יודען און קלויב מײַנע נדבֿות... איך שטרעק אויס מײַנע שװאַכע, אויסגעדאַרטע הענד און בעט, בעט: „—יודען, גיט אַ נדבֿה!״ . . .

אָט בלאָנדזשעט אַ רײַזענדער...שלאָף װי אַ קינד
און עלענד איז ער אויף דער װעלט.
עס שלאָגט איהם דער האָגעל, עס רײַסט איהם דער װינד,
ער זעהט ניט קיין אײנציג געצעלט,
קיין אײנציגעס פֿײַערל...פֿינסטער און קאַלט...
אח! זעהט, װי פֿערחשכ׳ט איז ער און װי אַלט! . .
יודען! גיט אַ נדבֿה!

עפֿענט־אויף אײער טהיר, לאָזט אין שטוב איהם אַרײַן;
עפֿענט־אויף אײער האַרץ פֿאַר זײַן לײַד, פֿאַר זײַן פּײַן;

זאָגט אִיהם: „ברודער! פערגעס אויף דײַן נויט;
אונזער טִישׁ אִיז פאַר דִיר. עס מִיט פרײַד אונזער ברויט"...
יודען! גִיט א נְדָבָה! . . .

עס שלעפּט־זִיךְ א רײַזענדער . . . ס'אִיז אויף דער ערד
קײַן אָרט נִיט געבלִיבען, וואו גאָט
האָט אִיהם נאָך צו מאַטערען זִיךְ נִיט בעשערט
און אויסשטעהען צאָרן און שפּאָט.
און ער קען בִיז אִיצט נאָך נִיט זאָגען: „אִיהר זעהט?
דאָס שטִיקעלע לאַנד אִיז מײַן אײגענס; דאָ שטעהט
מײַן הויז...דאָ וועט קומען אַן עק
צום בִיטערען לעבען אִין נויט און אִין שרעק"...
יודען! נִיט אַ נְדָבָה! . . .

יודען, יודען! בעטראַכט אײַער לעבען... בעטראַכט,
אוי, ווִי פִינסטער און לאַנג אִיז דִי נאַכט! . . .
בײַ דער מהיר ווִי אַ יָתוֹם אַנ'אָרעמער שטעהט
אײַער אײגענעם גלִיק, אײַער אײגענע פרײַד . . .
יודען! גִיט א נְדָבָה! . . .

— וואָס־זשע מײנסטו, יִשְׂרָאֵלִיק, זאָגט דער רַב? — „פער־
שטעהט אִיהר מִיךְ — זאָגט ער — ווִי הײסט? אַ שַׁײכוּת צו זאָגען:
נִיט וועלען אִין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל?!... וואָסער יוד ווִיל דאָס
נִיט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? נאָר אִיהר זײַט דאָךְ, זאָגט ער, געקומען
צו מִיר נִיט ווִי צו אַ געוועהנלִיכען, פּראָסטען יודען, אִיהר פער־
לאַנגט דאָךְ פון מִיר, אַז אִיךְ זאָל אַלס אַ רַב, אַ מָרָא דְאַתְרָא,
אונטערהאַלטען בײַ'ם עוֹלָם דעם רַעְיוֹן... אִיז דערויף מוז אִיךְ
אײַךְ זאָגען, אַז נִיט נור אִיךְ אַלײן, נאָר אַלע אונזערע רַבָּנִים,
דַיָּנִים, גוטע־יודען קענען נִיט זײַן צופרִידען מִיט דעם, וואָס
אֵיהר ווִילט אויפטהון... גלויבען אִין בִּיאַת־הַמָּשִׁיחַ, ווַארטען
אויף מָשִׁיחַ'ן — דאָס יאָ: נאָר פערשטעהט אִיהר מִיךְ, דאָס
„גלויבען" און דאָס „ווארטען" זענען שוין אַזוי טִיעף אײַנ־
געוואַקסען בײַ אונז אִין הארצען, אַז נאָךְ מָשִׁיחַ'ס קומען, דאַכט
זִיךְ, וועט בלײַבען עפּעס אַזוי ווִי אַ לײדִיג, פּוסט אָרט בײַ'ם
יודען אִין קאָפּ און אִין האַרצען... שווער, שווער, אַז דאָס
פאָלק זאָל פערשטעהן, אַז יעדער פּראָסטער יוד דאַרף אַלײן
העלפען מָשִׁיחַ'ן צו קומען און אויסצולײזען אונז פון גָלוּת...
הײַנט נעהמט אַ רַב, אַ גוטען יודען, וועלכע, ווִי דאָס פאָלק

גלויבט, האַלטען-אונטער דעם פּראָסטען עולם מיט זייער פרומקייט, מיט זייער תּורה און מעשׂים-טובים און זייער זכות איז גורם צו פערגרינגערן דעם גלות — איהר פערשטעהט דאָך אַליין, אַז אַ הײַנטיגער רב טויג לגמרי נור פאַר חוץ-לאָרץ: אַלץ וואָס ער האָט זיך געדאַרפט אויסלערנען צו בעקומען סמיכות אויף רבנות, געהערט נור צו חוץ-לאָרץ; דאָס גרעסטע וואָס אַ הײַנטיגער רב ווייסט, איז עטליכע אַלטע שאלות ותשובות, וואָס האָבען אַנ'אָנהאַנג טאַקע ווידער אַ מאָל נור מיט חוץ-לאָרץ... ווייסט דען אַ הײַנטיגער רב חוּמש אַ טויזענד-חלק פון דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט יודען אין די לאַנגע הונדערטער יאָהרען פון אונזער גלות? און טאַקע גופא אין ארץ-ישׂראל נאָך ביז'ן חורבן און פאַר'ן גלות? אַ רב ווייסט אַקוראַט דאָס, וואָס ס'ווייסט יעדעם חדר-יונגיל, יעדע יודענע:

ס'איז געווען אַ בית-המקדש און מען פלעגט ברײַנגען קרבנות; דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרען און יודען זענען פערטריבען געוואָרען אין גלות.

אָט דאָס איז אונזער געשיכטע,
יודען דאַרפען זײַן פרום און מקיים זײַן תרי"ג מצוות
אָט דאָס איז אונזער גלויבען.
יודען דאַרפען וואַרטען אויף משיח'ן,
אָט דאָס איז אונזער האָפנונג.

ווי-זשע ווילט איהר אַז אַ רב זאָל אָנהויבען זאָגען דעם עולם: „— יודען! שטעהט אויף! ניט דעם רב'ס פרומקייט און ניט דעם גביר'ס גוטסקייט וועלען אײַך אונטערהאַלטען און ברײַנגען צו אַ צוועק, — אַליין, אַליין מיט די אייגענע הענד דאַרפט איהר זיך נעהמען צו דער אַרבייט און אָנגרייטען פאַר משיח'ן דעם מאַטעריאַל, פון וועלכען ער וועט, אַזוי ווי דער שמיעד פון אײַזען, אויסקאָווען פאַר אײַך אַ נײַ ם, ליכטיגען מזל, אַ נײַ, זיס לעבען אָהן עגמת-נפש, אָהן שרעקעניש אויף יעדען שריט און טריט"... אַזאַ רב וועט דאָך אויסזעהן ווי עפּיס אַ פּשוט'ער משוגענער... און ווייסט איהר נאָך וואָס? — איינם מעג אַזאַ רב זײַן בטוח, אַז ער וועט אַראָבפליהען פון רבנות. אַזוי אַז ער אַליין וועט אַרײַן אין קרוקאָוו און די יאַרמעלקע זײַנע אין בויבעריק... געהט אַרײַן זײַט מוחל צו רב אַברהם-שלומ'ן, צו אונזער שטאָדט-גביר: אַ שיינע נדבה אויף

ארץ=ישראל וועט ער אנבאי געבען, און אז איהר וועט אידם זאגען דאס ווארט „גלות“, וועט ער טהון א טיעפען=טיעפען זיפץ; פריבט אבער הויכט אן צו רייידען טאקע ערנסט וועגען „ביאת=המשיח“, וועגען א שטיקעל איינען לאנד, וועגען א שטיל ווינקעלע, וואו יודען נעבעך זאלען זיך קאנען אכרוהען פון דעם איבינען בלאנדזשען און מאטערן זיך אויף דער וועלט... רב אברהם=שלום, פערשטעהט איהר מיך, איז א מענש א וועלט=ליכער, איז געוועזען אין די גרויסע שטעדט און איז בעקאנט מיט די גרעסטע לייט; יודען אזעלכע ווי רב אברהם=שלום וועלען אייך זאגען:

„— זעהט איהר? אט די מעדאל האט מען מיר געגעבען אין ארץ=כשדים פאר א נדבה אויף אזא מין בנין, וואוהין מע לאזט א יודען אפילו צו דער מהיד ניט צו... פאטשאטנע גראזש=דאנסטווא האב איך בעקומען אין מלכות יון פאר נאך א נדבה אויף נאך א בנין, צו וועלכען א יוד וועט אליין נאהענט ניט צו=געהן... חוץ דעם האב איך ארדענס פון וואנען איהר ווילט: פין קיטאי דעם גרינעם פיפערנאטער און פון סיאם דעם ווייסען העלפאנד, און פון דער ענגלענדערין דעם לייב מיט'ן הירש אזוי ווי מען מאלט אויף א „מזרח“, און פין דעם טערק, און פונ'ם גרעק און פון דער מלכה=שבא... דא האב איך צוגע=שטעלט פאדמיאטקעס פאר'ן חיל בשעת גג=ומגג האט מלחמה געהאלטען מיט ושתי המלכה, דארט האב איך געבויט א באהן פון רפידים ביז... ווי רופט מען עס דארטען?... אין שושי=הבירה האב איך געמאכט א באנק און תבונה זכור לטוב האט מיר אויסגעחלאפאטשעט ביי אחשורוש'ן א פאחוואלניע=ליסט, און טאקע ביי עמלק'ן אליין שפיעל איך אין קארטען אין דווא=ריאנסקען קלוב, און מיט יתרו'ן און מיט בלעם'ן בין איך זא=פאני בראטא...היינט פרעג איך אייך — זאגט שוין אליין — זאל איך דאס אלץ אוועקווארפען, נעהמען טלית און תפילין און געהען — וואוהין? אין די עטליכע סמארקאטקע דערפליך, וואו יודישע קינדער ארבייטען ווי די פויערים, גראבען מיט דער נאז די ערד צו בעקומען א שטיקעל ברויט?... אלא וואס? א מדינה: יודע זאלען האבען א אייגענע מדינה?... ווייסט איהר וואס? געהט אייך געזונדערהייד צהין פון וואנען איהר זענט געקומען... פאר מיר איז דאס קיין פלאן ניט... דאס

בעסטע וואס מען וועט קאנען בעקומען אין אייער מלוכה בלייבט דאך ווידער אמאל דער איינענער „מני=דוד", נו, האט איהר דאך געזעהן מיינע „מני=דוד'ליך"... טא לאזט מיך צו רוה, כ'לעבען . . . א גוטע נאכט!"..

— דו פערשטעהסט, ישראליק? . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

---

III.

## „ער פערשטעהט"...

— אוי אוי! נאך ווי אזוי איך פערשטעה! אמת, פון די גרויסע חכמים בין איך קיינמאל ניט געוועזען, נאר וואס הייסט, „א יודיש הארץ"—דאס ווייס איך, ווארום איך פיהל ווי עס ציהט, ס ציהט און ציטערט ווי דאס פיצעלע קינד אין וויעג און וויינט, חלש'ט, בעט זיך צו דער מאמען... עפּיס א שפיעל כיל זאגען: אנ'איינען שטיקעל ערד, א שטיל, רוהיג ווינקעלע, וואו איך, ישראליק רב אברם=שלום'ס סטאראזש, וועל אויך ווערען א שטיקעל בעל=הבית צו לייטען=גלייך, ניט דארפען זיצען אין דער סטאראזשקע מיט צוציקען און יעדען אווענד מחדש זיין די לבנה... וואס מיינט איהר? איך ווייס גאר ניט אפני וואס בעטייט אנ'אייגען שטיקעל בעל=הבית'ישקייט, דאס איינע „ביסעל ארימקייט" ווי יודען זאגען? . . נאר איך פערגעס אבער ניט דערביי, אז איך בין סך=הכל ישראליק דער סטאראזש און ביי א יוד, און א יוד דארף הערען דעם רב און פאלגען דעם גביר, זאלען לעבען און געזונד זיין, דער ערג דער תאחאל זינגט א ליעדעל, וואס אויף יודיש קומט עס אויס כמעט אזוי:

ד ע ר  מ א ן (קומענדיג פון מארק):

— אט נא, א העכט! פיל-אן און קאך!

ד א ס  ווייב:

— א העכט?! — א הענדיק איז דאס דאך!

ד ע ר  מ א ן:

— נו, ביסט געערעכט, נו, ביסט גערעכט,

און לאז א הענדיק זיין דער העכט..

צווישען א הענדיק און א העכט איז אוודאי א חילוק, נאר אז דער רב זאגט, דארף ישראליק הערען און אז דער גביר הייסט,

דאַרף ישׂראליק פאָלגען; אַזוי האָט מיך געלערענט די מאַמע מיינע עליה־השלום. זי איז געווען אַ קלוגע און אַ פרומע יודענע... און אַז ישׂראליקען חלומט זיך עפּיס, כּמו למשל דער ארץ־ישׂראל־יוד, דאַרף ער אָבוואַשען די ליפען און מאַכען אַ שווייג, וואָרום, ווי דער פּסוק זאָגט: כּי לבך נוצרת, מאַכט רש״י: וואָרום אויף דעם ביזטו דאָך אַ סטאַראָזש, און אַ סטאַראָזש דאַרף זיצען מיט צוציקען און היטען רב אברהם־שלום'ס פער־מעגען און ניט שלאָפען, למען השם ניט שלאָפען, כּדי עס זאָלען זיך איהם ניט חלומען קיין חיים איך וואָסערע נאַרישע חלומות און עס זאָלען ניט פערפאַלען ווערען קיין פאָלומישאָקס מיט פיש און אַ יוד נעביך זאָל ניט קומען חס־ושלום צו אַ חילול־השם — בלייבען אַ שבּת אָהן געפילטע פיש... און אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט: עס ציהט דאָס הארץ, עס גלוסט זיך חאָטש אַ ביסעלע גליק, חאָטש אַ שטיקעלע זים לעבען צו גע־ניסען, איז זענט איהר טאַקע אַוודאי גערעכט, נאָר — שאַ, שטיל... לא־תחמוד, ישׂראליק! — זאָגט דער פּסוק...שלאָפט ישע, יודען! שלאָפט, רב אברהם־שלום.

קיין גערויש און קיין געטימעל
וועט ניט גרייכען אייער אויער.
די לבנה שיינט אין הימעל
און ישׂראליק זיצט ביי'ם טויער...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

* *
*

קאַלט, נאַס און פינסטער איז די טיעפע, שוואַרצע נאַכט, גאַנץ הושענאָוועקע שלאָפט און חראָפּעט...דאָס ניזאָווע ווינטעל בלאָזט אין די אייגגע, שמוציגע, קרומע געסליך, — טהוט אַ קלאַפּ מיט אַ האַלב־אָבגעריסענעם לאָדען, פליהט אַריין אין אַ קוימען פון אַ קליין, אַלט שטיבעל, דרעהט זיך אוים און פליהט ווייטער... פון אַ הינטער־געסיל גיסט זיך אַ שטילע' אומעדיגע שטימע:

„אוי, טאַטעניו־פאָטער! אַ שטיקעלע גליק,
אַ ביסעלע נחת צו זעהען!...
געגוג שוין אַ בעטלער צו זיין אויף דער וועלט,
געגוג אין די הייזער צו געהען!...

גענוג שוין אין שְׁבָנות צו וואָהנען ; גענוג
צו ציטערען אייבּיג אין שרעק ,
אַז אָט ווערט אין כַּעַס דער הויז-בַּעַל-הַבָּית
און מאַכט דיר פון אלץ שוין אַנ׳עק , —

טראַכט אוים אויף דיר טויזענדער בלוטיגע זינד
און מאַכט דעם פְּסַק-דין שוין פאַראוים :
בערייסט און בענעהמט דיך פון קאָפ ביז די פים
און יאָגט פון דער דִירָה ארוים . . .

גענוג שוין צו שטעהען פערהונגערט , פערשמאַכט
ביים גליקליכען מענש ביי דער טהיר
און וואַרטען, דער זאַטער זאָל פיהלען דיין נויטה
און געבען אַ ביסען אויך דיר . . .

גענוג שוין , רִבּונו שֶׁל עולָם , גענוג
אין צָרות , אין היץ און אין קעלט
אויף סְדָרָה בָּלָק פְּרושים ביז איצט
געלערענט מיט אונז אויף דער וועלט !״ . . .

דאָס ליעדעל קלינגט, וויינט און צונדט זיך ווי אַ טיפע, ביטערע קלאָג אין דער קאַלטער, פינסטערער נאַכט...ערטער־וויז, אין די קליינע, איינגע קרומע הייזלעך חאַפען זיך אויף פון שלאָף יודען , יונגע און אַלטע, הערען זיך־צו צו׳ם ניזאָוועַן ווינד און צו דעם אומעדיגען ליעדעל . . . עס קלינגט עפּים אַזוי טרויעריג און אַזוי ליעב , עס נעהמט אָן ביי׳ם הארצען...נאָר די פערשלאָפענע אויגען מאַכען זיך ווידער צו, דער קאָפ לאָזט זיך אַראָב אויפ׳ן קישען . . . ניטאָ , ניטאָ קיין כּחַ ביי׳צוקומען דעם אַלטען , טיעפען שלאָף . . .

איין מענש נור איז דאָ אין הושענאָחקע, אויף וועלכע דאָס ליעדעל ווירקט און לאָזט איהם ניט שלאָפען . . . ווייסט איהר — ווער ? — דער רָב , איהר זעהט , ער זיצט ביי׳ם טיש און... און שרייבט אַ דאָנאָסיל! . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

טס־ס־ס... שטיל, קינדער! שרעקט זיך ניט... אונזער בעריהמטער ד״ר ד ע מ ב אָ האָט זיעבען יאָהר געאַרבייט צו דער־ווייזען דער וועלט, אַז אינזער שְׁחִיטָה שטימט מיט צַעַר בַּעֲלֵי־חַיִים פיעל בעסער איידער ביי אַלע אַנדערע פעלקער. מען קען זאָגען, אַז ער האָט מיט זיין אַרבייט אַראָבגענומען פון דער הַלָּכָה

שחיטה אליין א גרויסע סרחה, מיט וועלכע אונזערע שונאים האבען אונז, יודען, געוואלט טרפה מאכען אין די אויגען פון דער גאנצער וועלט. דער ליעבער דאקטאר, זאל לעבען, האט אונז מיט דעם צוודאי געטהון א גרויסע טובה. מיין באבע, — זאל האבען א ליכטיגען גן-עדן — פלעגט אבער זאגען, אז דאס בעסטע און געשמאקסטע שטיקעל פליישׁ איז פון אזא יאלאווקע, אויף וועלכער עס איז געוועזען א סרחה, און וואס שווערער עס איז געוועזען אראבצונעהמען די סרחה איז דאס פלייש אלץ כשרער... אט דאס — פלעגט זי זאגען — איז טאקע אן אמת יודיש שטיקעל פלייש...

דער רעיון הציוני איז צוודאי פון אנהויב-אן געוועזען א כשר'ער רעיון; נאר כדי די גאנצע וועלט זאל ארויסזעהן בעשיינפערליך, אז דאס איז טאקע אן אמת'ער יודישער רעיון, איז נויטיג געוועזען, אז ער זאל האבען אויף זיך די אלטע „קהלשע" יודישע „חתימה" — א דאנאסיל, און טאקע א יודישען דאנאסיל... דאנקען גאט, דאס איז שוין אויך דא... דער הושענאווקער רב זאל לעבען האט צוודאי בכוונה ניט געהאט צו טהון די טובה דעם ציוניזם, נאר אויסגעקומען איז דאס גוט... די רבנים פלעגען מאכען אויפשריפטען נור אויף וויין, מעד וכדומה זאכען: „כשר לפסח"; דער הושענאווקער מורה-הוראה האט געמאכט אן אויפשריפט אויף דער אידעע בציונית, אז זי איז כשר אויף אלע ימים-טובים און אויף א גאנצן יאהר, און איצט איז זי שוין צוודאי אן אמת-יודישע אידעע: די סרחה — דאס דאנאסיל — האט איהר צוגעגעבען טעם... וואס נאך דארף מען? „וויקען" און „זאלצען"? גענוג, יודישע קינדער, גענוג האט זיך דער רעיון געווייקט אין אונזערע געזאלצענע טרעהרען... ער איז שוין כשר לכל הדעות. און מיין ישראליק האט א גרויסען טעות. דאס וואס איהם ווייזט אויס פאר א חלום, איז א ליכטיגער, וואהרער אמת... פון שלאף, אין וועלכען מען זעהט א זעלכע „חלומות" שטעהט מען אויף פריש, יונג, געזונד און פרעהליך, דאס איז דער שלאף נאכ'ן קריזיס אין א לאנגער, סכנות'דיגער קרייננק... א זעלכע „חלומות" בעוועהען דאס פערביטערט יודיש הארץ, אזוי ווי דאס פרישע, קיהלע ווינטעל זומער אין דער פריה איידער עס הויבט אן צו טאגען...

און די זון גייט-אויף אין הימעל,
שיינט און גלענצט אויף טהאל און בארג,
און דער טהוי וואשט-אב דעם שימעל
פון דעם וואלד, פעריאגט זיין דרימעל,
מאכט איהם ווידער פריש און שטארק...

שטעה-זשע אויף! די אלטע גלידער
ווארים-אן, מאך שטארק זיי ווידער
און די לאנגע נאכט פעריאג, —
אונזער ליעבער, אונזער שענער,
אונזער ליכטיגער און ריינער,
אונ.ער זומערדיגער טאג!...

# גבורים.

(א משל׳ל)

דער פסוק זאגט:
„א נזיר זיין —
זאל ער די האר ניט שערען, היים איהם,
ניט עסען פלייש, ניט טרינקען וויין
און זיך ניט צוריהרען צו מתים״.

און דאס איז אלץ, וואס האט א ווערטה
צו זיין א נזיר און א גבור?
טא זענען יודען אויף דער ערד
דורכאוים גבורים... גאט דו ליעבער!

מען עסט קיין פלייש די גאנצע וואך,
וויין טרינקט מען נאר צו ארבע־כוסות,
די פאות וואקסען לאזט מען דאך
פון שלום־זכר ביז צו גוסס...

יא, אמת, ברידער, איינס נאר פעהלט
צו הלכת־נזיר: כמה יאהרען
אז יודען זענען אויף דער וועלט
כמעט ווי מתים שוין געווארען...

# דִי רִיפּ.

## (אַ גְמָרָא)

אַז דער לִיבּער בּוֹרֵא־עוֹלָם
האָט בּאַשטִימט בּאַשאַפֿען חַוָה
(חאָטש, אִין תּוֹך גערעדט, געוועזען
אִיז דער גאַנצער פּלאַן צִיקאַווע),

האָט ער שטאָף — זאָגט דִי גְמָרָא —
נִיט פֿוּן אָדָם׳ס הענד גענוּמען,
נִיט פֿוּן זײַנע פִּיס אוּן אוֹיגען,
נִיט פֿוּן קאָפּ, פֿוּן צוּנג, פֿוּן גוּמען;

ווײַל עס לִיגט אִין קאָפּ דִי גַדְלוּת
אוּן דִי תַּאֲוָה אִין דִי אוֹיגען —
צווײ חֶסְרוֹנוֹת, וועלכע דאַרפֿען
פֿאַר אַ פֿרוֹי דוּרכאוֹיס נִיט טוֹיגען.

נִיט פֿוּן אָדָם׳ס הענד בּאַשאַפֿען
האָט זִי גאָט, זִי זאָל נִיט וועלע—
מִיט דעם מאַן מִלְחָמָה האַלטען,
אִיבּער אִיהם זִיךְ העכער שטעלען.

נִיט פֿוּן צוּנג אוּן נִיט פֿוּן גוּמען,
ווײַל דאָס זענען יענע כֵּלִים,
וואָס מִיט זײ, ווִי מִיט אַנ׳עמער
שעפּען מענשען דְבָרִים־בְּטֵלִים.

פֿוּן דִי פִּיס — זִי זאָל נִיט גלוּסטען
פֿוּן דעם מאַן אַ פְּלֵיטָה מאַכען.
אָט כְּדֵי זִי זאָל בּעפֿרײַט זײַן
פֿוּן דִי אַלע שלעכטע זאַכען, —

פֿון דער ריפּ האָט זי געבוירען
דער בעשעפער — פֿון אַ שטומען,
בלינדען, אונשולדיגען בּײנדעל
האָט דער בּורא זי גענומען...

אָט דערפֿאַר—זאָגט די לעגענדע
פֿון די אַלטע, קלוגע יאָהרען —
האָבען װײַבער אַלע מעלות
און קײן אײנציגען חסרון...

# מִזְבַּח־אֲדָמָה.

„מזבח אדמה תעשה לך".

מיר האָבען פיעל טהייערע, גרויסע מִזְבְּחוֹת
גְעהאַט אין די גליקליכע טעג,
וואָס האָבען אַמאָל אונז געגלאַנצט ווי די שטערען,
געשיינט אויף'ן ליכטיגען וועג.

זיי זײנען געוועזען פון גאָלד און פון קופּער
און קונציג געהאַקט און געקריצט;
אויף זיי האָט געברענט אונזער הייליגעם פייער,
די הייליגע פלאַמען געבליצט.

נאָר טהייער אין זיי איז געוועזען ניט דער קופּער
און ניט אין'ם גאָלד זייער ווערט:
דעם ערשטען מִזְבֵּחַ האָט משֶׁה רַבֵּינוּ
געבויט אונז פון פּשוּט'ער ערד;

פון פּשוּט'ער ערד איז געוועזען דער מִזְבֵּחַ,
דער ערשטער מִזְבֵּחַ געמאַכט,
אויף וועלכען מיר האָבען פאַרצייטען צום ערשטען
דעם הייליגען קָרְבָּן געבראַכט.

מיין פאָלק! ניט פערגעס אויף די אַלטע מִזְבְּחוֹת,
בעט גאָט, ער זאָל ווידער צוריק
אונז אומקעהרען אונזערע ליכטיגע יאָהרען
מיט אונזער פערגאַנגענעם גליק;

געדענק אָבער אייביג דעם ערשטען מִזְבֵּחַ,
בעאַרבייט מיט ליעבשאַפט די ערד:
אין דעם ליעגט פערבאָרגען דיין קראַפט, דיין נֶחָמָה,
אין דעם איז דיין גליק דיר בעשערט!...

---

# צִיוֹן.

הִי וואָלקען אין שטורם-ווינד, לויפען און פליהען
אָהן אָנפאַנג, אָהן אויפהער די שטונדען און טעג;
די אַלטע אַלְמָנָה — די טאָכטער פון צִיוֹן
זיצט טרויעריג, איינזאַם בּיי'ם וועג...

פיעל רייזענדער פאָהרען פאַרביי איהר און געהען,
זי ווענדט זיך צו זיי מיט אַ בּיטער געוויין:
אַך, זאָגט מיר, צי האָט איהר מיין קינד ניט געזעהען,
מיין עלענדען יָתוֹם?...„—ניין, אַלטיטשקע, ניין!"...

זיי געהען און רייטען
פון אַלע פיער זייטען
צו'ם אַלטען מִזְבֵּחַ אין הייליגען לאַנד...
די טאָכטער פון צִיוֹן
טהוט וויינען און קניהען,
אין שטויב צו פערבּאָרגען איהר וועהטאָג און שאַנד...

עס געהען און געהען אַ טאָג נאָך אַ טאָג;
עס פליהען די וואָלקען, עס יאָמערט דעם ווינד
און טרויעריג גיסט זיך אַ בּיטערער קלאָג:
„—וואו בּיסטו, וואו בּיסטו, מיין קינד?!"

# אַ יְרוּשָׁה.

בְּשָׁעה אונזער עֶלטער-פֿאָטער יַעֲקֹב
האָט זיך געדאַרפֿט בעגעגנען אויפ'ן וועג
מיט עֵשָׂו'ן, וואָס איז געווען אין כַּעַס
אויף איהם נאָך פֿון די פֿריהערדיגע טעג,

האָט ער פֿאָראויס געשיקט איהם אַ מַתָּנָה
פֿון בְּהֵמוֹת און פֿון חַיוֹת אַלערליי:
באַראַנעם, אייזלען, מעלקעדיגע קעמלען
מיט ציגען און מיט צאַפּעס נאָך צו זיי.

און דאָס איז טאַקע קלוג געווען: עֵשָׂו
האָט איהם בעגעגענט ווי אַ גוטער פֿריינד...
אוי, ברידערלעך, פֿון יַעֲקֹב'ן דער מִנְהָג
איז אונז געבליבען נאָך ביז היינט:

אַז יודען דאַרפֿען שיקען צו אַ פָּרִיץ,
בעגעגענען זיך מיט אַ מאַגנאַט, אַ פּאַן,
איז וועמען קלויבט מען אויס פֿאַר דעפּוטאַטען?
אַ מויל-אייזעל, אַ קעמעל, אַ באַראַן.

דער אייזעל איז דער גרעסטער שוטה טאַקע
זיין יִחוּס איז, פֿערשטעהט איהר אָבער, גרויס,
ער האָט געהאַט אַ פֿיינעם עלטער-זיידען:
פֿון בִּלְעָם'ס אייזעל קומט ער דאָך אַרויס;

דער קעמעל האָט אַ לאַנגען, שענעם גאָרגעל,
דער באַק — אַ גרויסע באָרד און דער באַראַן
אַ גוטען פוטער און אַ פֿעטע קאָדע —
טאָ איז דען בעסערס וואָס פֿאַרהאַן?...

# צוויי טראיקעס.

## א.

דער שניי איז געגאנגען צוויי טעג נאכאנאנד,
א שליט-וועג א חיות גע'חזרט,
די פערדעלעך שטעהען אין שליטען געשפאנט
אלץ גרייט שוין און פארטיג צום פאהרען.

אי, פערדעלעך-חיות! נו, זעץ זיך און פאהר! —
מיט צאצקעס געטאקט איז דער שליטען,
צוויי פערד פון די זייטען — ווי הירשען א פאר,
א לעמפערט, א לייב אין דערמיטען.

דער קוטשער נעהמט באלד אלע לייצען אין האנד:
— „נו, קינדערלעך, לעבעדיג, פרעהליך!"
דעם שליטען האפט אויף מיט אמאל ווי א בראנד..
— שטעה, איל זיך ניט, ווארט-ווארט, פאמעליך!

ניין, ברודער, אומזיסט! ווי א פויגעל, א ווינד,
א פייל פונ'ם בויגען, א וויכער,
זיי לויפען, זיי שוועבען, — זיי פליהען, געשווינד,
וואס ווייטער — אלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד ווי א לאקשענבעכעט גלאט,
די זון שיינט פון אלע פיער זייטען,
דער קוטשער — א מזיק, די פערדעלעך—זאט,
די גלעקעלעך קלינגען פון ווייטען.

פאהרט, פריצים, קאטאיעט זיך, — גליקליכע טעג!...
נאר ווארט נאר, וואס איז דאס? פאסטאי-קא!
ווער קריכט דאס דארט? איי! איי! צרצב פונ'ם וועג!!..
דאס שלעפט זיך די יודישע טראיקא...

## ב.

אַ וואָגען — אַ פֿאַלאַץ! — די בוידע איז געוועבט
פֿון גאַנצע פֿרײַ"ג אַלטע שטיקלעך,
די אַקסען מיט וואַקס פֿון הבֿדלה געקלעבט,
די רעדער געבונדען מיט שטריקלעך.

דרײַ קליאַטשעס-דרײַ אָדלערס! דרײַ לײַבען אַ שרעק! —
זיי שפּרינגען נו טאַקע ווי זשאַבעס . . .
ישׂראליק'על פֿאָה־ט, פֿאָהרט און פֿאָהרט אָהן אַ"עק,
אַהיים צו פֿאַספּײַען אויף שבת . . .

אַהיים . . . אוי, ווי וויַיט נאָך, ווי ווייט איז זײַן היים,
ווי שווער, נעבעך, איז די נסיעה:
עס זינקען די רעדער אין שמוץ און אין ליים,
חאָטש טרענק זיך, חאָטש קריך אויף דער תּליה!

עס זינקען די רעדער, עס טרעסקעשעט דער סכך
די זאַוויעסקעס סקריפּען און קנאַקען,
אָט, אָט איז אַ גרוב, אַ פֿערזינקעניש—טראַך!
ער פֿליהט און צוברעכט האַלז און אַקען . . .

נאָר האָט ניט קיין מורא: ישׂראליק איז קלאָר,
איז בקי אין הלכת-עגלה —,
ער שלעפּט־זיך דאָך שוין כּמעט צוויי טויזענד יאָהר,
דאָס איז דאָך פֿון אייביג זײַן ראָלע . . .

ער שלעפּט זיך דורך פֿעלדער און וועלדער אַ־ים,
ער בלאָנדזשעט אין סטעפּען, מדבּרות,
ער האָט שוין געפֿיהלט און ער ווייסט שוין דעם טעם
פֿון אַלערליי ביטערע צרות.

ער האָט שוין בעגעגענט אַ לײַבען, אַ הינד,
אַ לצים, אַ שלענג, אַ גזלנים,
עס האָט ביז אין בלוט איהם געשמיסען דער ווינד
דער האָגעל געפּאַטשט איהם אין פּנים;

עס איז אָבער גאָר ניט געוואָרען פֿון דעם.
בילט, כּלבים, עד לב השמים!
זײַן טראָיקעלע שלעפּט זיך נאָך, ברוך־השם,
ער לעבט נאָך און פֿאָהרט נאָך עד היום.

פיעל טראָיקעס געוואָרען שוין הינקעדיג, בלינד,
פיעל גלעקלעך צובראָכען, פיעל בייטשען צוריסען,
עס איז שוין קיין זכר ניטאָ פון די הינד,
וואָס האָבען אַמאָל איהם גערִיסען.

עס איז ניט געבליבען אַפילו דער אָרט
פון טויזענד פּאָסטשטאַציע קוריערען און רייטער,
און זעהט נאָר, ישׂראליקעלס טראָיקע — זי פאָהרט
זי שלעפּט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער...

די יודישע טראָיקע-איהר קענט זי, איהר ווייסט?
מיר האָבען אויף איהר אַ חזקה...
די אַלטמאָדישע יודישע טראָיקע — זי הייסט:
תּשובה ותפלה וצדקה!...

# ניי־יאהר.

חדש ימינו כקדם.

ניי־יאהר! שפּיעל, מיין אלטע פידעל,
שפּיעל א נײַ, א פרעהליך ליעדעל,
זינג א נייעם, זיסען שיר —
דײַנע סטרונעס זאָלען קלינגען,
אלע הערצער זאָלען זינגען,
זינגען, פרעהען זיך מיט דיר! . . .
און די פידעל ענטפערט מיר:
— „אויף א בוים ביים טייך פון בבל
בין געהאנגען איך אמאָל,
און נאָר קלאָגען ווי אַן אבל
קאָן פון דעמאָלט־אָ מיין קול . . .
ניין, איך האָב קיין נײַע ליעדער,
אלטע קען איך, ליעבע ברידער!
דאָרט, ביים גרויסען אלטען טייך
האָב איך זיי געהערט פאַרצייטען
און אויף אלע נײַע צײַטען
אײנס נור ווינשען וועל איך אייך:
מיט זיין ליעבע, מיט זיין טרײַהייט
זאָל גאָט שענקען אייך צוריק
אייער אלטע קראַפט און פרײַהייט,
אייער אלטעם גליק!" . . .

# הגדה-ליעדער.

## 1.

## דער חשבון.

די אלטע הגדה ליגט אפען, א בלאט
א גאנצע (איך לייען זי גערן) . . .
א חשבון א קלארער מיט דרוש און מיט פשט
פון מכות, וואס פרעה האט נעבעך געהאט.
אי, מכות! בעהיט זאל מען ווערען!
דער חשבון ביי רבי עקיבא איז קלאר:
צוויי הונדערט מיט פופציג! א קלייניגקייט גאר!
מיקאן שוין מיט דעם אי דעם גיהנום פערשפארען . .
איך לייען די אלטע הגדה און טראכט:
„רבונו של עולם, ווי גרויס איז דיין מאכט
און שרעקליך אויף אונזערע שונאים דיין צארען!" . . .

---

נאר וואס איז דאס? ווערמעס געלעכטער ביי נאכט
דערהער איך? . . . ער גיסט זיך מיט ביטערע טרעהרען . .
„— אוי, יודישע-קינדער דער חשבון זאל ווערען
נאך קלארער, בערעכענט די אומגליקען, שלעק,
די בלוטיגע מכות, די ביטערע צרות,
וואס גאט האט געשאטען אויף אונז אהן אנ'עק,
און ניט אויף די ימים, און ניט אין מדברות
און וועלדער, וואו וויסט איז אי פינסטער, אי איינג,
אי אונמעגליך וואסער א טראפען בעקומען —
בענעצען די ליפען, דערפרישען דעם גומען;
ניט דארט, וואו עס קריכען די גיפטיגע שלענג,
ניט דארט, וואו די חיות די שרעקליכע ברומען . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . .

---

גרויס, גרויס איז דער חשבון, אהן מאס און אהן צאהל.
די ציפער געשריבען מיט פייער און שטאהל,

מיט קייטען די שורות געקאוועט, אין וואונדען,
אין בלוטיגע וואונדען די בלעטער געבונדען,
און טיעף ווי דער אבגרונד און שווארץ ווי די נאכט
איז דארט אויפ'ן טאוועל די אויפשריפט געמאכט, —
אהן ווערטער געקריצט און אהן פעדער געשריבען, —
די מכּה, וואס אונז איז פון פּרעה געבליבען:
דער חשך!... אוי, ברידער, איהר זעהט
אן בּבי יהודה'ס סימנים,
ווי שרעקליך, ווי ברייט
צוגאסען, צושפּרייט,
ער ליעגט אויפ'ן יודישען פּנים?!...

---

יא, גרויס ווי די וועלט איז דער חשך! — און דאך
מיר לעבען נאך, ברידער, מיר ציהען זיך נאך
פון שמוץ און פון שימעל,
פון שלאפקייט און דרימעל,
פון הונגער און קעלט
צום ליכטיגען הימעל,
צום גליק אויף דער וועלט!...

---

II.

## אַרְבַּע כּוסות.

דער גרויער ווינטער איז אַוועק,
דער יונגער פרילינג איז געקומען . . .
צינד אָן די ליכט פון עק ביז עק,
באַקרענץ דעם טיש מיט פרישע בלומען!
דרייַ שענסטע רויזען, העל און פייַן,
קלויב אויס, מייַן קינד, און שטעק אַרייַן
אין מָרור, כַּרְפַּס און חֲרוסֶת
און מיט דעם רייַנסטען, בעסטען ווייַן
גיס אָן ביז פול די אַרְבַּע כּוסות!

מיט פרייד און ליבע אָהן אַ מאָס,
מיט הייסען גלויבען, טיפע טרייַהייַט
הויב אויף, מייַן קינד, דעם ערשטען כּוס
פאַר אונזער אַלטע, זיסע פ ר ייַ ה ייַ ט! —
אין יַם־סוף ליגט די שווערע קייט,
דער קנעכטשאַפטס־יאָך פון לאַנד מִצְרַיִם . . .
אַ גאַנצע אײביגקייַט פערגעהט —
און יעדען יאָהר וואַכט אויף און שטעהט
דער גרויסער נֵס פאַר אונז עַד הַיּוֹם . . .

דעם צווייטען כּוס הויב אויף, מייַן קינד,
לְכָבוד אונזער אַלטע ת ו רָ ה —
די ליבע, איינציגע מְנוֹרָה,
וואָס פלעגט אין גרעסטען שטורם־ווינד
אין האָגעל, פינסטערניש און רעגען
פערהיילען אונזער לייד און פּייַן —
פערגיסען וואָרימקייַט און שייַן
פאַר אונז אויף אַלע ווייסטע וועגען . . .

דעם דריטען כוס נעהם, קינד, אין האַנד
און הויב איהם אויף ווי אַ זכּרון
פון אונזער אלטען פאטערלאַנד,
פון יענע טעג פון יענע יאָהרען,
ווען אונזער פאָלק האָט אויף דער וועלט
געהאַט אַ היים, אין רוה געזעסען
און פון זיין אייגען, פרייען פעלד
אַנ'אייגען שטיקעל ברויט געגעסען...

דעם לעצטען, פיערטען כוס גיס־אָן
און טרינק, מיין קינד, — לחיים, ברידער,
פאר אונזער נייע פרייהייטס־פאָהן, !
זי זאָל אין וועג אונז פיהרען ווידער
צו אונזער ליעבען פאָטערלאַנד:
מיר זאָלען, פריי פון לייד און שאַנד,
דעם לאַנגען גלות דאָרט פערגעסען,
ניט וויסען מעהר פון שרעק און נויט
און ווידער אונזער אייגען ברויט
פון אונזער פעלד אין נחת עסען!...

# דער פרעהליכער קבצן.

(א מאנאלאג).

אז גאט אויף אונזער וועלטעלע
האט אלץ ארום באשאפען —
דעם רייכען און דעם ארימען,
דעם שטארקען און דעם שלאפען,

א האז, א העכט, א שטעטעלבוים
א קאזאק מיט א פיקע,
א רב, א ציג, א וואלטייער,
א חזן א זאאיקע, —

האט פונ׳ם קוואל דעם הייליגען
געבראכט צום בורא-עולם
א מלאך מיין נשמה׳לע,
נאך פון דעם גוף דעם גולם

א פייע, ניט פער וויטיגטע
פון תאוות, יצר-הרע,
און ווי דאס מארגענשטערענדיל
א ליכטיגע, א קלארע,

און פרעגט: — „מיט וואס בעפעהלסט דו מיר
די טפה-סרוחה בענשען?
עס זענען אויף דער וועלט שוין דא
פון כל המינים מענשען —

אי פרומע, אי חזיר׳ניקעס,
דאקטוירים אי בטלנים,
גלאט מענשען, מענשען איידעלע
נגידים אי קבצנים.

טא וואס זאל זיין דאס מענשעלע?
גיב, גאטעניו, מיר שכל״ . . .
— „א קבצן, — האט דער אויבערשטער
געענטפערט מיט א שמייכעל, —

אַ קבצן, נאָר אַ פרעהליכער!
  זאָל זײַן מיט אַלץ צופריעדען,
און דאָס איז דאָך, פערשטעהסטו מיך,
  אַ װעלטענעם בײַ יודען . . .

און אָט־אָ בין איך, ברידערלעך!
  בעקוקט מיך דאָ אין גאַנצען:
פריש, פרעהליך, פרײַ און לעבעדיג;
  שפּיעלט, כּלי־זמר — געה איך טאַנצען!

װאָס איז די שׂמחה — פרעגט איהר מיך?
  למשל, נעהמט מײַן דירה:
אַ נעסטעלע, אַ װיעגעלע,
  עס איז צו זינגען שירה.

די גבירים אין די פּאַלאַצען —
  אַ מאָדע הײַנט געװאָרען,
געה, װײַס איך, קריך, קאַראַבקע זיך
  אין דריטען, פיערטען גאָרען.

װאָס טויגען מיר דער מי־מעלשטײַן,
  דאָס שפּיגלען־זיך און גלאַנצען —
מען בלײַבט אָהן פּים! נײַן, אָט בײַ מיר
  פינף טרעפּלעך גאָר אין גאַנצען,

און גלײַך אַראָב, פערשטעהט איהר מיך,
  אין קעלער־שטאָק — אַ היות! —
מען שטעלט אַ פוס — אי נאַס, אי גלאַט,
  עס גליטשט אַראָב אָהן שהיות! . . .

די גבירים, כ׳װײַס, מען דאָקטאָרט זיך,
  מען היט זיך, מען האָט מורא
פאַר היץ, פאַר קעלט, עס גיסט זיך אויס
  אויף זײ אַ מרה שחורה,

מען לעקט, מען גאַפט צו אויסזוכען
  אַ תּרופה אין די ביכער
דאָס לעבען צו פערלענגערען.
  איך, דאַנקען־גאָט, בין זיכער —

איוננגער שטארבען קאן איך ניט,
ווייל נאך אין יענע יאהרען,
אַם יונגענד רופט מען, בין איך שוין
אי אלט, אי גרוי געוואָרען...

היינט נעהמט, ר׳משל, עסענוואַרג —,
וואַרמוטלעך, קנישעס, טאָרטען,
געבראָטענס, קעזלעך, זעמעלעך
און צימעס כ׳ל הסאָרטען —.

גנידים זענען או סטראַכטער.
ס׳איז פשוט א ליצנות,
זיין שׂמחה האָט זיך יעדערער,
מען עסט מיט גרוים הכנות

וועך פליישיגס און וועך מילכיגס נאָר,
דער-קרעפּלעך, יענער-פראַקעס,
איך, דאַנקען גאָט, בין פאַרעווע —
איך עם כל ימי מכות!...

דאָס נעמליכע ביי אונזערע
גנידים וועגען בגדים:
מען פוצט זיך און מען מאָדעט זיך —
אַ פאָדים צו אַ פאָדים:

מען היט זיך, ס׳זאל א ווינדטעלע
אַ בלאָז ניט טהון חלילה
אפילו אין א זומער-נאַכט,
אַ וואַרימע, אַ שטילע;

דאָך נייהט מען אויף יום-טובים נאָר
א בגד׳ל א נייעם;
אזוי איז פון פאַרצייטען שוין
דער מנהג דא עד-היום.

עט, נאַרישקייט, א יונגעלע,
אַ קדיש האָב איך (איינער
אי׳ מיידלעך זעקס) אנ׳עופּעלע,
אי׳ן גאַנצען הויט און ביינער;

איז מײַנט איהר װאָס? אױ־אױ, אַבי
לאַנג לעבען זאָל דער טאַטע! —
ער לעגט איהם יעדען דאָנערשטאָג
אַ נײַע, פרישע לאַטע!...

פון װאַנען נעהמט זיך, פרעגט איהר מיך
די קראַפט אין מײַנע גליעדער,
די פרישקײַט און די פרעהליכקײַט?
פון מזל, ליעבע ברידער!

אַז גאָט גיט מזל, האָבען ניט
קײן שליטה דײַנע שונאים...
איהר זעהט אױף מיר די נײַאינקע,
די פרישינקע סימנים?

צוהאַקט אַ לופ, צופלאַצט די נאָז,
אַפּנים — אַקאַרטינקע...
דערפאַר צוברעכען, דאַנקען גאָט,
אײן האַנד נאָר — און די לינקע!...

# הושענות.

"אני והו הושיעה נא".

א ליבער גאסט איז דא ביי אונז —
הושענא־רבה איז געקומען! . . .
א גרוס דיר, אלטעם פאטערלאנד,
מיט דיינע פרות, צווייג ן, בלומ ן!
א גרוס איך, פעלדער, גארטענס, לופט
און שיין און ווארימקייט! א זיסען,
א ליבען גרוס איך, בארג און טהאל,
וואו וועלדער רוישען, טייכען פליסען.
וואו ליעדער קלינגען ווי א קוואל,
און קוואלען קלינגען ווי די ליעדער!...
ווי זיס איז אונז דיין לופט און ליכט
וואטש פון דערווייטען פיהלען וויעדער,
איין טראפען וואטש פון אלטען גליק
זאל היינט דערפרישען אונזער גומען..
א גרוס דיר, אלטעם פאטערלאנד,
מיט דיינע פרות, צווייגען, בלומען!..

* *
*

מען האט אין שוהלכעל אויסגעקעהרט
און אויסגעראמט אין אלע עקען,
אויף ניך פערוואשען ווי ניט איז
פון בלוט און מארך די שווארצע פלעקען.
פערשטאפט די לעכער אין די וועגד,
אריינגעשטעלט א דריי־פיער שויבען,
פעררינכט די שטענדערס מיט די בייגק—
און זאל זיך פרעהען גאט פון אויבען!...
הושענא־רבה איז ביי אונז!
און וויפיעל יודישע נשמות,
אזוי פיעל ליעגט "הושענות" דא
צושפרייט, צעווארפען. א בהמות

צו קוקען—נעכטען זעגען זיי
גערוען אי פריש אי פייכט, בײַ׳ם ריינעם
און פרייען טײַכעלע געלעבט,
געוואקסען און געבליהט אינאיינעם,
און איצט...

* *
*

דער עולם איז אוועק,
דער שמש האט די טהיר פערשלאסען;
א שטומער, טויטער דונקעל ליעגט
אין יעדען ווינקעל אויסגעגאסען.
און אין דעם טויטען דונקעל דא
איז אבגעבילדעט פונ׳ם ווינעל
און ביז׳ן קבר אונזער וועלט
ווי אין א ריינעם, העלען שפיעגעל:
פון אונזער אלטען, ליעבען בוים
ווי מיט א מעסער אבגעשניטען,
צושפרייט, צעוואָרפען, מיט די פיס
אין שטויב, אין בלאטע איינגעטריטען..
איינס נאר—די טהיר איז אפען!... געהט
און זוכט, געפינט דעם בוים דעם אלטען..
די טהיר איז אפען, — הויבט זיך אויף
און געהט...מען וועט אייך ניט פערהאלטען...

* *
*

הושענא-רבה איז בײַ אונז.
דער הימעל שפּאלט זיך... יודען קוקען
און ווארטען... אין די אויגען ברענט,
עס שטעכט אין קארק, עס ברעכט דער רוקען...

את, שטראף מיך ניט, דו, גרויסער גאט!
אַוודאי, כ׳האב צו דיר קיין טענות,
נאר פארט... א פאלק, א גאנצעם פאלק
פון אבגעשלאגענע הושענות!!!...

# חֲנֻכַּת־הַבַּיִת.

„...ואין לנו רשות להשתמש בהן
אלא לראותן בלבד"...

װידער ברענט דאָס אַלטע לעמפּעל
אויפ'ן הױכען, שענעם אָרט.
יעדעם הײַזעל איז אַ טעמפּעל,
אַ מִזְבֵּחַ פונקעלט דאָרט.

װיפיעל צײַט איז שױן אַריבער,
ס'קלאַפּט די עלטער שױן אין טהיר...
נאָר מיר דאַכט־זיך, אַז דער ליעבער
זײדע װידער רעדט צו מיר:

—„זעהסט, מײַן קינד? אַכט גרױסע שטערן
געהען־אויף אין הימעל־פּראַכט,
און די שאָטענס בלײַכער װערען,
העלער װערט די שװאַרצע נאַכט.

„רײַן און הײליג, ליעב און טײַער
דאַרפען אונז אויף אײביג זײַן
זײער שטילער, מילדער פײַער,
זײער ליכט און זײער שײַן:

„פאַר אַן'אײביגען זִכָּרוֹן
פון דעם נֵס אין יענע יאָהרען,
װען מיר האָבען מיט'ן שװערד
אונז די פרײַהײַט אומגעקעהרט.

„האָט אונז גאָט די ליכט געגעבען:
נוצען זײ דערפאַר אין לעבען
טאָר מען ניט — אַ גרױסע זינד
װאָלט עס זײַן, מײַן ליעבעם קינד!"...

נײַן, װײַדע! שוין צװײ טויזענד יאָהר אַז עס ברענט
די הײליגע מנורה, — און מיר?
מיר זיצען צונויפגעלעגט רוהיג די הענד,
מיר זיצען פערחלומט, מיר זיצען פערבלענדט,
מיר זיצען און קוקען אויף איהר.

נײַן! גרויס איז די אַרבײט, װאָס ליעגט אויף אונז; שװער
און הײַט איז דער הײליגער צװעק,
דער צװעק, װאָס דאַרף זײַן אונזער אײנציג בעגעהר,
װאָס רופט אונז צו שטרײַטען אָהן אײזען-געװעהר,
אָהן פײַער, אָהן צאָרן און שרעק...

שװער, װײַדע, און גרויס איז די אַרבײט; פיעל טעג
און נעכט װעלען לאַנגזאַם זיך ציהען,
ביז װאַנען מיר װעלען דערגרײכען צום ברעג...
טאָ ברען־זשע און שײַן און בעלײַכט אונזער װעג
דו, הײליגע מנורה פון ציון!...

חי לאַנג זאָל ניט זײַן נאָך און פינסטער די נאַכט, —
דו ביזט אונזער האָפנונג, דו ביזט אונזער מאַכט,
דאָס גאַנצע, דאָס לעצט־ביסעל חיות;
דו דאַרפסט אונזער פיהרער און װעגװײַזער זײַן,
עס זאָל אונזער אַרבײט בעלײַכטען דײַן שײַן,
ליכט, ליכט פון חנוכת הבית!...

# חנכה שפיעל.

קינדער! הערט, וואס כ'וועל אייך פרעגן —
האט געזאגט אונז נחום מענדעל
חיים־בער'ס — א יונג מיט ביינער
און דערצו א קלוגע קאפ:

פורים־שפיעל איז פון פארצייטענס
דא ביי אונז; דאס גאנצע שטעדטיל
קאכט און ארבעט, ברענט און פלאקערט,
א יריד, א טאראראם!

קומט א חנוכה — איז גאר ניט;
אבגעבענטשט די ליכטלעך, לאטקעס
אבגעגעסען, מיטן דריידעל
אבגעדריידעלט — און א סוף.

סטייטש, מיט וואס איז, זאגט מיר, ערגער
נעבען חנוכה פון פורים,
און פארוואס ניט מאכען טאקע
אויך אויף חנוכה א שפיעל?

וואס? איהר מיינט מען דארף דא עפעס
גרויסע חכמות? גאר ניט. נעהמט אונז
ווי מיר שטעהען דא, איז האט איהר
גאר אינגאנצען, גיך און גוט:

איך וועל זיין דער מלך־דין,
דו, אברהמ'יל, שפיעלסט, למשל,
מתתיהו כהן־גדול
און יונים וועלען זיין

חיים, טאדרעס, איצע, בערקע,
חנה, בחמן, פיצע, שמערקע,
עוזר, לייזער, גרשון־בער,
ווער עס וויל — אבי וואס מעהר.

„דאַרף מען וואָס? אַ פאָהן! אַ קיצור —
צו אַ לאָפּעטע אַ פּראָסטע
בינדט מען צו אַ טלית־קטן, —
פּאַך מיט איהם און שריי: „הוררא!

„הויבט זיך, יודען אַ מפּלה
אויפ'ן יון! איינגעזונקען
זאָל ער ווערען!“... האַ? וואָס ווייטער?
בגדים ברענגט איהר? אויך אַ זאָרג!

„איך, למשל... ס'איז אַ פּענדעל
דאָ ביי אונז פון רויטען קופּער
מיט אַ שפּיציביגען הענדטיל,
כ'מהו זי־אָן, פּערחיקעל זיך

„פון דער נאָז און ביז די פּיאַטעס
אין אַ קאָלדערע אַ רויטע
און, פערשטעהט איהר? אָט־אָ בין איך
אַנטיוכוס אויסגעטאָקט.

„איהר, יונים, ס'הייסט סאָלדאַטען,
טהוט זיך־אָן אין קליידלעך, קאַפּטעס,
ווי דער מנהג איז ביי גרעקען;
שטעקענס, קאַטשערעס און הוק

„וועלען זיין ביי איך בלי־זיין, —
כמיררנא!... שאַנאָם... מאַרש!... בערשטאַנען?
דו אַברהם'יל־מתתיהו —
נעהם ביי'ם טאַטען דעם חאַלאַט

„מיט די קוטאַסען, אַ בגד
פאַר אַ כהן־גדול — פּשוט
אויסגעגאָסען; דאַרף מען בעסערס?
אַנ'אַנטיק־אָי ברייט, אָי לאַנג.

„חוץ־דעם, ברודער, נעהם אַ גרויסען,
לאַנגען, שאַרפען מעסער, מחמת,
ווי דו ווייסט דאָך, דאַרפסטו דאָרטען
שטעכען יונ'ס קאָמאַנדיר;

„שטעל דיר פאר: דער ילד אין גרויסע,
לאנגע שטיוועל, מיט א קעסעל
אויפ'ן קאפ, מיט לאנגע וואנצעס,
מיט א שפיז אין האנד... אין דו —

„טהוסט א שפרונג, לויפסט־צו—„דו גזלן! —
שרייסטו—דו, רוצח איינער!
ווילסט מען זאל אויף גאט פערגעסען?
אויפ'ן גרויסען, שטארקען גאט,

„וועלכער האט פון לאנד מצרים
אונז דערלייזט, דעם ים געשפאלטען
און אריינגעפיהרט דאס ליעבע
פאלק־ישראל אין א לאנד,

„וועלכעס טריפט מיט מילך און האניג,
בליהט מיט באקסערען און מאנדלען —,
זאלען מיר אויף איהם פערגעסען?
צו דיין געטצקע בוקען זיך?

„כורעים פאלען פאר'ן חזיר,
וואס דו ברייגנסט איהם פאר א קרבן?
הא? דאס פאדערסטו, דאס ווילסטו?
ניין, א מכה דיר אין האלז!

„נא דיר, נא, ימח־שמוניק!"
און א שטאך איהם מיט'ן מעסער
גלייך אין בויך אריין!... פערשטעהסטו?
די יונים בלייבען שטעהן

„אויף א רגע ווי פערגליווערט...
נאר דערזעהענדיג דעם גבור
מיט די וואנצעס, ווי ער אקערט,
גראבעלט מיט דער נאז די ערד,

„חאפ'ן זיי זיך אויף און לויפען
הענדום־פענדום... א בהלה,
א דערשטיקעניש... עס פליהען
קלעפ ווי האלץ... עס קאכט, עס זידט...

„דער מוֹנֵחַ קערט זיך איבער
אויף א זייט... דער חַזִיר חריוקעט,
קוויטשעט!...
שטעה נאר... וואַרט א ביסעל..."
נָחום מענדעל שטעלט זיך־אָב,

טהוט א רייב דעם שטערן—„הערסטו? —
מאַכט ער, — גאר ניט נאַריש, כילעבען,
אַ מוֹנֵחַ מיט א חַזִיר...
נוט... נאר... אָבער אז אזוי,

„הייסט עס, דאַרף מען דאך א חַזִיר?
ווער־זשע וועט דיִם חַזִיר שפּילען?..
בערקע! הער, דו ביזט אַ נֶפֶש
מיט א גַעמבע, האָסט אַ קוויטש

„בְּמַתָּנָה פון זיין ליעבען
נאָמען, — אי, א קוויטש! ס'איז מַמָש
אַנ'אַנטיק; דער גרעסטער חַזִיר
איז א הונד אַנטקעגען דיר,

„נעהם זשע בערקע־לעב, די ראָליע,
שעם זיך ניט, פאַר אַ דְבַר־מִצְוָה
מעג מען, ברודערקע"...
נאָר בערקע
ווערט צוקאָכט: „אַ, גֵעה אין דר'ערד! —

שרייט ער אויס: ווער אַיינגעזונקען
מיט דעם גאַנצען שפּיעל אינאיינעם!
הערסט אַ פלאַי? אַ שענעם כָּבוד
ניט ער מיר—אַ חַזִיר זיין!?!"

קורץ דערצעהלען, וויפיעל יונגלעך
ס'זענען דאָרטען ניט געוועזען,
קיינער האָט דעם חַזִיר שפּיעלען
בְּשום אוֹפֶן ניט געוואָלט, —

א טְרֵפְנִיאַק, אַנ'אַפִּיקוֹרֵס,
אַ גָלוּת־חאָטש דעם גרעסטען
הולטאַי—וואָס איהר ווילט, אַבי נאָר
ניט קיין חַזִיר— אָט אַז!

ליעבע ברידער, ווי כ'דערצעהל אייך,
איז צו־נישט געוואָרען אונזער
שפּיעל אויף חנוכּה, פערפאלען
נחום־מענדעלס גאנצער פּלאַן.

---

איך דערמאָהן־מיך אויף די אלטע
יאָהרען און איך טראַכט: באמת
וואָלט אַ יושר זיין צו מאַכען
אויך אויף חנוכּה „אַ שפּיעל".

אי מחברים, אי אקטיאָרען,
קיין עין־הרע זאָל ניט שאַדען,
האָבען מיר; וואָס קאָן זיין גרינגער
און בפרט־נאָך איצטער, ווען, —

ווי איהר ווייסט אליין מסתמא,
צווישען יודען, ליעבע ברידער,
אין אַ חזיר אַ מניעה
וואָלט אודאי ניט געווען...

# א חדר־מעשה.

1.

זיבען יאָהר איז מיר געוואָרען —
און די מאַמע, זאָל געזונד זײַן,
האָט געזאָגט: „נו, צײַט אין חדר,
צײַט אין חדר געהן, מײַן קינד!

אוים, א סוף, גענוג געהוליעט
אויף דער וועלט, ארומגעפלויגען
פרײַ און גליקליך ווי א פויגעל,
פריש און פרעהליך ווי דער ווינד;

צײַט אין חדר, קדיש מײַנער"! —
און אַברהמיל דער בעהעלפער —
פון די חדר־קאַנטאָניסטען
דער בעריהמטער קאָמאַנדיר —

האָט מיך אײַנגעהילט, פערוויקעלט
אין אַנ׳אַלטען, געלען טלית
(אונזער אַלטע אוניפאָרם,
אונזער יודישער מונדיר)

און אַוועק מיט מיר אין חדר.
ס׳איז געווען א וואונדער־שענער,
פרישער, ליכטיגער פריה־מאָרגען.
שען און ליכטיג, ריין און פריש —

האָבען שטראַהלען זיך געגאָסען
דורכ׳ן פענסטעריל אין חדר
און געפונקעלט אויפ׳ן רבי׳ן,
אויפ׳ן סידור, אויפ׳ן טיש.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן
דער עקזאַמען: „— זאָג נאָר, נחור,
וואָס איז דאָס?“ — „אַן אַלף.“ „ריכטיג,
דאָס?“ — „אַ הײ.“ — און דאָס?“ — „אַ תּו.“

און בײַ יעדען אות, פאַר יעדען
ענטפער, פאַלען מיר פון אויבען
לעקעך, ראָזינקעס, קאָנפעקטען,
ניס און מאַנדלען צהן אַ סוף.

און דער רבּי, רב בנימין
(זאָל אַ ליכטיגען גן־עדן
האָבען) זאָגט: „דו זעהסט? דאָס וואַרפען
דיר מלאָכים, ליעבעס קינד,

זאָלסט מיט חשק לערנען תּורה,
לערנען תּורה, לערנען חכמה,
און געדענק, מײַן קינד, ווער ס'וויל ניט
לערנען, בלײַבט אויף אײביג בלינד“...

II.

טעג און יאָהרען, לאַנגע יאָהרען
זענען שוין אַוועק פון דעמאָלט...
איך געדענק דעם רבּי'ס ווערטער,
איך געדענק זײ גוט און קלאָר:

„לערנען תּורה, לערנען חכמה;
בלינד איז דער, וואָס וויל ניט לערנען“...
אמת, רבּי, אמת; אָבער —
ווילדע זאַכען קומען־פאָר,

שרעקליך־ווילדע, און זײ ברענען,
שטעכען, ענגבערען מײַן מוח...
איצט, ווען לערנען איז מײַן חיות,
לופט און וואַרימקײַט פאַר מיר,

ליבּע און קראַפט און טרײסט אין לעבען,
אין מײַן ביטערן, פערסמ'טען
שקלאַווען־לעבען, — איצט פערשליסט־זיך,
האַקט זיך־צו פאַר מיר די טהיר,

לעשט זיך־אוים דאס לעצטע לעמפעל,
און עס הויבען־אן צו פאלען
אהן א צאהל פון אלע זייטען,
פאלען, שיטען־זיך ווי באב

שטיינער, שטיינער!... גרויסע, שווערע
שטיינער שיטען־זיך און פאלען
אויף מיין ברוסט, אין מיינע אויגען,
אויף מיין אלטען, גרויען קאפ...

און זיי פליהען און זיי פאלען
ווי א האגעל אויף די שוואכע,
גרינע זאנגען, ווי א האגעל
אן א צאהל און אהן א מאס...

וואס־זשע איז דאס? וואס בעטייט עס?
איז דען מעגליך, אז מלאכים
זאלען שטיינער ווארפען?!... רבי!
רבי! ווי געשיקט־זיך דאס?...

נאר ניטא, ניטא קיין ענטפער,
וואלקענס שוועבען אויפ'ן הימעל,
טייכען פליסען, ווינדען רוישען —
און קיין איינציג, איינציג ווארט

הערט־זיך מיר ניט אין דער פינסטער...
אוי, ניטא, ניטא קיין ענטפער
פון דעם רבי'ס שטומען קבר,
פון דעם אלטען הייליג ארט!...

# צוויי אסיפות.

## א.

די רבנים זיצען,
די רבנים קלערען,
וואָס זאָל מיט'ן לעבען
פאָלק ישׂראל ווערען ?

די אסיפה זייערע
מאַכט אַ גרויסען רושם —
נעמליש, די גרעסטע פּאַסטוכער
פון די צאן־קדושים:

פון פּאָלטאַווא, קאָוונא,
גנזן, יורהדעווקע,
תוחכהווקע, זליתיווקע,
שחינעווקע, צבהרדעווק ;

אלץ „מאורים גדולים״,
ס'איז אַ פּראַכט, אַ מוראַ ;
אַה, אויף יעדער יאַרמעלקע
שיינט דער כתר־תורה !..

די רבנים זיצען,
די רבנים קלערען,
וואָס זאָל מיט'ן לעבען
פאָלק ישׂראל ווערען ?

די רבנים קלערען
און פאַר גרויס רחמנות
אויפ'ן פאָלק־ישׂראל
מאַכען זיי תקנות:

—באַשר, ווי מיר וויסען,
אַז דער גאַנצער גלות
מיט די אַלע גזירות,
מיט די אַלע קללות,

„רִשְׁעות און בִּלְבּולִים.
שִׂנְאָה, צָרות, מַכּ ת
קומט ארום דורך יענע
שְׁקָצים און טְרֵפְנִיאקעס

„וועלכע זענען פְּלוּצים,
אין די לעצטע יאהרען,
כ׳ווייס, פון וואס, פון וואנעט,
גוט און פרום געווארען...

„רײדען פון מָשִׁיחַ,
זאגען אז א סְגוּלָה
האבען זיי געפונען
מְקָרֵב זיין די גְאוּלָה.

„לָבֵן דארף מען עֶפִּים
טהון דערצו וואס גיכער. –
אין כְּדֵי אויף ווייטער
רוהיג זיין און זיכער,

„זיי מיט אלע זייערע
קְרוֹבִים און חֲבֵרִים,
ווייבער, קינדער ווארפען
מיר אריין אין חֵרֶם!!!״

די רַבָּנִים ארבעטען,
די רַבָּנִים אקערען...
שופרות בלאזען, שווארצע
ליכט ביי׳ם עמוד פלאקערען...

און דאנאסלעך פליהען,
שיטען זיך פון דארטען
לעבעדיג ווי פויגעלעך
זומער־צייט אין גארטען

אין פון אלע זיבען
הימלען שרייט מען: „בראוואָ!
לעבען זאל הַקָטָן
עֲקִיבָא מְפּאָלטאַווא!״...

## ב.

די „טרפניאקעס" זיצען,
די „טרפניאקעס" קלערען,
וואָס זאָל מיט׳ן ליעבען
פאָלק־ישׂראל ווערען?

אין די עבֿרי־מקלט —
גשן, יורהדעווקע
תּוחכּהווקע, זלידניווקע,
יחינעווקע, צפֿרדעווקע

ווענען שוין פאר הונגער
אלע מיז אנטלאָפען;
אוים, א סוף, ניטאָ שוין
דאָרט אויף וואָס צו האָפען;

ווי א רויק צוגאַנגען,
מיסט פון אל׳ץ געוואָרען;
ווייטער וואַרטען קאָן מען ניט...
הייסט עס, דאַרף מען „פאָהרען".

פאָהרען דאַרף מען, אָבער
ווי אַזוי און וועהין?
אויף א שׂכל ריידענדיג
איז א לאַנגער דרך...

און וואוהין, למשל?
נאָר אין פּאַלעסטינא,
אָדער ערגיץ אנדערש־וואו
זוכען א מדינה?

אפשר בײַ דעם לעבער־ים,
וואו, בעדעקט מיט שנייען,
אלכּסנדר מוקדנ׳ס
הרי־חושך שטעהען?

אפשר צו די גלעזערנע
בערג זיך לאָזען וואַנדלען,
וואו עס וואַקסען צוקערקעס,
ראָזינקעס און מאַנדלען,

װאו אין שבת אפילו
איז דער פראסט ניט שולט,
און דער בוים-לבנה
בליהט צו י דעם מולד...

די „טרפניאקעס" זיצען,
די „טרפניאקעס" קלערען,
קראצען זיך אין נאקען,
רייבען זיך דעם שטערען,

שװיצען נעבּיך, מיהען-זיך,
נאט איז זייער עדות;
װי א האגעל שיטען-זיך
רעפעראטען, רעדעס,

סמעטעס מיט אטשאטען
כל המיני סארטען, —
און זיי מאכען סוף כל סוף
א תקנה דארטען:

אין א יאהר אין צװיי-ארום
פאר די אלע זאכען
נאך אמאל איה"ש
אנאספה מאכען!...

## חתן־תורה.

(געבאַט סריפּר ...)

ס׳האָט אונדז ספר־תורה
אַרויסגעבראַכט. אינעם אַלטן
אָרן געבעטן זיך ווי אַ כלה,
זי אַ שיינע, ליכטיקע כלה
צו דער חופה אָנגעטאָן;

די געשטאַלטן פֿון־תמימים
זענען פֿריש און ריין. מיט גאָלד
און מיט זילבער אויסגענייטע
אויף דונקעל־רויטנעם סאַמעט
שטייען דאָרט צוויי שוואַרצע לייבן.
מיט אַ היטל, שטאָלצע פּאָר

שטייען זיי ווי צוויי גיבורים
צו באַשיצן די צוויי לוחות —
אונזער אַלטן אידעל־צייכן,
אונזער נערב און אונזער שילד

פֿריש און בליהענד ווי אַ כּלה
אין איהר ליעבע חופּה־אָזענד,
קוקט זיך דאָ אַ ום די ניַיע
ספֿר־תּורה, און איהר דאכט־זיך
עפּעס וואונדערליך און ווילד.

וואָס די גרויסע, אַלטע „ספֿרים״
אין צובויגענע, צוקריצטע,
שווערע קרוינען — אָבער טאַקע
אמת־קעניגליכע קרוינען —
שטעהען אומעטיג און שטום

פֿינסטער, שטום איז אינ׳ם אָרון.
וועלטען הערט זיך נאַר אַ שטילער
זיפֿץ, אַ ביטערער און טיעפֿער
קרעכץ פֿון גרויסען, שווערען וועהטאָג
און עס גיסט זיך אויס אַרום

גרעסער נאָך דער שוואַרצער אומעט...
„וואָס בעטייט עס? — טראַכט דאָס נייע
יונגע ספֿר׳ל — כ׳פֿערשטעה ניט
כ׳לעבען, היינט איז דאָך ביי יודען
יום־טוב, — פֿרעהליך דאַרף מען זיין!

„שטעהט דען ניט אין אונז געשריבען:
וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ?
פֿרעה זיך, יודישע נְשָׁמָה,
פֿרעה־זיך, שעפּ מיט פֿולען האַרצען
פֿרייד און פֿרייהייט, לופֿט און שיין!״...

זי פֿערשטעהט ניט, וואָס בעטייט עס
און זי קאָן דאָס ניט פֿערשטעהען:
אַך. דאָס ערשטע מאָל אין לעבען
האָט מען זי דאָך אויסגענומען —
ווי אַ ליעבע, שענע כַּלָּה
פֿאַר דעם „חָתָן־תּוֹרָה״ היינט!

און ווי פֿרעהליך און ווי גליקליך
איז געוועזען איהר אויף דער בִּימָה!
יעדער אות האָט ווי אַ דימענט
אויף דעם פּאַרמעט אויסגעזעהען,
יעדעס וואָרט האָט ווי געפֿונקעלט,
יעדע שוּרָה האָט געשיינט.

און נאָך איצט — זי לעבט, זי קוויקט זיך;
ס׳ווילט זיך פּשוּט שִׁירָה זינגען...
ווי צוויי שענע בלומען־שטאַקען
גלאַנצען איהרע עץ־הַחַיִּים׳ס
און די שְׁכִינָה רוהט אויף זיי...

וואָס־זשע זענען אַט די אַלטע
סֵפֶר־תּוֹרָה׳ס אינ׳ם אָרון
אַזוי אומעטיג? אַ טיעפֿע
מָרָה־שְׁחוֹרָה ליעגט אויף זיי...

II.

און די אַלטע סְפָר־תּוֹרָה׳ס
אין די דונקעלע און שווערע
קריינען — קעניגליכע קרוינען —
הויבען־אן דערצעהלען . . . ביטער
ווי אַ קוואל פון סַם־הַמָּוֶת
גיסט זיך זייער שטימע דאָרט :

— שוועסטער ליעבע ! ווייט פון דאַנען ,
ווייט פון אונזער אַלטען אָרון ,
איינגעוויקעלט אין תַּכְרִיכִים ,
אין אַ טיעפען , קאַלטען קֶבֶר
אויפ׳ן ווילטען הייליג־אָרט

ליעגען אונזערע פערברענטע
און צוריסענע אויף שטיקער
ליעבע חֲבֵר׳טעם און שוועסטער . . .
אויך אַמאָל ווי דו געוועזען
זענען זיי אַי פריש , אַי ריין ;

אויך געשיינט און אויך געפונקעלט
מיט די הויכע , שענע קרוינען ,
מיט די עֵץ־הַחַיִּים׳ס , אָבער
אויסגעגאָסען האָט זיך זייער
ליעבע שִׁירָה , זיסע שִׁירָה
אין אַ ביטערען געוויין . . .

אויפ׳ן ווילטען בֵּית־הַקְּבָרוֹת ,
אין אַנ׳איינגען , קאַלטען קֶבֶר
ליעגט אַנ׳אַלטער גרויער שַׁמָּשׁ ;
זיס און רוהיג שלאָפט ער דאָרטען .
אין׳ם קאַלטען , איינגען קֶבֶר ,
ווי אַ גרויסער , שטאַרקער העלד

אויפ׳ן שלאַכט־פעלד . . . נאָר עס שלאָפט ניט
די נְשָׁמָה זיינע . . . זעהסטו
דאָרט אַ פּעַרִיל אַ בלייכעם —
ווי עס וויעגט זיך , ווי עס ציטערט
אויף דעם ווילטען , טויטען פעלד ;
דאָס שטעהט־אויף דער אַלטער שַׁמָּשׁ
פון זיין איינגען , קאַלטען קֶבֶר ,

עֶר שׁטֶעהט־אויף, צינדט ווידער־אָן
דעם פערלאָשענעם נֵר־תָּמִיד
און ער נעהמט אַרוים די שטיקער
פּאַרמעט, ער צעוויקעלט זיי

„און ער לייענט... ווי רובינען
צווישען שנורען שוואַרצע פּערל,
גלאַנצען בראָפּענס־בלוט און גליהען,
ברענען דורך די שוואַרצע שורות...
אין תּכריכים, ווייס ווי שניי

„שטעהט אַרום צנ'עולם — זקנים,
ווייבער, קינדער... זעהסט? דאָס זענען
אַלץ ברוגים. און זיי שטעהען
און זיי הערען וואָרט נאָך וואָרט
ווי דער טויטער חתן־תּורה
לייענט... שטיל, נאָר זיס און ריין

„הילכט אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק...
אויף די קברים און מצבות
ציהט זיך איבער און בלייבט הענגען
אַ געדיכטער, גרויער וואָלקען,
ווי אַ הייליגער פּרוכת
פונ'ם הימעל... און די מתים,
אַלטע, יונגע, גרויס און קליין

„הויבען־אָן צו זאָגען קדיש...
פרעגסט: „נאָך וועמען"? װער קאָן וויסען,
שוועסטער ליעבע? אפשר טאַקע
נאָך די לעבעדיגע... מתים
זאָגען קדיש, און עס צאַנקען
נר נשמה'ס אין די בלייכע,
אין די אויסגעדאַרטע הענד...

„נר־נשמה'ס לייכטען, צאַנקען
געהען־אויס ווי ביי אַ גוסס
די פערבלענדטע לעצטע בליקען.
דורכ'ן גרויען וואָלקען ציטערט
נאָר דאָס פייערל דאָס בלייכע;
ווי אַ יאָהר־צייט ליכט ביי'ם עמוד,
ציטערט, וויעגט־זיך, ברענט און ברענט...

„און פון אויבען , דורך די בוימער,
וואס בעשיטען מיט די געלע,
פוילע בלעטער די מצבות
אין דער קאלטער אסיען־נאכט,

וועהט א ווינטעלע א שטילעם
ווי פון וויכע, מילדע פליגעל,
און דאס ווינטעלע דאס שטילע
וויינט און זינגט: „אל מלא רחמים“
אין דער קאלטע־ אסיען־נאכט“ . . .

III.

אינ׳ם אלטען, איינגען ארון
שטעהט די נייע ספר־תורה,
ווי א קינד זיך צוגעטולעט
צו די גרויסע, אלטע ספרים
און פערוואונדערט און דערשראקען
ווי א טייבעלע, וואס הערט

א געוויש פון שטארקע פליגעל
אויף איהר נעסטעלע און פיהלט שוין,
אז דאס אומגליק איז געקומען,
אז דער טויט איז איהר בעשערט . . .

אינ׳ם אלטען, איינגען ארון,
אנגעטהון אין זייער ציערונג,
שטעהען גרייט די אלטע ספרים,
גרייט צו אלץ . . . און טיעף פערטראכט

הערען זיי זיך־צו ווי ביטער
וויינט און קלאגט און אהן אנ׳אויפהער
זינגט דער ווינד: „אל מלא רחמים“
אין דער קאלטער אסיען־נאכט . . .

# אַ חָלוֹם.

מיר האָט זיך געחָלומט: דער מַלְאָך צוּשפּרייט
די ווייכע, די שניי־ווייסע פליגעל . . .
איך כאַפּ מיך אַרויף און איך פליה . . . ווייט און ברייט
און ליכטיג און ריין ווי אַ שפּיעגעל
צוגיסט זיך די פרישע און וואַרימע לופט . . .
עס שמעקט ווי פון רויזען אַ בּיים. . .
און זינגענדיג הערט זיך אַ בַּת־קוֹל, זי רופט:
„וואָס זעהסטו, בֶּן־אָדָם?" — וואָס זעה־איך?
געלויבט זאָלסט דו זיין, דו אַלמאַכטיגער גאָט!
איך זעה אַ גַן־עֵדֶן אַ ריינעם —
אַ גרויסע, אַ גליקליכע יודישע שטאָדט, —
אי פרום, אי געבילדעט אינאיינעם:
דער מוֹרֶה־הוֹרָאָה קוועטשט פלייסיג די באַנק
און שלינגט טאָג און נאַכט יוֹרֶה־דֵעָה;
אַ מוֹרֶה־הוֹרָאָה אַ צאַצקע . . . שוין לאַנג
פערגעסען אַ צוּבַת־מַטְבֵּעַ.
איהר פרעגט: „וואָס איז שייך? אַ לַמְדָן... נאָר פאָרט"?..
ווי זאָל איך דאָס ריכטיג אייך מאָלען?
אַ יאָהר שוין אַז קָהָל, זאָל לעבען, האָט דאָרט
איהם אויפגעהערט שְׂבִירוֹת צו צאָהלען . . .
אַ שטאָדט אַ געבענשטע! אין שוּהל זינגט אַ כאָר
אַזש ברומט אויף דער זיבענטער גאָס ער. .
אַ רָב אַ קאַזיאָנער אַ גְדוֹל־הַדוֹר —
אין עִבְרִי־טייטש קלאָר ווי אַ וואַסער! —
פון צְאֶינָה־וּרְאֶינָה די אֱמֶת'ע שפּראַך! . . .
אַיאָ, גאָר אַ כוּפֶּת? אַ זעלטענע זאַך?
נאָר וואָס איז דער חִידוּשׁ? נאָך איידער
ראַבינער צו ווערען — ווי ביטער און שווער
עס איז ניט געוועען — האָט געלערענט זיך ער
צוויי יאָהר אין אַ מיידעלשען חֵדֶר . .

א שטאדט א נעבעכדיקע מיט לעבען און גליק —
א גארטען א פרישער און שענער!
אויפן מארק שטעהט א קהל'שע צוקער־פאבריק
פאר יענע פערטריקענטע ביינער,
מיט וועלכע עס האדעוועט ארימע לייט
די ליעבע קאראבקע: קייט, יודעלעך, קייט
און שלינגט מיט א ליכטיגע פנים,
צושטעכט זיך דעם גומען, צובראכט זיך די ציין,
פערדארט ווערט אליין ווי א טרוקענער ביין —
אויף שבירות דעם רב דעם קאזיאנעם!...

* *
*

איך פליה און איך שוועב... מיט א גאלדענער פאהן
מהוט געהן די לבנה הקבות...
א חסיד'ל טאנצען א ציעג מיט א האהן...
קאנאריקלעך זינגען „מה יפית":
„— מה יפית, מה יפית!... א גאלדענע שיין
גלאנצט־אב פון דער שטאדט, פונ'ם קהל...
מה יפית! — אי האסטו, געזונד זאלסטו זיין,
א פנים אצונד, פאלק־ישראל!"...

# דאס יודיש קינד.

(א ליעדעל)

טיעף בעגראבען אין דער פינסטער,
ווייט פון לופט און ליכט —
זעהסטו דארט דעם בלינדען ווארים,
ווי ער קריכט?

אין דער ערד איז ער געבארען
און בעשערט
איז איהם אייביג, אייביג קריכען
אין דער ערד!

ווי א ווארים אין דער פינסטער,
עלענד, שטום און בלינד, —
לעבסטו אב די קינדהייטס־יאהרען
יודיש קינד!

אויף דיין וויעגעל זינגט דיין מאמע
נישט קיין ליעד
פון א רוהיג־שטילען לעבען,
פרייהייט, פריעד, —

פון די גערטנער, פון די פעלדער
וואו דאס פרייע קינד
שפיעלט און פרעהט זיך פריי און לוסטיג,
ווי דער ווינד. —

ניין, א קוואל פון טיעפען יאמער
רוישט און קלינגט;
אי, ווי ביטער איז דאס ליעדעל,
וואס זי זינגט!

טיעפע זיפצען, הייסע טרעהרען
מיט א שטארקער מאכט
קלינגען, רוישען אין דעם ליעדעל
טאג ווי נאכט...

טיפֿע זיפֿצן, הייסע טרערן,
הונגער, קעלט —
שלאָגן זיך מיט דער אינאיינעם
אויף דער וועלט!

און פֿון וויגעל ביז צום קבֿר,
אויפֿן לאַנגן וועג —
וואַקסן גאַנצע וועלדער צרות,
אָן אַ ברעג! . . .

# תְּחִיַת הַמֵתִים.

עֶס לײַכט און שײַנט דער אָװענד־שטערן
אין בלױיִען אײבּיגען געצעלט,
קײן אײנציג װאָלקענדיל אין הימעל,
קײן שטילעס װינטעלע אין פעלד.

אַלץ רוהט און דרימעלט שטיל און זיכער
און נור פאַר דיר, מײַן קראַנקעס קינד,
נישטאָ קײן רוה, נישטאָ קײן פריעדען...
די נאַכט איז טױב, די נאַכט איז בּלינד.

די שטערן פּיהלען נישט דײַן װעהטאַג,
זײ זענען העל, נאָר קאַלט װי אײז...
די סאָװעס גלאָצען מיט די אױגען,
עס פליהען שװאַרצע פלעדער־מײַז...

נאָר אױף דעם אַלטען בּית־הַקבֿרות
איז װאַך אַ פױגעלע און זינגט —
װי פּערל שיטען זיך די טרעלען,
דאָס ליעדעלע װי זילבּער קלינגט...

זי זינגט: „אַ גרױס איך, אַלטע קבֿרים,
אַ ליעבען גרוס האָבּ איך געבּראַכט...
װי שרעק זיך טיעף איז אײער חלום
און שרעקליך פינסטער אײער נאַכט!

נור פרעכטיג איז דער מאָרגען־שטערן,
װאָס װעט ערשײַנענד העל און רײַן —
בּעלײַכטען אײער שװאַרצען חלום,
דערװאַרמען אײער קאַלטען שטײַן —

משיח געהט און ער װעט קומען,
דער גואל־צדק! יאָ, איך האָף,
ער װעט אײך אױפװעקען צום לעבּען
פון אײער לאַנגען טױטען שלאָף!"...

*
* *

דו נאַריש פֿױגעלע! דײַן ליִדעל
איז מיר בעקאַנט אַ לאַנגע צײַט;
„משיח נעהט און ער װעט קומען",
נאָר—או, װי װײַט איז ער, װי װײַט!

די מתים קענען רוהיג װאַרטען.
האַלב־טויטע זענען אָבער דאָ —
אַ גאַנצעס פֿאָלק פֿון הויט און בײנער...
ניטאָ פֿאַר איהם קײן טרײסט, ניטאָ,

ביז װאַן — מיט קראַפט, מיט הײסען גלױבען
פֿון לאַנגען, טיעפֿען שלאָף ערװאַכט —
ער װעט אַלײן, אַלײן פֿערױאַגען
פֿון זיך די שװאַרצע, קאַלטע נאַכט...

יאָ, פֿריהער זאָל דאָס אַלטע, קראַנקע,
האַלב־טויטע פֿאָלק דעם שװערען שטײן
פֿון זיך פֿערשטױסען און פֿון „קבֿר",
פֿון „קבֿר" אױפֿשטעהען אַלײן —

מיט שטאַרקע הענד, מיט פֿרישע קרעפֿטען
און מיט געפֿיהלען און פֿערשטאַנד
װי גוט, װי זיס, װי שען עס זענען
אַן אײגען הויז, אַן אײגען לאַנד...

אָט דעמאָלט װעט משיח קומען, —
מיט גרינע גראָז, מיט פֿרישע בלומען
בעדעקען אונזער טויטעס פֿעלד;
אָט דעמאָלט װעט דער מאָרגענשטערן
אונז אױפֿגעהן העל, און ליכטיג װערען
װעט אונז אַרום די גאַנצע װעלט!...

# אויף קבר-אבות.

פריעד און רוה צו אייך, הייליגע קברים!
אלטעס פאטערלאנד, הייליגעס לאנד!...
זעהט, ווי שוואך איך בין צרים און עלענד...
גרויס און טיעף איז מיין שאנד! —

אין די גליקליכע קינד רשע יאהרען
האב איך מעשות ניט זעלטען געהערט
וואס מיר זענען געוועזען פארצייטען
אויף דער זינדיגער ערד;

דער מלמד, דער זיידע, די מאמע —
פלעגען טענה'ן מיט מיר: „דו פערשטעה,
וואס בעדייטען די הייליגע נעמען,
ווי מיר דארפען שטאלצירען מיט זיי, —

אונזער געטליכער כשה־כהנו,
וועלכער האט אויף די פיס אונז געשטעלט
אוי פון קנעכטשאפט, פון פרעה'ס משרתים
פריי געמאכט אויף דער וועלט;

דבורה, שמשון־הגבור און גדעון,
וועלכע האבען בעשיצט אונז מיט שווערד;
אונזער דוד המלך און שלמה,
דער בעריהמטעסטער לייט אויף דער ערד;

יענע הייליגע גרויסע נביאים,
וואס אויף זיי האט די שכינה גערוהט;
די גבורים, וואס זענען געפאלען
און פערגאסען פאר אונז זייער בלוט"...

יא, מיט שטאלץ און מיט פרייד פלעג איך הערען
די געשיכטען פון זיי... נאריש קינד!
האב איך דעמאלט געקענט גאר פערשטעהען,
ווי נאאיוו איך בין, בלינד:

פון גבורים, נביאים, פון לייבען
האָב איך מעשׂות געוואוסט אָהן א שיעור,
און דערביי נישט בעמערקט, וואָס פאַר מילבען
אָנשטאָט זיי, קריכן איצט אַרום מיר...

דבורה׳ן, גדעונ׳ען, שמשון־הגבור
פרובירן ווייזען א היינטיגען יוד,
וואָס אין גאַנצען איז ער הויט און ביינער,
ווי ער ציטערט פאַר יעדערן טריט...

אָדער משה־רבנו זאָל קומען
און דערזעהען, וואָס מהוט זיך אין גרונד
אויף דער וועלט מיט א היינטיגען יודען,
מעלבער שעמט זיך שוין גאָר ניט אצונד,

וואָס ער האָט אויך שוין עברי פערגעסען
און פערשטעהט ניט אפילו א וואָרט
אויף זיין אייגענער מאַמעס מצבה
אויפ׳ן הייליגען אָרט...

נאַריש קינד! מיט די אבות שטאָלצירען
טאָקע מעגען מיר, — אונז בעער פעהלט,
אז זיי זאָלען מיט אונז זיך ניט שעמען
אויף דער אמת׳ער וועלט...

# דעם שמש׳ס טאכטער.

(א פאלקס־לעגענדע).

1,

שטיל און פינסטער איז געװעזען
אין דעם אלטען אײנגען שטיבעל,
װאו געלעגען און געשלאפען
איז דער אלטער גרויער שמש.

שטיל און רוהיג שלאפט ד׳ר שמש,
און אין שלאף דערהערט ער עפּיס
שװערע טריט װי פון א קרומען,
װעלכער געהט ארום אויף קוליעס.

און דערשראקען און פערװאונדערט
חאפט זיך אויף פון שלאף דער שמש;
ער צינדט אן דאס אלטע לעמפּיל, —
און װאס זעהט ער? — גאט, דו ליעבער!

ער דערזעהט: פון װאנד צו װאנד
געהט ארום אליין זיין שטעקען...
אוי, דאס איז א שלעכטער סימן —
אז א גוסס איז אין שטעדטיל...

אין דעם אינגענבליק דערהערט ער
שרייט זיין טאכטער: „גיכער, טאטע,
װעק דעם עולם! אונזער רבי,
אונזער רבי איז פארביי!"...

2.

נאך ביי נאכט פון שטוב צו שטוב
געהט און קלאפט דער אלטער שמש...
אבער װאס איז דאס מיט דברה׳ן
מיט דעם אלטען׳ס שמש׳ס טאכטער?

דְבוֹרָה זִיצט בַּיים טִישׁ, אוּן הֵייסֶע
    טרֶעהרֶען קַאפּ'ן פוּן דִי אוֹיגֶען ;
בִּיטֶער וויינט זִי, וויינט אוּן שְׁפּטשֶׁעט :
    „צַח, דֶער רֶבִּי אִיז פַאַרבַּיי !...

הֵייל אִיהם, הֶעלְף אִיהם, גָאט דוּ לִיעבֶּער !"...
    הֵיים אוּן עֶרנסט זִי: אַ טָאכטֶער
הָאט פוּן קִינדהַייט לִיעבּ דֶעם אַלטֶען,
    קראַנקֶען רֶב דִי יוּנגֶע דְבוֹרָה ;

חֵייל דֶער אַלטֶער מוֹרֶה-צֶדֶק
    הָאט דָאס קִינד אוֹיךְ לִיעבּ גֶעהַאט
ווִי אַנ'אֵייגֶענֶע : פִּיל גֶעטְרֶעפֶען
    אַלֶע שַׁבָּת זִי אִינאֵיינֶעם

מִיטֶ'ן שַׁמָש בְּרָכָה מַאכֶען,
    הָאט זִי אוֹיסגֶעלֶערנט דַאוונֶען ,
אוֹיךְ גֶעלֶערנט שרַייבֶּען, לֶעזֶען ;
    לִיעבְּלִיךְ זָאגֶענְדִיג דֶערבַּיי :

„לֶערן, דְבוֹרְקֶע, לֶערן, טָאכטֶער ,
    אוּן דוּ ווֶעסט אִיה"ש
ווֶערֶען גרוֹיס אוּן קלוּג בַּיי יוּדֶען,
    גְלֵייךְ מִיט דְבוֹרָה הַנְבִיאָה"...

אוּן זִי זִיצט בַּיים טִישׁ, אוּן הֵייסֶע
    טרֶערֶען טרִיפֶען פוּן דִי אוֹיגֶען ;
בִּיטֶער וויינט זִי, וויינט אוּן שְׁפּטשֶׁעט :
    „הֵייל אִיהם, הֶעלְף אִיהם, לִיעבֶּער גָאט !"...

3,

אִין בֵּית-מִדְרָשׁ שטֶעהט דֶער עוֹלָם ;
    גרוֹיס אוּן קלֵיין גֶעקוּמֶען אַלֶע
תְּהִלִים זָאגֶען, ווֵיינֶען, בֶּעטֶען
    צוּ דֶעם בּוֹרֵא... נָאר עֶס הֶעלפט נִישט .

שׁוֹין פוּן וואָכֶס אַ לִיכט אַ גרוֹיסֶע,
    אָקוּראַט דִי מָאס פוּן קראַנקֶען ,
אוֹיסגֶעגָאסֶען, אִין סְפָרִים
    אָנגֶעטְהוּן אוּז, ווִי דֶער מִנְהָג

אוי בײַ יודען פון פארצײַטען,
זי בעגראָבען אין א קבר
ווי א בר־מינן... עס העלפט ניט,
אלץ געפּרובט און אלץ אומזיסט...

אמת, איינס נור איז געבליבען,
איינס נור: יעדער פון דעם עולם
זאָל אַוועקשענקען א חלק
פון זײַן לעבען פאר דעם חולה —

מענער, ווײַבער, קינדער, זקנים,
ווער א טאָג און ווער א חודש —
דאָס פערשרײַבט מען אויף א צעטעל
און פערשליסט אין אָרון־קודש...

4.

אז צום אלטען שמש'ס שטיבעל
איז מען מיט דעם כּתב געקומען,
האָט זײַן טאָכטער די נביאים
אָבגעשטעלט און שטיל און רוהיג

זיי געזאָגט: „פערשרײַבט, איך בעט אײַך".
„וויפיעל, דבורה, שענקסטו דו" — „וויפיעל
את, מײַן גאנצעס, גאנצעס לעבען!...
יאָ, פערשרײַבט — איך שענק אוועק

אידם מײַן גאנצעס לעבען!" — דבורה,
האָבען זיי זי אָנגעהויבען
אָבצורעדען: נאַריש קינד,
„ווי געשיקט זיך דיר"... איבער אלע

טענות האָבען ניט געהאָלפען,
ניט געהאָלפען האָבען דאָ
אויף דעם אלטען טאַטען'ס בעטע,
זײַנע רייד און זײַנע טרעהרען, —

און פערשריבען האָבען זיי
מיט איהר חתימה אין דעם צעטעל,
ווי זי האָט פון זיי געפאָדערט:
„ד ב ו ר ה ש ע נ ק ט א י ה ר ג א נ צ ע ס ל ע ב ע ן".

או בשעת דער שליח
האט דעם כתב אין שוהל געבראכט
אין פערשלאסען איהם אין ארון,
אין דעם זעלבען אויגענבליק

איז דער חולה. או פגעשטאנען
וויעדער פריש, געזונד און יונג,
און די אומגליכע דבורה,
דאס אונשולדיג ריינעם קינד,

איז דעם זעלבען טאג געקומען
אין איהר רוה... דער אלטער טאטע
האט זי ערנסט, היים בעוויינט
און געזאגט דעם ערשטען קדיש;

אויף איהר העררליכע לויה
איז געווען דער גאנצער עולם
און געווינשט פון פולען הארצען
איהר א ליכטיגען גן-עדן...

5.

שטיל און רוהיג געהט די צייט
אין דעם קליינעם, שטילען שטעדטיל
מענשען לעבען, האבען קינדער;
קינדער ווערען יונגע לייט,

וואקסען, ווערען אלט און שטארבען;
אויף דעם אלטען בית-הקברות
זענען דא פיעל נייע קברים.
וואס-זשע מאכט דער אלטער רב?

דאנקען גאט, ער לעבט אין פריעדע
לערנט תורה, פסקנט שאלות.
ער געדענקט דאס ליעבע קינד,
ער געדענקט די טויטע דבורה,

ער פערגעסט ניט יעדען יאהר-צייט
קויפען ליכט און זאגען קדיש.
און אזוי געהט שטיל און רוהיג
טאג נאך טאג און יאהר נאך יאהר.

6.

טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר
געהען פאַר, ער ווערט ניט עלטער,
אָבער טרויעריג ניט זעלטען
זעהט ער אויס; דערצעהלט ניט קיינעם

וואָס ער פיהלט און וואָס ער טראַכט.
און עס ווייסט פון דעם נישט קיינער,
אַז ביי נאַכט בְּשָׁעת ער
זיצט און לערנט, ווי געוועהנליך,

הערט זיך איהם אַ פרויען־שטימע;
זיסע לידער, ליעבע לידער
קלינגען, פליסען פון דערווייטען,
און פאַר זיינע אַלטע אויגען

שטעהט אַ ביַלד... צַת, ער דערקענט,
ער דערקענט דאָס זיסע פָּנִים
פון זיין תַּלְמִידְקֶע — פון דְבוֹרָה'ן,
און ער בעט זי: „זיי מיר מוחל!

זיי מיר מוחל, ליעבע טאָכטער,
וואָס דורך מיר ביזטו געגאַנגען
פון דער וועלט... ווען דו וואָלסט לעבען,
וואָלסטו איצט געוועזען אַ כַּלָה״...

7.

טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר
געהען פאַר, און איינמאָל הערט ער
אַ געשריי פון אַ יוֹלֶדֶת...
און ער וויינט, בעגיסט מיט טרעהרען

די גְמָרָא...“ — זיי מיר מוחל! —
בעט דער זָקֵן: ליעבע דְבוֹרָה,
אַז דו וואָלסט געבליבען לעבען,
וואָלסטו איצט געווען אַ מוטער״...

און אַזוי אויך יעדע נאַכט
הערט זיך איהם איהר יונגע שטימע —
זיסע, ליעבע וויעגע־לידער
זינגט ביי נאַכט די טויטע מוטער...

8.

דרײַצעהן יאָהר געהט פאָר . . . ער הערט
װי איהר זוהן, שוין אַ בר־מִצְוָה,
זאָגט אַ גרויסע, שענע דְרָשָׁה . . .
„—ער װאָלט זײַן אַ גרויסער לַמְדָן! —

טראַכט דער רַב — און װיפיעל פרײַד
װאָלט געהאַט פון איהם די מאַמע!״
װײַטער הערט ער — כְּלֵי־זֶמֶר שפּיעלען:
פידעלען, טאַצען און קלאַנעטען

קלינגען, זינגען פון דערװײַטען . . .
„זי מאַכט חֲתוּנָה אַ טאָכטער —
טראַכט דער אַלטער — צו דער חוּפָּה
פיהרט זי איצט די טויטע מאַמע״ ...

9.

און פון דעמאָלט אָן טאָג־טעגליך
הערט און פיהלט און זעהט דער זָקֵן
יעדען צושטאַנד פון איהר לעבען
און ער װײַנט מיט הײסע טרעהרען

און ער בעט דעם בּוֹרֵא־עוֹלָם:
„— גיב מיר, גאָט, איך זאָל דערהערען
איהר געװײַן, איהר ביטער זיפצען,
איהרע טרעהרען זאָל איך זעהען —

כאָטש די איינציגע נֶחָמָה
זאָל איך האָבען, אַז אין לעבען
װאָלט זי אויך געליטען צָרוֹת,
װאָלט זי אומגליק אויך געפיהלט

און עס װאָלט בײַ איהר געװעזען
כאָטש איין־איינציגע מינוט,
װען זי װאָלט די װעלט פערשאָלטען
און געװאונשען זיך דעם טויט!״...

10.

נור אומזיסט איז זײַן בַּקָשָׁה:
זיסע לידער, ליעבע לידער
הערט ער זינגען אין דער פינסטער,
גליקליך װאָלט געװען איהר לעבען —

יענעם שטילס פרויען-לעבען,
וועלכעס גלענצט ניט ווי די זון,
נאָר עס שיינט אָהן ווינד און וואָלקען
ווי דער העלער מאָרגען-שטערן..

און עס גיסען זיך און גיסען
זיינע טרעהרען טאָג און יאָהרען.
—ליעבער גאָט! איז ער מתפלל:
טהו מיט מיר דיין גרויס גענאָד,

אַח, בעפריי, בעפריי מיין אַלטע,
מיין פעריאָמערטע נשמה, —
שטאַרבען, שטאַרבען העלף מיר גיכער,
ליעבער פאָטער, גרויסער גאָט!"...

11.

טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר
געהען פאָר, דאָס קליינע שטעדטיל
איז שוין לאַנג אַ שטאָדט געוואָרען,
אַ באַקאַנטע, רייכע שטאָדט.

הונדערט מענשען, צעהנדליג זקנים,
וועלכע ער געדענקט אַלס קינדער,
ליגען שוין אויף דעם בית-עלמין,
ער נור איינער לעבט און לעבט.

נייע צייטען, נייע מענשען,
נייעס לעבען און מנהגים, —
פרעמד און איבריג, ווילד און עלענד
איז דער זקן צווישען זיי.

דונקעל ווערען זיינע אויגען,
אויסגעדאַרט דער גאַנצער קערפער,
און ער קלאָגט צום בורא-עולם,
וויינט און בעט אויף זיך דעם טויט...

12.

איין געדאַנק און איין געפיהל
איז דעם זקן נור געבליבען:
שטאַרבען! שטאַרבען!... און צולעצט
האָט זיך גאָט אויף איהם דערבאַרעמט:

פינסטער איז געווען די נאַכט,
שרעקליך האָט גערוישט דער שטורם,
ווי א קינד געקלאָגט, געיאָמערט
האָט די קאַלטע, שוואַרצע נאַכט.

אָבגעהיטעט שוין לאַנג פון אלע
לעבענס־פרייַדען, לעבענס־שמערצען —
זיצט דער זָקֵן אין בית־המדרש . . .
מיט אמאָל דערהערט זיך איהם:

אַ געוויין, אַ קלאָג פון קינדער . . .
פושקעס קלאַפען אין די גאַסען
און מען זינגט „אֵל מָלֵא רַחֲמִים“ . . .
„— דאָס וואָלט זי געשטאָרבען איצט!“ —

האָט מיט פרייד געזאָגט דער זָקֵן —
— „אוים, אַ סוף צו מיינע שמערצען! . . .
נעהם מיך מיט, מיין ליעבע דְבוֹרָה,
אויף די ריינע וואָהרע וועלט“ . . .

* *
*

שטיל און רוהיג האָט בעפרייט זיך
פון דעם קערפער זיין נְשָׁמָה . . .
און אויף מאָרגען האָט דער עולם
היים און ערנסט איהם בעוויינט.

# ווינטער־לידער.

I.

די באָבעניו זיצט מיטן זאַק אין דער האַנד,
דאָס לעמפּעלע צאַנקט. פון די שפּיז־
צעהינגען־זיך, לויפן אַרום אויף דער וואַנד
אַ חיות, אַ פויגעל, אַ ריזען...

די באָבעניו שווייגט... אַלע מעשׂיות שוין לאַנג
אונז איבערדערצעהלט פאַר'ן זומער...
אין האַרצען ביי איהר ליעגט אַ גיפּטיגע שלאַנג,
אַ טיפער, אַ גליהענדער קומער...

אין דרויסען איז פינסטער, אין דרויסען איז קאַלט,
דער שניי האָט די סטעזשקעס פערשאָטען...
אַנאומעטיג בילד, אַ פערטרויערט געשטאַלט
שוועבט לאַנגזאַם און שטיל ווי אַ שאָטען...

די אַלטיטשקע זיצט ביי דעם לעמפּעלע, שווער
און טיעף איז איהר רוקען געבויגען...
זי זיפצט און זי שעפּטשעט... אַ טרעהר נאָך אַ טרעה־
בעלויכטען די דונקעלע אויגען...

II.

„— אוי, נעסטעלעך, נעסטעלעך פּוסטע! מיט שניי
פערשאָטען, פערגליווערט געוואָרען...
עס פליהען די ווינדטען און קלאָגען אויף זיי
און רוישען און גרימען מיט צאָרן...

„אוי, פויגעלעך ליעבע! וואו זענען זיי איצט?
אַוועק איבער בערג, איבער מעערען,
אַהין, וואו דער מאָרגען־שיין פונקעלט און בליצט
און שמייכלען די גאָלדענע שטערן,

אַהין, וואו די לופט איז געזונד, ריין און פריי,
וואו שניי־ווייסע וואָלקענס נור שוועבען,
צו אָנהויבען דאָרט פון דאָס ניי, פון דאָס ניי
אַ פרייעם, אַ גליקליכעם לעבען.

דער ווינטער איז לאַנג, נאָר דער שניי וועט צוגעהן,
דער גאָלדענער פריהלינג וועט קומען,
דער הימעל וועט ווערען אי ליכטיג, אי ריין,
די גערטנער בעשאָטען מיט בלומען,

די ערד אין איהר אַלטען, געוועזענעם גליק
וועט ווידער אי שיינען, אי בליהען —
און פרעהליך אַהער וועלען קומען צוריק
די פויגעליך ווידער צופליהען . . .

III.

אוי, קינדערליך מיינע, פון ווינדטען און קעלט
פערגליווערטע, קראַנקע נְשָׁמוֹת! . . .
זיי זענען אַוועק ערגיץ דאָרט אויף דער וועלט
צו זוכען הַצְלָחוֹת, נְחָמוֹת;

זיי זענען אַוועק אין אַ פינסטערע צייט,
אין שווערע, אין ביטערע יאָהרען,
און זייער געבורט־אָרט איז פרעמד שוין און ווייט
פון זייערע אויגען געוואָרען.

צי האָבען זיי דאָרטען שוין נעסטען געבויט
צו פיהרען אַ פרייען, אַ זיסען,
אַ ליכטיגען לעבען, פון שרעק און פון נויט,
פון קעלט און פון ווינטער ניט וויסען,

און אֶפְשָׁר אויך דאָרט איז ניטאָ וואו פאַר זיי
צו צוטוליען זיך מיט'ן אַלעטן
פערמאַטערטען קאָפּ, און פון קעלט און פון שניי
די עלענדע ברוסט צו בעהאַלטען,

.קײן אײנציגער טראָפּען אין לײד און אין פּײן
ניטאָ צו בעפרישען דעם גומען . . .
אײנס חײם איך: װי שלעכט עס זאָל דאָרטען נישט זײן —
צוריק װעלען זײ שוין ניט קומען . . .

* *
*

.דער פראָסט װערט אַלץ גרעסער; זײַן אײז־קאַלטער פלום
צוגיסט זיך פון אַלע פיער זײַטען . . .
פערװאָגעלטע פױגעלעך מײַנע! א גרוס,
א הײם־ליבען גרוס איך פון װײַטען" . . .

# אַ זומער־נאַכט.

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז פינסטער,
מיט שוואַרצע שאָטענס איז בעדעקט
דער שטילער טייך. די גערטנער שלאָפען;
עס וועהט מיט פרישע גראָז; עס שמעקט
פון וואַלד מיט שוואָמען און מיט בלומען;
די לופט איז ריין, און פריש, און קיהל.
אַלץ שלאָפט און רוהט אין שטילען פריעדען, —
נאָר פון דער אַלטער וואַסער־מיהל
הער איך צוויי ליעבע, זיסע שטימען:
צוויי יונגע טויבען וואָהנען דאָרט;
זיי וואָרקען, האַלזען זיך... ווי רוהיג
איז זיי אויף זייער שטילען אָרט!...

איך געה אהין. אַן אַלטע ווערבע
שטעהט אויפ'ן שטילען, גרינעם ברעג.
זי איז מיין פריינד, זי איז מיין חבר
אין מיינע טרויעריגע טעג.
מיר זענען ליעב די אַלטע צווייגען,
וואָס הענגען טרויעריג אַראָב,
גלייך ווי פאַרצייטען ביי אַן אָבל
די האָר פון טרויעריגען קאָפּ.
זי איז מיר ליעב די אַלטע ווערבע:
אָפט זיץ איך איינזאַם אונטער איהר,
און זי בעדעקט מיך מיט די צווייגען,
גיסט אויס א זיסע רוה אויף מיר.

פאַר וואָס־זשע ציטערסטו מיין קראַנקעס,
מיין עלענד האַרץ, אין פיין, אין שרעק?
די אַלטע טרויעריגע בילדער —
אַח, געהט אַוועק פון מיר, אַוועק!...

ניין, ברידער מיינע! אייביג טראגן
מוז איך מיין גרויסען, שווערען יאך;
ניטא פאר מיר קיין רוה, קיין פריערען:
די אלטע בילדער לעבען נאך...
אין טיעפען שלאף, אין שטילען דרימעל
שטעהט אויף א ווייטעס, ליעבעס לאנד
מיט אלטע הויכע, גרויסע דעמבעס,
וואס וואקסען ביי אנ׳צלטער וואנד...

ביי יענער וואנד פון בית־המקדש,
וואס איז פאר אונז געבליבען שטעהן
ווי א מצבה, א זכרון
פון דעם וואס איז אמאל געוועזן...
איך זעה דאס פעלד, איך זעה די קברים,
אין וועלכע סליעגט דאס אלטע גליק,
די קראפט און מוטה און פרייד, פאר וועלכע
עס איז ניטא קיין וועג צוריק...
פון בארג נבו, פון ראש הפסגה
שטעהט אויף א הויכער, גרויסער מאן,
איך הער א קלאג, א טיעפען יאמער:
„ביז וואן, דו שטארקער גאט! ביז וואן!"...
עס הויבט זיך אויף א ווינד, א שטורם,
עס געהט א יאמער, א געשריי...
די גרויסע דעמבעס רוישען, בוימען,
די צווייגען ברעכען זיך אויף זיי, —

און פון דער אלטער וואנד טהוט געהן
א קלאג פון גרויסען, טיעפען שמערץ...
שלאף איין, שלאף איין, דו אלטעס אומגליק,
גיב רוה צו מיין פערמאטערט הערץ!...

* * *

אח, לאז שוין זיין א סוף אמאל!
גענוג געקלאגט, גענוג געליטען...
ניין, וועה צו מיר! — עס שלאפט זיך ניט,
ניטא פאר מיר קיין שלאף, קיין פריערען.

עס שלאפט זיך ניט: זיי רוהען ניט
די אלטע װאונדען, אלטע צרות;
זיי ברענען, רייסען מיר מיין הארץ . . .
אװעק, אװעק, כחשבות זרות:

א זומער־נאכט . . . א בוים . . . א בלום . . .
א זיסער שלאף אין רוה, אין פריעדען . . .
דו נאר, דו נאר, דו אלטער נאר!
װאס קערט זיך אן דאס מיט א יודען?!

שוין! אלץ פערגעסען, װאס מיט דיר
מען לערנט, חר'ט שוין אנ'ערך
צװיי טויזענד יאהר! .. א בוים, א בלום . . .
נו, נאך װאס? פיין פון דיר, א דרך! . . .

א זומער־נאכט . . . א טייך . . . א בוים . . .
פיין! שפיעל זיך, שפיעל זיך מיט׳ן שטן! . . .
דו װייסט שוין ניט, געדענקסט ניט, װאס
איז דיר ערלויבט און װאס פערבאטען? —

שטעה אויף צו חצות, הויב אויף דיין קול,
שריי, קלאג און יאמער, װעקט דעם עולם.
שריי, קלאג! — אח, אפשר װעט שוין פארט
דערהערען דיך דער בורא עולם . . .

* *
*

עס שלאפט זיך ניט . . . אח, קום צו מיר,
דו, גוטע, ליעבע, טרייע, פיינע,
בעשיץ דיין עלענד, קראנקעס קינד,
פערװיעג, פערװיעג מיך, מאמע מיינע!

מיין הארץ איז קראנק! מיין האר איז גרוי;
דער גלוסט פון אלע קראנקע זעעלען —
דער שלאף — ער לויפט פון מיר אװעק . . .
דו איינע, איינע קאנסט מיך הייען.

אח, זעה: איך בין דאך נאך א קינד,
אנ'עלענד קינד . . . גיב, גיב מיר נייע
און פרישע קרעפטען . . . קום צו מיר,
פערװיעג, פערװיעג מיך, ליעבע, טרייע! . . .

* *
*

פון יענער זײַט װאַלד
נעהט אויף די לְבָנָה,
װי בלײַך איז איהר אָנבליק,
װי קאַלט איז איהר שײַן!

אַ הײַליגע רוה,
אַ גאָלדענער חָלום
גיסט זיך מיר ליעבליך
אין הארצען אַרײַן.

עס שטעהט פאַר מיר אויף
מײַן װײַטער געבוטס־אָרט;
אַ צימערל ליכטיג
און זויבער און קיהל...

אַ װינקעלע שטעהט...
אַ װײַסינקער פאָרהאַנג...
װי רוהיג איז דאָרטען,
װי רוהיג און שטיל!...

איך בין נאָך אַ קינד,
אַ לעבעדיגס, פרישעס;
איך װײס נאָך ניט, װער איך בין,
װאָס װעל איך זײַן...

עס שפּיעלט זיך מיט מיר
דאָס קיהלינקע װינדטעל,
מיך װאַרימט, גלעטעט
די זילבערנע שײַן.

דאָס לעמפּעלע ברענט;
בײַם טיש זעה איך זיצען
מײַן אַלטיטשקע באָבע
מיטן זאַק אין דער האַנד;

דער שאָטען פון שלײַער
װײַזט איהם װי אַ חַיָה
מיט הערנער, װאָס ציטערט
און לויפט אויף דער װאַנד...

מײַן אַלטיטשקע באָבע
דערצעהלט מיר אַ מַעֲשֶׂה...
װי ליעבליך, װי װאַרים,
װי פרעהליך איז מיר!...

עֶס שמֶעקֶען די בלומֶען,
עֶס שײַנֶען די שטֶערן...
אַח, זֶעהט נור, וואָס איז דאָס?
ווער גֶעהט דאָס צו מיר?...

— — — — — — — — —

דאָס קלײנינקֶע ווײסינקֶע ציגֶעלֶע
שטֶעהט ווידער בײַ הינטֶער מײַן וויעגֶעלֶע
איהר קֶעפּעלֶע ציהט זיך צו מיר,
און רײנינקֶע, וואַרימֶע טרֶעהרֶעליך,
ווי העלֶע און ליכטיגֶע פּערֶעליך
טריפֶען און פאַלֶען אויף מיר...
צוויי בילדֶער–צוויי ווײסינקֶע פויגֶעליך
מיט העלֶע און ליכטיגֶע אויגֶעליך
פליהֶען און שוועבֶען צו מיר:
מײַן קינדהײַט און יוגֶענד בֶּגֶעגנֶען זיך
זײַ זינגֶען, זײַ וויינֶען–זײַ זֶעגנֶען זיך
אויף אײביג, אויף אײביג מיט מיר...

# די קאַרטען-וואַרפּערקע.

אַ פּאָר פּערדאַרטע, אַלטע הענד,
נור הויט און ביינער ווי די חאַרטען,
אַנ׳אַלטער שלייער אויפ׳ן קאָפּ,
אַנ׳אַלט פערשמאָלצען פּעסעל קאָרטען. —

אָט האָט איהר זי ווי אָנגעמאָלט,
די קאָרטען-וואַרפּערקע—אַ זקנה,
נישטאָ-זוכט אויס די גאַנצע וועלט—
נישטאָ איהר גלייכען, זי איז איינע.

דאָס אַלטע פּעסעל קאָרטען—צח,
בכּוּתים, גיט מיר צו פערשטעהען,
וואָס פאַר אַ כּח ליעגט אין דעם,
וואָס קאָן אַלץ וויסען, הערען, זעהען?...

נו, גיכער, באָבע, גיכער, נעהם
צולעג די קאָרטען מאַך קיין שיהות:
דו הערסט, ווי שרעקליך קלאָפּט מיין הארץ,
דו זעהסט, עס געהט מיר אויס מיין חיות!...

נישט פון דער-היים בין איך צו דיר
געקומען, ניין, איך בין געוועזען
אין פיעל מקומות און געזוכט,
געזוכט אַ מיטעל זיך צו נעזען.

חכמים, לומדים, גרויסע לייט,
די קרוין פון אונזער קאָפּ, די ציהרונג
פון אונזער פאָלק—איך האָב געהאָפט
פון זיי צו האָבען אַ קוריהרונג.

צו זיי געווענדעט האָב איך מיך
מיט אַ געבעט אין מיינע ליעדער,
איך האָב געוויינט, געקלאָגט פאַר זיי:
אַח האָט רחמנות, ליעבע ברידער

הײלט אױס מײן האַרץ, מײן קראַנקײם האַרץ,
פֿאַרשליס דעם קװאַל פֿון מײנע טרערען.
בלאָזט אױף אין מיר אײן הײסען פֿונק,
צינדט אָן אין מיר אײן העלען שטערן;

קערט אום מײן האַרץ, מײן קראַנקען האַרץ,
דעם אַלטען הײסען, רײנעם גלױבען,
עס זאָל די האָפֿנונג נאָך אַמאָל
װי פֿריהער שײנען מיר פֿון אױבען.

איך האָב אַמאָל געהאַט אַ גײסט
מיט גרױסע שטאַרקע, װײסע פֿליעגעל,
אַ ברוסט געקאָװעט װי פֿון שטאָהל
און אױגען העלע װי אַ שפּיעגעל.

איך האָב געגלױבט: איך װעל מײן פֿאָלק
פֿון שלאָף ערװעקען און בעפֿרײען,
זײן אַלטע ברוסט, זײן אַלטען גײסט
מיט קראַפֿט בעפֿרישען און בענײען;

איך װעל איהם צײגען, װאו עס ליעגט
דער רעכטער װעג, װאָס װעט איהם פֿיהרען
צו קראַפֿט און לעבען, ליכט און גליק,
זײן קאָפּ בעקרױנען און בעציהרען.

איך האָב געגלױבט... און זעהט, װאוהין
דאָס לעבען האָט מיך איצט פֿערטריבען!
פֿאַרבײ מײן האָפֿנונג און מײן קראַפֿט,
נור טרערען זענען מיר געבליבען.

איך זינג בײ נאַכט מײן קינה־ליעד,
איך זינג — און מײנע שכנים זאָגען:
—„צת, װען װעט ער שױן שלאָפֿען געהן
און װעט שױן אױפֿהערען צו קלאָגען?!"...

חכמים, לומדים, גרױסע לײט —
איך בין אומזיסט צו זײ נאָך עצות
נאָגאַנגען — אַלע הערען מיך
פֿערװאונדערט, קװעטשען מיט די פּלײצעס;

זײ װײסען ניט, פערשטעהען ניט —
מײַן שמערץ, מײַן יאמער טהוט זײ שרעקען . . .
נו, באָבע, אפשר װעט די קאָרט
דעם ריכטען אמת מיר ענטפּלעקען ?

נו, זאָג-זשע, זאָג, װאָס זעהסטו דאָרט ? —
א בריעף ? . . . א װעג ? ... נו, נו . . . א סכּנה ? . . .
דו שװײַגסט, דו לאָזט דעם קאָפּ אַראָב ? . . .
דו װײנסט ? . . . אח, װײן ניט, װײן ניט, ליעבע !

געה, אַלטע, געה געזונטערהייד,
דײַן קאָרט װעט מיר קײן נײַעס ניט זאָגען . . .
איך װײס מײַן גורל אויף דער װעלט
און רוהיג װעל איך איהם פערטראָגען.

איך װײס: מײַן ליעד איז װי א קװאַל,
עס קען נישט אויסגעטריקענט װערען . . .
נו, קלאָג-זשע, קלאָג, מײַן ליעד, בײַ װאַן
דו װעסט ניט אויסגעהען אין טרעהרען! . . .

# דער הויפען ערד.

(א לעגענדע פון תלמוד װעגען אלכסנדר מוקדון).

## פראלאג:

אלטע בלעטער פונ'ם תלמוד,
אלטע זאגען און לעגענדען!
אין מײַן טרויעריגען לעבען
אפט טהו איך צו אײַך מיך װענדען

בײַ דער נאכט, װען אין דער פינסטער
לויפט דער שלאף פון מײַנע אויגען
און איך זיץ אלײן און עלענד
צו דער ברוסט דעם קאפ געבויגען,

אין די טרויעריגע שטונדען,
װי א שטערן אין דער בלויער
זומער-נאכט, הויבט אן צו שײַנען
דער זכרון אין מײַן טרויער.

איך דערמאהן זיך אויף די ליעבע,
אויף די זיסע קינדהײַטס-יאהרען,
װען איך בין נאך פרײַ געװעזען
פון מײַן קומער, לײַד און צארן;

איך דערמאהן זיך אויף די צײַטען,
װען איך פלעג דעם ערשטען, זיסען
בעסטען כוס פון לעבען, פרײַהײַט,
פרײד און לוסטיגקײַט גע'ניסען.

איך דערמאהן זיך אויף די אלטע,
אויף די זיסע, ליעבע יאהרען
און די בלעטער פונ'ם תלמוד
שטעהען אויף אין מײַן זכרון.

אח די אלטע, אלטער, בילדער!
וויפיעל ליבע אין וויפיעל שטערן
ברענען, שיינען און זיי קאנען
אייביג ניט פערלאשען ווערען.

טויזענד שטראמען, טויזענד טייכען
האבען זיי געטהון פערפליסען,
זאמד האט זיך אויף זיי געשאטען,
שטורעמס האבען זיי געריסען,

און די צלטע, אלטע בלעטער
ליגען נאך . . . זיי זעגען טאקע
געל, פערהיילט, אבגעריבען
דארט א לאך און דא א מכה,

דא א שטיקעל אבגעסמאליעט,
דארט א שורה טויג אויף צרות,
און אינגאנצען האט א פנים
פון אן׳אלטען בית־הקברות . . .

מילא — וואס? נו, איז דאס טאקע
א בית־עולם, וואו בעגראבען
ליגט אין קבר אלץ, וואס אייביג
וועלען מיר שוין מעהר ניט האבען . .

און איך אלטער, קראנקער יתום,
פול מיט לייד, מיט אימת־מות,
שטעה, מיין גרויען קאפ געבויגען —
שטעה און וויין אויף קבר־אבות.

---

פון לאנד צו לאנד, בעוואפענט, בייז און שטארק,
טהוט געהן דער גרויסער העלד און קעניג.
עס איז ניטא קיין רוה פאר איהם, — זיין קראפט,
זיין רייכטום, הערשאפט — אלץ נאך ווענינ,

אלץ מייטער ציהט און רייסט זיך איהם דאס הארץ
פארויס דורך ווילדע, גרויסע וועלדער,
דורך היילען, פעלזען, איבער איז און שניי,
דורך בערג און טהאלען, שטעדט און פעלדער

פִיעל פֶעלקֶער זֶענֶען אונטערטֶענִיג אִיהם,
פִיעל לֶענדער האָט עֶר אײנגֶענוּמֶען,
און, גֶעהֶענדִיג אַלץ ווײַטער אִין דער וועלט,
אִיז אִין אַ מִדְבָּר עֶר גֶעקוּמֶען.

לאַנג זֶענֶען דוּרךְ דעם הײסֶען, ווִיסטֶען פֶעלד
גֶעגאַנגֶען זײַנֶע מַחֲנוֹת־רִיזֶען,
בִּיז פוּן דערווײַטֶען האָט זִיךְ זײ צוּם סוֹף
אַ גרִינֶעם וועלדעלֶע בֶּעווִיזֶען.

דאָס חַיִל האָט זִיךְ אָפּרוּהֶען גֶעלֶעגט;
דער קֶענִיג, אוּם זײַן דוּרסט צוּ שטִילֶען,
אִיז צוּגֶעגאַנגֶען צוּ דעם שטראָם, וואָס אִיז
גֶעפלאָסֶען אִין דעם וואַלד, אִין קִיהלֶען.

און באַלד נאָר, אַז דער קֶענִיג האָט פוּן שטראָם
דעם עֶרשטֶען קאַלטֶען טרוּנק גֶענאָסֶען,
האָט עֶפּעס זִיךְ בײַ אִיהם אִין יעֶדֶען גלִיעד
אַ זִיסֶע ווַארִימקײַט צוּגאָסֶען;

אַ טִיעפער חִיוּת אִיז זִיךְ אִין זײַן ברוּסט
צוּגאַנגֶען, נײַע, יוּנגֶע קרֶעפטֶען
און נײַער פרִישער מוּטה האָט אִיהם גֶעטהוּן
זײַן האַרץ בֶּעשפִּינֶען און בֶּעהֶעפטֶען.

„וואָס קֶען דאָס זײַן? — האָט עֶר גֶעטראַכט — דער שטראָם
מוּז פוּן אַ גלִיקלִיךְ אָרט טהוּן פלִיסֶען...
שטעֶהט אוֹיף, אִיהר לִיעבֶּע העֶלדען מײַנֶע, קוּמט
אִיךְ ווִיל, אִיךְ מוּז דאָס גלײַךְ דערווִיסֶען,

„אַהִין, אַהִין! זאָל זײַן דאָרט ווער עֶס אִיז —
עֶר מוּז מִיר אונטערטֶענִיג ווערֶען,
פוּן מִיר אַלײַן עֶרוואַרטֶען גלִיק און פרײד
און מִיךְ אַלס העֶלד און קֶענִיג עֶהרֶען,

„און אוֹיבּ עֶס וועֶט דאָרט זײַן ווער נֶעגֶען מִיר,
אַ, טוֹיט וועֶט פוּן מײַן שווערד עֶר פאַלֶען...
שטעֶהט אוֹיף, אִיהר לִיעבֶּע העֶלדֶען מײַנֶע, קוּמט!...
עֶס קלאַפּט דער פּוֹיק; די שוֹפָרוֹת שאַלֶען;

די פאהנען טהוען פלאטערן ; עס געהט
א קלינגעריי , א טומעל , הונדערט
חילות געהען נאך דעם גרויסען חלד .
דער מדבר ליעגט ארום פערוואונדערט :

וואס טהוט זיך דאס ? ווער האט זיין רוה , זיין שלאף ,
זיין טיעפען שלאף געשטערט ? . . . די רייטער ,
די פאהנען ציהען זיך פארויס , פארויס ,
דער קעניג געהט אלץ ווייטער , ווייטער . . .

פיעל טעג איז ער געגאנגען אלץ פארויס ,
פיעל אויסגעשטאנען שמערצען , ליידען —
און איז לסוף געקומען מיט׳ן שטראם —
וואוהין ? — צום טויער פון גן עדן ! . .

---

בעפלאכטען מיט גרינע ,
מיט בליהענדע בלעטער ,
מיט פרישע , מיט שמעקענדע
בלומען בעקרענצט ,

טהוט לייכטען און שיינען
דער הייליגער טויער ;
מיט טויזענדער שטראהלען
גליהט ער און גלענצט .

עס שלאגען די קוואלען ,
עס רוישען די שטראמען ,
עס געהט ווי פון זילבערנע
גלעקער א קלאנג ,

עס הערען זיך שטימען
פון טויזענדער פויגעל , —
עס גיסט זיך א ליעבעס ,
זיסעס געזאנג .

נאר דארט ביי דעם טויער ,
זעהט שטעהן דער קעניג
א מלאך מיט פלאמענדען
שווערד אין די הענד , —

ער שטעהט צו בעשיצען
דעם היילינגען טויער,
די הויכע, די שטארקע,
היילינגע וואנד.

ווער ביזטו? — טהוט פרעגען
דער מלאך ביים קעניג:
דו ביזט אלכסנדר?
שטעה-זשע! פאר דיר

וועט בלייבען אויף אייביג
פערמאכט צום גן-עדן
די ליכטיגע, ריינע,
היילינגע טהיר.

נור די, וועלכע לעבען
אין פריינדשאפט, אין פריעדען,
וואס טהוען און ברייגנען
גוטס אויף דער וועלט,

נאר זיי קאנען קומען
אין היילינגען גארטען,
אין ליכטיגען, אייביגען
בראׄ'ס געצעלט.

און דו, וואס פערגאסען
האסט טייכען פון טרעהרען
דיין אייזערנע, בייזע,
בלוטיגע האנד —

דיך האט דער בעש פער
בעגליקט אין דיין לעבען
מיט הערשאפט, מיט רייכטהום,
מוטה און פערשטאנד,

ביזט אבער פערגאנגען
אויף זינדיגע וועגען,
פערדרעהט זיך אין שרעקליכען
שטורם און ווינד;

רז פלעגסט ניט בעשוינען.
קיין יוגענד, קיין עלטער . . .
צו גרויס זענען דיינע
שרעקליכע זינד!

אומזיסט איז געוועזען
דיין מיה, אלכסנדר!
דו קאנסט אין גן־עדן
ניט קומען: פאר דיר

מעט בלייבען אויף אייביג
פערמאכט פון גן־עדן
די ליכטיגע, ריינע,
הייליגע טהיר . . ."

* *
*

"— את דו גרויסער ענגעל! —
האט מיט הייסע טרערען
שטיל געזאגט דער קעניג —
שרעקליך איז דיין שטראף:

שטעהען נאהענט נעבען
טויער פון גן־עדן,
פיהלען שוין דעם זיסען
ביז . . . און לסוף . . .

ניעב־ושע, גיעב חאטש עפיס
מיר אנ׳אות־זכרון.
אז איך בין געוועזען
דא, ביי דיזער טהיר,

מענשען זאלען זעהען,
מענשען זאלען גלויבען,
אז דאס האט געטראפען
איפ׳ן וואהר מיט מיר."

—"נא, — האט דא דער מלאך
איהם געזאגט — אט האסטו . . .
געה צוריק־און שטארקען
זאל דיר גאט דיין הארץ,

זאָלסט פערבריינגען דיינע
איבעריגע יאָהרען,
ניט צו וויסען אַביסעל
פון קיין נויטה און שמאַרץ...״

* * *

דער קעניג איז געקומען אין אַ שטאָדט
און האָט געשיקט צונויפרופען די זקנים,
די פיינסטע און די קלינסטע פון דעם פאָלק:
„איהר זעהט? — האָט ער געזאָגט — איהר זעהט דעם שענעם

דעם ליעבען אות־זכּרון, וואָס פון דאָרט
איך האָב געבראַכט? ווי זאָל איך מיך ניט שעמען!
אַ שטיקעל ביין! אַ שטיקעל פוילען ביין!
איך, אלכּסנדר מוקדון, איך, פאַר וועמען

עס האָט אַ גאַנצע וועלט געקניהט,
געציטערט נאָר פאַר מיר אליין, פאַר איינעם...״
— „אָ, שטראָף מיך ניט, מיין קעניג, פאַר די רייד —
האָט איהם געענטפערט איינער פון די זקנים:

„פעראַכט ניט די מתּנה, וואָס דער גייסט
האָט דיר געגעבען: אין דעם טויטען
און פוילען ביינדעל ליעגט אַ טיעפער זין,
וואָס קאָן דיר אפשר נוצען אין פיעל נויטען.

„עס ברעכט ניט זעלטען, אַז די קלענסטע זאַך
ווערט זעהר וויכטיג אין דעם מענשענס לעבען.
ערלויב, איך וועל דאָס דיר בעווייזען באַלד,
בעפעהל דו נאָר, מען זאָל אַ וואָג מיר געבען.״

מען האָט געבראַכט. דער זקן האָט געלעגט
דאָס ביינדעל אויף איין וואָג־שאָל, אויף די צווייטע —
צוויי הויפענס גאָלד. די וואָג־שאָל מיטן ביין
האָט גלייך געטהון זיי איבערוועגען ביידע.

„וואָס איז דאָס? — פרעגט דער קעניג: שיט אַרויף
נאָך זילבער, גאָלד!...״ מען האָט פון אַלע זייטען
געשאָטען, — עס האָט אָבער ניט געווירקט...
„וואָס קען דאָס זיין? וואָס זאָל די זאַך בעדייטען?״...

דער קעניג האט זײַן שווערעם, גרויסעם שווערד,
זײַן קרוין, זײַן פּאנצער — אלץ אראָפּגעריסען
און אויף די צווייטע שאָל געוואָרפען . . . נײַן!
דער בײַן האט ניט געוואָלט פון גאָר ניט וויסען.

ער האט זיך ניט גערירט ניט אויף א האָר
און אויף זײַן וואָג־שאָל רוהיג זיך געלעגען.
דער קעניג האט געציטערט, ווי א בלאט:
— „אָ, זאָג־זשע מיר! איך גיב מײַן גאַנץ פערמעגען.

אלץ, וואָס איך האָב, — צו וויסען, וואָס בעדײַט
דאָס שטיקעל בײַן... עס בּרענט אויף מיר מײַן סוד:
מיט וואָס קאָן אָבגענומען זײַן פון דעם
דער וואונדערבאַרער, צויבערליכער כּח?

מיט וואָס־זשע? . . ."
— „מיט א קלײניגקײַט — האט איהם
געזאָגט דער זקן, — האט זיך אָנגעבויגען
און אויף דאָס שטיקעל בײַן אַ הויפען ערד
אַרויפגעשאָטען פאַר דעם קעניג'ס אויגען, —

און וואונדערליך! — די וואָג־שאָל מיט'ן גאָלד
האט טאַקע באַלד אַ פאַל געטהון פון אויבען
און געגענפאלם די צווייטע מיט'ן בײַן
האט ווי א פעדער שנעל זיך אויפגעהויבען! . . .

און דער גרויער זקן
האט געזאָגט צום קעניג:
„אָט דאָס דאַרע בײַנדעל,
וואָס דו האָסט געבראַכט,

איז ניט מעהר — א שטיקעל
פון א מענשענס שאַרבען;
זעהסט אין דעם אַ לעכיל?
קוק זיך אײַן, בעטראַכט . . .

יאָ, מײַן הערר, א שטיקעל
פון אַ מענשען'ס שאַרבען:
אין דעם קלײנעם לעכיל
יאָהרען פיעל צוריק

איז אַנ׳אויג געזעסען . . .
אוי, ווי נאַריש, נאַריש
איז דער מענש צוזאַמען
מיט זײַן גאַנצען גליק!

קלײַן און שלאַף איז אונזער
אויג, און וויפיעל אָבער
אין דעם מענשענ׳ס לעבען
גלוסט עס און בעגעהרט,

רײַסט זיך, ברענט מיט תּאַוה —
וועניג! אײביג וועניג!
עס פערחאַפט אַלץ ווײַטער . . .
גיעב די גאַנצע ערד,

הימעל, זון און שטערן
גיעב אַוועק — אַלץ וועניג!
יאָג זיך, מענשיל, אַרבײַט,
קלעטער, שפּרינג און לויף,

ווײַטער, מענשיל, ווײַטער! . . .
נו, און פאָרט ביז וואַנען? —
ביז מען שיט דעם ערשטען
הויפען ערד אַרויף . . .

אָט, גענוג, ניט ווײַטער
ניט איין טריט, איין רגע . . .
באַט איך, גאָר דעם גאַנצען
חשבון אָבגעמעקט . . .

אָח, א ביסעל קאַלטעס
קבֿר־ערד — און זעהט נור,
זעהט, אַקאָרשט, איך בעט אייך,
הא? — ווי שווער דאָס וועגט! . . ."

# מָשִׁיחַ'ס־צַייטֶען.

## עֶר גֶעהט.

המשיח לא יבא אלא בדור
שכלו זכאי או שכלו חיב.
(א גמרא)

„— מַזָל־טוֹב אַיךְ, לִיעבֶּע בּרִידֶער!
הוֹליעֶט יוּדְעֶן, אָהן אַ שִׁיעוּר!
אַלֶע אָדֶערן אוּן גלִיעדֶער
זִינגֶען, פרֶעהֶען־זִיךְ אִין מִיר...

וואָס מִיר עֵשָׂו, ווער מִיר הָמָן,
וואו מִיר אַנגסטֶען, שרֶעק אוּן לַייד, —
לוֹיבּט אוּן דאַנקט זַיין לִיעבֶּען נאָמֶען,
זִינגט אוּן טאַנצט — מָשִׁיחַ גֶעהט!

יאָ, דער אֱמֶת'ער, דער אַלטער
גּוֹאֵל־צֶדֶק. אִין דער האַנד
נִישט קַיין פאָהן—אַ שוֹפָר האַלט ער,
בּלאָזט אוּן רוּפט אִין הַיילִיג לאַנד:
„—מְלֵא חֶדְוָה, מְלֵא דִיצָה,
קוּמט, רֶבּ אִיצֶע, קימט, רֶבּ פִּיצֶע,
גרַייט זִיךְ־צוּ אִין אַיין מְעֵת־לְעֵת
מִיט דעם גאַנצֶען פערנעגִיגען:
מִיט דִי וִויעגֶען, מִיט דִי צִיגֶען,
מִיט'ן פֶּסַח'דִיג געפֶעם —
אַלֶע פַיינֶע, אַלֶע וואוילֶע,
פרוּמֶע קִינדער אויף דער וועלט!"...
הִילכִיג נעהט דִי תְּקִיעָה־גְדוֹלָה,
פרֶעהלִיךְ שפּרִינגען וואַלד אוּן פעלד...
אוּן אַנ'עק דער סֶדְרָה בָּלָק!..."

מיט די ווערטער, ווי א חיגר,
האסטיג, פליהענדיג, געשווינד,
לויפט ארײַן צו מיר ישׂראליק, —
מײַנם א שטיקעל שוועסטער־קינד, —
טהוט א וואָרף א גרויסען, דיקען
פּאַק גאַזעטען אויפ׳ן טיש:
— „נאַ! ס׳איז ממש זיך צו קוויקען —
וואַרים, צאַפּעלדיג און פריש;
יעדער נומער, יעדער בויגען,
יעדע שורה אין דעם פּאַק,
וועט דיר עפענען די אויגען.
לייען, ברודער ... האַ? געשמאַק? ...

---

טעלעגראַמעם פליהען — שרעקליך! —
מאַרטיניקאַ ברענט און ברענט:
מענשען, חיות, בוימער, וועגד
רײַסט און ברעכט דער שטורם אויף ברעקליך
און קרבנות שעכט דער טויט
צעהנדליג־טויזענדווײַז טאָג־טעגליך ...
ווי־זשע מײַנסטו, איז עס מעגליך
פּלוצים, פון דער העלער־הויט?
געה שוין, געה, דערצעהל מיר שמאַכטעס;
ניהם א דאַך, א סטײַג, א וואַלד,
צינד זיי אונטער — זידט עס, קאָכט עס,
ברענט און פּלאַקערט — א געוואַלד!
אויך דאָסזעלבע, אַז מיר לעזען
„מאַרטיניקאַ איז פערברענט",
מעסטו זיכער זײַן — געוועזען
זענען דאָרט יענקעל׳ס הענד:
מיט א סטאַטשיק, א הבדלה
(צוגעדעקט זיי מיט דער פּאָלע)
קריכט ער צו בײַ־נאַכט צום באַרג —
און עס ברענט! ... דו מײַנסט — ס׳איז קאַרג?...
ס׳לעגט זיך דיר ניט אויפ׳ן שׂכל?
קוקסט אין מויל מיר מיט א שמייכעל, —
הער: אָהן סליעדסטוועס! — א גאַזעט
ווייסט מסתּמא וואָס זי רעדט ...

פון פאריז ביז ניקאלאיעוו
און פון קאוונא ביז אלושיר
כָּלוֹ חַיָב, כָּלוֹ חַיָב,
כָּלוֹ חַיָב זענען מיר! . . .

---

פון א גליק פון גאר א נייעם
הערט מען ריידען, — גנעה און שריי
צו דעם בורא חי וקים, —

רְציחות ווידער אין קיטיי,
א בֶּהָלָה א גערודער . . .
ווער? — דער „גרויסער קולאק", נעהם
אבער טיפער, ליעבער ברודער,
נעהם מיט קאפ דעם טעם פון דעם
יא, דער „קולאק", אֶמֶת טאקע,
נאר דער עִיקר פּרט איז ער,
יענקעל (זיין זאל איהם א מַכָּה!),
וויל, פערשטעהסטו, האַרץ מיינס, ווער
שפּיעלט די חֲתוּנָה די שענע?
ווער פערקאָכט דאָרט דעם יריד?
טשין־טשון־טשהי? א ניים, — מֵאַחֵינוּ!
און טשאן־טשפו איז אויך א יוד!"...
— א געני... יענצטער?

— „אַדְרַבָּא,
ערנסט, פרום, פון שענסטען גראד,
א מְיוּחָס און א גַבַּאי
צוואנציג יאהר שוין אין חב"ד.
נעהם דאָרט אלע קאמאנדירען:
יענעראַלען! און בְּסוֹד
האלטען און עקספּלאָאטירען
ווער די טאקסע, ווער די באד . . .
קוקסט אין מויל מיר מיט א שמייכעל?
ס'לעגט זיך דיר ניט אויפ'ן שֵׂכֶל?
נאר דו אייגער! א גאַזעט
הייסט מסתמא וואס זי רעדט . . .
און פון פעקין ביז פאטשאיעוו,
פון טיאן־צזין ביז סאנדאמיר —
כָּלוֹ חַיָב, כָּלוֹ חַיָב
כָּלוֹ חַיָב זענען מיר? . . .

„ערגיץ דאָרט, אין חוץ לאָרץ, —
כ'ווייס? זאָל זיין אין בוקאַרעשט,
אין גאַליץ, אין יאַס, פּלאָיעשט, —
האָט אַנ'אומגליק מיט אַ פֿריץ
זיך געטראָפֿען: טיף פֿערטראַכט
וועגען האָבער, גערשטען, קאָרן —
איז ער רוהיג זיך געפֿאָהרען
אין אַ בריצקעלע ביי־נאַכט.
אויפ'ן וועג, דאָרט, וואו אין בלאָטע
שווימען גענז אַ גאַנצע ראָטע
אין די זשאַבעס זינגען כאָר,
שטעהט אַ בריקעל, שוין אַ יאָהר
זעכציג, זיבעציג אַנ'ערך
קרום און פֿויל און אַלט ווי תּבֿה,
אָהן רעמאָנט — און שטעהט זיך פֿאָרט,
טרישטשעט, טרייסעלט זיך, נאָר גאָר ניט
אַז אין בריה, ווילסט ניט — פֿאָהר ניט.
און דער עולם געהט און פֿאָהרט
איהם אַריבער זעהר גערן.
הײַנט וואָס האָט מען דאָ צו קלערען?
אונזער פֿריץ טהוט אַ שמיץ
פֿאָהרט אַרויף און... ווי אַ בליץ,
ווי אַ פֿייל פֿון בויגען פֿליהט ער
פֿונ'ם בריקעל קאָפּ אין דר'ערד
מיט דער בריטשקע, מיט'ן פֿערד
גלייך אין בלאָטע... נאַס און שיטער,
קאַלט און קלעפּיג... נאָך אַ גליק
וואָס אַ פּאַסטוך איז געוועזען
אַקוראַט ניט ווייט פֿון בריק
און דעם פֿריץ מיט אַ שטריק
פֿון די זשאַבעס אויסגעלעזען...
ווערט אַ סלעדסטוויע — ווער און וואָס:...
און פֿון וואַנען, און פֿון וואָס?
מען דערגעהט. ווער? יענקעל! קוילעט,
הענגט איהם, שיסט — ער זאָגט זיך אָב;
נאָר עס העלפֿט ניט. הערט מיט קאָפּ:
—„ס'איז ביי איך געווען דער מולד
יענעם אָווענד?"
— יאָ.
— „אַהאַ!

און בשעת קידוש לבנה
האסטו, ברודערקע, אזא
שפרונג געטהון פאר גרויס בונה,
אז די היטעל איז פון קאפ
אויפ'ן דער ערד בייַ דיר אראב!
וואס־זשע דארף מען לאנג דא ברייען?
ס'איז דאך קלאר פאר אלט און יונג
אז די בריק איז פון דיין שפרונג
איינגעפאלען, — זאגט דער דין, —
על בן, יענקעלע ביי צאהל,
וואס זי האט געקאסט אמאל,
וואטש פערמשכן בארד און פאת״ . . .
קלוג, איא? אי קלוג, אי גוט,
א פסק־דין לכל הדעות:
אין רומעניען א סוד
ווייסט מסתמא וואס ער טהוט! —
פון מצרים און ביז קראיעוו,
פון בערדיטשעוו ביז קאאיר
כלו חיב, כלו חיב,
כלו חיב זיינען מיר! . . .

---

גנבות, הײשעריק, חאלערא,
פליעגען, ווערים, פילאקסערא,
קעלט, סוחאטע, האגעל, ווינד;
דער ווערט טויב און יענער בלינד;
דא איז הונגער, דארט קדחת,
דא א קלאג, דארט א געשריי —
אומעטום, לכל הפחות,
מוז א יוד זיין, אדער צוויי:
יודען טהוען אויף צו להכעים —
שנאת חנם קאכט אין זיי . . .
און איך שריי און שרייען ווידער
וועל איך אייביג אהן אויפהער:
כלו חיב, ליעבע ברידער,
כלו חיב זיינען מיר!״ . . .

בלייך און דעם רוקען געבויגען
זיצט מיין ישראליק. ווי בלייענע שווער
פון די פערטונקעלטע אויגען
טריפען א טרעהר נאך א טרעהר . . .
— „זאג־זשע מיר — פרעג איך איהם: זיי זיך מטריח
אז „כלו חיב" ביי אונז איז שוין גרייט
טא וואו־זשע איז ער?
— משיח?
נארעלע! הערסט דאך — ער געהט!" . . .

# אקלארע תשובה*).

## א בריעוועל צום רעדאקטאר.

געעהרטער הערר!

דעם דאזיגען בריעוועל האט מיר צוגעשיקט א בע־קאנטער יונגערמאן מק"ק שמונעווקע, א בחור'ל א לאטיש קינד, מיט א בקשה דורכלייענען עס און זאגען מיין מיינונג. „אז עס איז גוט — שרייבט ער — ווייס איך אפילו אליין, און אויף נוטעס דארף מען קיין כבין נישט, נאר וואס ארט מיך — זאגט ער — אז עס וועט זיין אויף דעם אויך אייער הסכמה?" צוליבאי טאקע, וואס זאל עס איהם ארען? . . .

אט איז דאס בריעוועל:

ליבער הערר רעדאקטאר!

די וועלט זאגט א ווערטיל: „וואס עס וועט זיין מיט כל ישראל לאז זיין מיט רב ישראל". איך ברייננג עס אקעגען דעם, וואס אז קיין עין הרע 40,000 יודען (איך רעכען דאס די אבא־נענטען פון „יוד" — און אויף מעהר לאז צייך גאט העלפען!) וועלען זיך אוועקזעצען שרייבען אנ'ענטפער אויף די „פראגען", וואס איהר האט צוגעשיקט מיט'ן נומר 26, טא מיט וואס בין

*) אין יאהר 1900 האט דער „יוד" געהאט פונאנדערגעשיקט זיינע אבאנענטען פאלגענדע פראגען: 1) ווי אלט זענט איהר? 2) וואס איז אייער בעשעפטיגונג? 3) וואו האט איהר זיך געלערנט? 4) וויפיעל מענשען לייענען אייער עקזעמפליאר „יוד" אויסער אייך? 5) לייענט איהר אויך אנדערע זשארגאנישע ווערק? 6) לייענט איהר העברעאישע צייטונגען אדער ביכער? 7) לייענט איהר אויך צייטונגען און ביכער אין אנדערע שפראכען און אין וועלכע? 8) וועלכע אבטיילונג פון „יוד" געפעלט אייך?

איך דאס ערגער פון אנדערע ? ובפרט אז שרייבען קען איך, צייט האב איך און שרייבען ווילט זיך. אלא וואס ? דער לשון, די מליצה, איז ביי מיר אפשר ניט אזוי קונציג, טאָ זענט איהר דאך א רעדאקטאר, נעהמט (קרעפליך זאלט איהר עסען!) א פען אין האנד, מעקט אוים, שרייבט צו, מאכט איבער ווי איך געפעלט, עס מעג אפילו א ווארט נישט בלייבען פון דעם, וואס איך האב אנגעשריבען, אבי נור די חתימה מיינע, די חתימה, פערשטעהט איהר מיך, זאל בלייבען אינגאנצען, ווארום איהר ווייסט דאך, אז פאר אונז, פאר'ן רוב זשארגאנישע מחברים, איז דער עיקר הדבר נג׳ די חתימה, דער נאמען זאל זיין געדרוקט, און טייערער פון אלץ איז דאס ביי אונז, שמויגעווקער פאעטען, מחמת וואס איינענטליך דארף מען צו פאעזיע ? גראמען: טויט — ברויט, קנעפיל — קעפיל, אימה — בהמה, פליגען — ציגען . . . עס שיט זיך ווי באב, און עס וואלט זיך גאר ניט אויפהערען צו שיטען, ווען עס וואלט ניט שטעהן אונטען די חתימה: אונטערגעשריבען זיך און א סוף — דער זאק מיט'ן באב מאכט זיך צונויף ביז'ן צווייטען מאל, און אזוי געהט עס ווי א מזמור ביי היינטיגע פאעטען . . .

נאר ניט דאס בין איך אויסען. איך האב דאך אנגעהויבען וועגען די „פראגען" צייערע און אויף איינינע פון זיי וועל איך ענטפער'ן נאך מיין פערשטאנד נאך, טייל אין גראמען, טייל אויף פראסט-יודיש. קיין גרויסע נייעס וועל איך דא ניט אייפטהון. דאס וואס איך האב צוזאמען זענען גאנץ אלטע זאכען. נאר כדי מען זאל זיי ניט פערגעסען, איז כדאי צייטענווייז איבערצוחזר'ן און דערמאהנען זיי יענע אונזערע יודעליך, זאלען לעבען, וועלכע האבען אויף אזוינע זאכען א קורצען זכרון . . .

---

די ערשטע פראגע צייערע איז:

—„ווי אלט זענט איהר ?"

וואס זאל איך ציין אויף דעם ענטפערן ?

* *

*

ווי אלט איך בין — דאס ווסען קלאר
קען, דוכט זיך מיר, ניט קיינער:
מען זאגט—כמעט דריי טויזענד יאהר,
נאר דאס מוז זיין א טעות גאר,
און טאקע ניט א קלענער . . .

יאָ, אֶמֶת, אָפּט בין איך אַ בלינד,
אַ טויב — אַן׳עלטער זקן,
וואָס איהם קען גובר־זיין אַ קינד,
און פאַר אַ רעגען, פאַר אַ ווינד
בעהאַלט איך זיך דערשראָקען;

איך פיהל אין זיך קיין טראָפּען בלוט
און קיין געזונדען אֵבר;
פערלאָרען גלויבען, קראַפט און מוטה —
פערשטעהע נור איינס, ווי זיס און גוט
עס איז דער שלאָף אין קבר...

נאָר צייטענווייז דערפיהל איך גאָר
אין זיך אַ זעל, אַ נייע...
אוים קראַנקע ברוסט! אוים גרויע האָר!
די ערד ווערט גרין, דער הימעל קלאָר,
דאָס לעבען אַ מחיה...

איך בין אַ קינד און בין אַ העלד:
איך פיהל אין יענע צייטען —
ניטאָ קיין איינציגס אויף דער וועלט
פאַר מיר פערבאָרגען און פערשטעלט
איך זאָל מיט דעם ניט שטרייטען,

און אַלע צרות גובר זיין
זאָל גאָט מיר ניט בעשערען...
אַזוי אָט לעב איך שען און פיין —
פון קאָפּ ביז פיס אין לייד און פיין,
אין גאַנצע טייכען טרעהרען.

נאָר רוהיג זיין מיט האַרץ און זין
און פיהלען אַז אַ מענש איך בין
ווי אַלע חאָטש אַ ווײַלע,
דאָס קען איך ניט. מיין ליעבער פריינד!...
טאָ וויפיעל זאָל איך אַלט זיין היינט?
פרובט, ענטפערט אויף די שאלה...

* * *

ווײַטער מײַן ליעבער הערר פרעגט איהר:
„— וואו האָט איהר זיך געלערנט?
וואו האָב איך זיך געלערנט? — אַך,
צוויי טויזענד יאָהר כּסדר
טראָג איך אויף זיך דעם גרויסען יאָך
פון לערנען, חזר'ן... און נאָך
ביז איצט גײה איך אין חדר...

מלמדים האָב איך אַלערליי...
דערמאָהנענדיג־זיך נור אויף זיי
פערחאַפּט מיר אָזש דער אָטהעם...
צוויי טויזענד יאָהר אַז אָהן אַ שיעור
צוויי סדרות לערנען זיי מיט מיר —
אוי! „בּלק" און „משפּטים"!...

וואָס אָבגעקאָסט האָט רבי־געלד
און זיי מען האָט געשמיסען
בערעכנען — נעהמט מיך דורך אַ קעלט..
ניטאָ דער קאַנטשיק אויף דער וועלט
וואָס ב'זאָל זיין מיעם נישט וויסען!...
גענוג געחאַפּט אַי קלעפּ, אַי שמיץ,
גענוג געפּיהלט אַי קעלט, אַי היץ
און צרות אָנגעקליבען...
גענוג געקנעלט מיט מיר, — און דאָך
אַ חדר־יונגעל בין איך נאָך
ביז איצט, ביז איצט געבליבען!...

ניט געקלערט און ניט געטראַכט —
וואָלט איך הערען טאָג און נאַכט
בבא־מעשׂ'ת, ליעדלעך
פון דער ווייסער ציגעלע
הינטער אונזער וויגעלע,
פון די רויטע יודלעך...

זיס מעשׂות אָהן אַ צאָהל
פון משיח'ס צייטען,
ווען מיר וועלען אויך אַמאָל
ווערען גלייך צו לייטען, —

װעלען טרינקען זיסען װײַן;
רעגדלעך װעלען אונז אריין
טװיזענד גלייך אין בייטעל...
און אַזוי־אַט געהט עס — אַך! —
ביז איך האָב אַ גוטען שטאָך
פון דעם רבינ'ס טײַטעל...

נאָר נאָר נישט — עס געהט אָב מיט װעהטאָג, און איך געה װײַטער אין חדר... אַ סימן, אז איך האָב זיך נאָך ניט גענוג אויסגעלערנט, און נאָט מכתמא װײסט װאָס ער טהוט...

* *
*

נאָך אויף אַ פראַגע מײַנע װאָלט איך געװאָלט ענטפער.
איהר פרעגט:
„װאָס איז מײַער בעשעפטיגונג?"

מיט װאָס בעשעפטיג איך זיך? — עט,
אַ שאלה כ'לעבען!.. קלוג געטרעדט.
פרעגט בעסער: מיט װאָס ניט?
ביי מיר אין קרעמיל קאַכט און זידט, —
אַ האנדעל — אַ יריד!

ביי מיר בעקומט איהר מעהל און באָב,
אַ לולב מיט אַ טשאַלענט־טאָפּ,
אַ פאָהן אויף שמחת־תורה, —
און אַלץ די ביסטע סחורה...

דער קאָפּ פערדרעהט...
איך בלײַב אָהן הענד...
דער האנדעל געהט,
דער האנדעל ברענט —
מיט פעך
מיט בלעך,
מיט האָלץ, מיט
מיט פויגעל־מילך, מיט יקנה"ז,
מיט צװעקעם, מיט קמעות,
װאָס העלפען באלד צו װאָס איהר װילט,
סײַ אָבגעבריהט און סײַ פערקיהלט, —
איך שװעהר ביי באָרד און פּאות!...

וואס ווילט איהר נאך? אויך האנדעל איך
מיט בשמים, מיט חליצה־שיך,
מחזורים און סדורים
און גרייגערעס אויף פורים,
מיט זאלץ,
מיט שמאלץ,
מיט ווינד, מיט רויך
און מיט אתרוגים אויך,
מיט וויין,
מיט ליין,
מיט וואקס,
מיט פלאקס,
מיט אלע מינים תבואות,
מיט פרישע גרינס אויף שבועות;

ביי מיר בעקומט איהר עסיג, טהיי,
טלתים־קטנים אלערליי
און זייף, און יארמעלקעס, און היי,
און אויב איהר ווילט — הבדלות
לאנגע ווי דער גלות...
א כלל — איך טאפ
און זוך און חאפ,
און דרעש און מאהל,
און פרוב און קלייב
אין שטארב דריי מאל
מיט קינד און ווייב
אין קרענק, אין פלאג,
אין נויט, אין קלאג
פאר הונגער יעדען טאג...

— — — — — — — — — — —

---

נאר דאס איז דאך — וועט א יהר זאגען — נור מליצה פאעזיע, און איהר, העדר רעדאקטאר, דארפט דאך סטאטיסטיק; איהר זענט טאקע גערעכט, און איך וועל געבען סטאטיסטיק אויך.

די 4־טע פראגע איז: „וויפיעל מענשען ליידען איער עקזעמפליאר „יוד" אויסער איך?"

אויסער מיר און אונזער גאנץ הויזגעזינדל זאל לעבען לייענען מיין „יוד“ דריי הינע, ד. ה. שמוינעווקער יודען: אונזער פאדריאטשיק, אונזער אפטייקער און אונזער ראבינער.

דער פאדריאטשיק שרייבט אויס די „גובערנסקיא וועדאמאסטי“, וויל זיי זענען איהם נויטיג צו טארגעס און פאדריאדען; חוץ דעם שרייבט ער אויס אונזער שמוינעווקער רוסישע גאזעטע אויך, מחמת ער איז בעקאנט מיט דעם ראדאקטאר און שפיעלט מיט איהם אין קלוב אין קארטען, איז איהם — זאגט ער — שווער אויסצושרייבען נאך א דריטע צייטונג. עס וועט דאך אבקאסטען א יאהר מי יודע וויפיעל! — נאר לייענען איז ער א בעלן, שיקט ער צו מיר יעדע וואך אנטלייהען דעם נומער.

דער אפטייקער וואלט אפילו אליין אויסגעשריבען דעם „יוד“, נאר די מניעה איז, וואס דא ניט לאנג האט ער גענומען צו זיינע צוויי פאניצלעך א גובערנאנטקע, א קריסטליכע, און חאטש — זאגט ער — זי מוז וויסען אז ער איז א יוד, און ער ווייסט אז זי ווייסט טאקע אז ער איז א יוד, דאך פאסט ניט — זאגט ער — אז אין זיין הויז זאל אנקומען א יודישע גאזעט, שיקט ער צו מיר זיינעם א „אפטעקארסקי אוטשעניק“, א יודיש יונגעל, און נעהמט ביי מיר מיין עקזעמפליאר.

דער ראבינער אונזערער וועט — ווי ער זאגט — אין א יאהר צוויי־דריי ארום איה״ש אליין אויסשרייבען צייטונג און דערווייל נעהמט ער דעם „יוד“ ביי מיר, מחמת — איך וועל אייך זאגען בסוד — ער לערנט זיך נאך ערשט לייענען... ער איז, פערשטעהט איהר מיך, פון די נייע, פון די היינטיגע ראבינערליך...

אויסער די דריי בענוצט דעם „יוד“ נאך איינער אונזערער א שמוינעווקער, רב כתריאל־בער פאבריקאנט (ער פאבריצירט טרוקענע הייווען). אליין לייענען, זאגט ער, האט ער קיין צייט נישט, נאר הערען נייעס פון א גאזעט האט ער ליעב און איבערהויפט אינטערעסירט ער זיך מיט פאליטיקע, למשל, וואס טראכט וועגען א מלחמה דער פראנצויז? וואס וועט טהון דער גרעק, און וואס הערט זיך מיט'ן טערק? מען זאגט — ער הויבט זיך? און נאך אזעלכע שפיציגע ענינים פון פאליטיקע...

— —

אלזא, ליעבער הערר רעדאקטאר, אט האט איהר א קלארע תשובה אויף פיער פון אייערע „פראגען“. די איבריגע פיער זענען אפשר אויך טאקע גאנץ וויכטיגע, נאר ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען? א טאטע אז מען פרעגט איהם פיער קשיות, ענטפערט ער זיי אב מיט איין תירוץ, איך האב אויף אייערע אכט פראגען געגעבען פיער ענט-פערס: על פי הגדה האב איך שוין בודאי יוצא געווען, און אויסער דעם ווייסט איהר דאך אליין, אז קוק זיך נור א ביסעל ארום אין אונזער יודיש וועלטיל, הויבען זיך צו קריכען אין קאפ אריין טויזענדער שאלות און קשיות, ווי למשל: נוואלד, וואס איז דאס? וואס זענען דאס פאר משונה-ווילדע זאכען? וואס פאר מיני רייד, גענג, אנשטעלען, חניפה'לעך, הינטער-פיסלעך, איבער-הסבות, קינדער-שפיעל, רייסע-ניש און בייסעניש, וויסטע בטחונ'ס, פינסטערע גליקען, ביטערע נחמות? ... און נאך טויזענד און מיליאנען שאלות, אויף וועלכע עס איז דא נור איין תירוץ, דעם טאטענ'ס אלטער תירוץ: „עבדים היינו“...

און דער תירוץ, ווי איהר זעהט, פאסט טאקע זעהר גוט ניט נור צו דער הגדה אליין, נאר אויך אויף אלע נעכט פון א גאנץ יאהר, אויף אלע פינסטערע נעכט פון אונזער אומעטיגען לעבען...

פון מיר אייער אבאנענט

**שמואל חנקע-פריידעס באבראווער.**

שמוינעווקע.

# א מעשה'לע

## פון א געוועזענעם ערד־ארבייטער.

א דערפעל איז פארהאנען,
עס הייסט באבראווי־קוט *);
אמאל איז דארט געשטאנען
מיין וויגעלע . . . און גוט

און זיס איז מיר געגאנגען
אין יענער ליעבער צייט:
דארט האבען געלע זאנגען
גערוישט פון יעדער זייט;

דארט האט די גרינע בלעטער
א ווינטעלע געוויגט;
א ליעבעס, זיסעס וועטער
מיין יונגע ברוסט געקוויקט;

עס הארעווען דארט יודען
פון קינדהייט ביז טויט
און עסען דארט אין פריעדען
א אייגען שטיקעל ברויט.

פערגאנגען זענען יאהרען;
אין בין פון דארט אוועק —
בין צוגעגרייט געוואָרען
גאר צו אנדער צוועק:

ניט מיט דער סאחא געהען
פון ארימקייט און נויט
און אקערען און זייהען
אליין פאר דעם שטיקעל ברויט. —

---

*) א יודישע קאלאניע אין חערסאנער גוב.

נײַן, שטאַרק איז װי אַ צעדער
אונ שטאָלץ מײַן האַרץ אין מיר --
מײַן סאָחאַ איז די פּעדער,
מײַן פעלד איז דאָס פּאַפּיר!

די פּעדער איז מײַן סאָחאַ,
מײַן פעלד איז דאָס פּאַפּיר,
אונ װאָס פאַר מזל-בּרכה
איז אָנגעגרײט פאַר מיר! --

מען לעקט פון מיר די פינגער:
עס קלינגט מיט מיר א װעלט;
װאָס װאָס איז, דאַכט זיך, גרינגער —
מאַך לידלעך און נעהם געלד.

יאָ, איך מאָג זײַן צופריעדען, —
ניט ערגער בּיזן טויט.
אײנס פעהלט נאָר, ליעבע יודען,
נאָר אײנס —
דאָס שטיקעל ברויט!...

# אינהאלט.

זייטע


די פאפירענע בריק . . . . . . . . . . . . . 3

די לעצטע קאפיקע . . . . . . . . . . . . . 24

דער נייער ראבינער . . . . . . . . . . . . 36

אין חלום . . . . . . . . . . . . . . . 44

גבורים . . . . . . . . . . . . . . . . 59

די ריפ . . . . . . . . . . . . . . . . 60

מזבח=אדמה . . . . . . . . . . . . . . 62

ציון . . . . . . . . . . . . . . . . . 63

א ירושה . . . . . . . . . . . . . . . 64

צוויי טראיקעס . . . . . . . . . . . . . 65

ניי=יאהר . . . . . . . . . . . . . . . 68

הגדה=ליעדער . . . . . . . . . . . . . 69

דער פרעהליכער קבצן . . . . . . . . . . 73

הושענות . . . . . . . . . . . . . . . 77

חנוכת-הבית . . . . . . . . . . . . . . 79

חנוכה=שפיעל . . . . . . . . . . . . . 81

א חדר=מעשה . . . . . . . . . . . . . 86

צוויי אסנות . . . . . . . . . . . . . . 89

חתן=תורה . . . . . . . . . . . . . . . 93

א חלום . . . . . . . . . . . . . . . . 98

דאס יודיש קינד . . . . . . . . . . . . 100

תחית=המתים . . . . . . . . . . . . . . 102

אויף קבר=אבות . . . . . . . . . . . . 104

דעם שמש'ס=טאכטער . . . . . . . . . . 106

זינטער=ליעדער . . . . . . . . . . . . 114

א זומער-נאכט . . . . . . . . . . . . . 117

די גארטענ=הארפערקע . . . . . . . . . . 122

דער הויפען ערד . . . . . . . . . . . . 125

משיח'ס=צייטען . . . . . . . . . . . . . 134

א קלארע תשובה . . . . . . . . . . . . 139

א מעשה'לע . . . . . . . . . . . . . . 147

# עס ווערט אנגענומען דאס אבאנעמענט

אויף די טעגליכע צייטונג

# „דער פריינד"

דריטער יאהרגאנג.

„דער פריינד" געהט ארויס נאך דעם פראגראם פון גרויסע אלגע־מיינע טעגליכע צייטונגען. ער ברינגט אלע טאג צוגלייך מיט די גרעסטע צייטונגען טעלעגראמען, נייעס און בריעף פון דעם אלגעמיינעם, ווי אויך פון דעם יודישען לעבען אין רוסלאנד און אין אויסלאנד.

„דער פריינד" גיט ארטיקלען איבער פאליטיק, איבער פראגען פון יודישען און אלגעמיינעם לעבען.

„דער פריינד" גיט אב פיעל ארט פאר ערצעהלונגען, פעליעטאנען און וויסענשאפטליכע ארטיקלען.

„דער פריינד" גיט זיינע אבאנענטען <u>תשובות פון ספעציאליסטען</u> אויף פראגען איבער <u>געזעצען</u> און <u>רעכט</u> און איבער <u>טעכניק</u> און <u>מלאכה</u>.

„דער פריינד" האט אייגענע שטענדיגע קארעספאנדענטען אין אלע גרעסטע שטעדט אין רוסלאנד און אין אויסלאנד.

---

פון יאנואר 1905 הויבען מיר אן ארויסצוגעבען פאר די אבאנענטען

פון „פריינד"

## א מאנאטליכען זשורנאל פאר ליטעראטור, וויסענשאפט און געזעלשאפטליכע פראגען

# „דאס לעבען"

לויט דעם פאלגענדען פראגראם:

I. בעלעטריסטיק: ראמאנען, ערצעהלונגען, דראמען, שירים.

II. וויסענשאפט: א) ארטיקלען פון דער יודישער און אלגע־מיינער געשיכטע; ב) ביאגראפיען פון בעריהמטע מענשען; ג) היסטארישע ארטיקלען וועגען דער יודישער און אלגעמיינער ליטעראטור; ד) ארטיקלען איבער די וויסענשאפטען וועגען דעם געזעלשאפטליכען לעבען; סאציאלאגיע, פאליטישע עקאנאמיע, סטאטיסטיק א. ז. וו. ה) נאטור־וויסענשאפט, מעדיצין און היגיענע; ו) פילאסאפיע, פסיכאלאגיע און פעדאגאגיק.

III. פובליציסטיק: ארטיקלען וועגען די וויכטיגסטע צייט־פראגען ווי פון דעם יודישען, אזוי אויך פון דעם אלגעמיינעם לעבען.

IV. קריטיק: ארטיקלען וועגען ליטעראטור און קונסט.

V. ביבליאגראפיע: קורצע בעריכטען וועגען נייע ביכער, יודישע און אלגעמיינע.

אין זשורנאל „דאס לעבען" װעלען געדרוקט װערען בילדער און פארטרעטען.

דער זשורנאל „דאס לעבען" װעט ארויסגעהן אונטער דער זעלב.ר רעדאקציע און בײ דער בעטײליגונג פון די זעלבע מיטארבײטער, װי דער טעגליכער „פריינד".

דאס אבאנעמענט אויף דעם זשורנאל װערט אנגענומען נאָר פון די אבאנענטען פון „פריינד".

אבאנעמענטס-פרייז אויף די צייטונג „דער פריינד" (אהן דעם זשורנאַל)

אין רוסלאנד:

**אויף א יאהר — 7 רובל, א האלב יאהר — 3.50 רובל,**

**א פיערטעל יאהר — 1.75 רובל.**

אבאנעמענטס-פרייז אויף דעם „פריינד" אינאײנעם מיט דעם זשורנאל „דאס לעבען" אין רוסלאנד:

**אויף א יאהר — 10 רובל, א האלב יאהר — 5 רובל,**

**א פיערטעל יאהר — 2.50 רובל.**

**אין אויסלאנד קען מען אויסשרײבען דורך די פאסט.**

אדרעססע:

**Въ редакцію газ. „ДЭРЪ ФРАЙНДЪ", СПБ. Вознесенскій пр. 53.**

**Redaction „DER FRAIND", St.-Petersburg, Wosnessenski Prospekt, 53.**

בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי ירושלם